NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05181

# Y.L. PERETS FAR YUGNT

Isaac Leib Peretz

*Permanent preservation of this book was made possible
by Herman & Sydelle Bordowitz
in memory of
David & Mollie Bordowitz, beloved parents*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# י. ל. פרץ פאר יוגנט

## אַ כרעסטאָמאַטיע פֿון י. ל. פרצ׳ס ווערק.

צוזאַמענגעשטעלט פון אַ קאָמיסיע לערער
ביים צענטראַלן-בילדונגס-קאָמיטעט אין ווילנע

ווילנע — 1922

ווילנער פאַרלאַג פֿון ב. א. קלעצקין.

ווילנער פערלאג
ב. א. קלעצקין

דרוקעריי „ווילנער פאַרלאַג" פון ב. א. קלעצקין, קליין סטעפן־גאַס 23.

# פון „מיינע זכרונות".

## א.

## נעפלדיקע קינדער-יאָרן.

צו דריי יאָר — אָנגעהויבן (גלייך מיט אַלע חברים) חומש. געלערנט „ויקרא". זאָגן פלעג איך: „ויטרא", נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין „ק"; קיין „ג" אויך נישט. יאָרן לאַנג פלעגט מען מיך רופן: דד דדוד ידודנו (גד גדוד יגודנו)...

שבת נאָך דער סעודה האָט געזאָלט זיין ביים זיידן אין שטוב די שמחה. בשעת סעודה נעמט מיך דער זיידע (אַ קליין יידל, מיט אַ ציטעריק קעפל, ווי איך בין געוואָר געוואָרן, פאַר עלטער), זעצט מיך אַרויף אויפן טיש, אין דער מיט. די מאַמע דערשרעקט זיך און כאַפּט געשווינד אַוועק פון אונטער מיר אַ גאָפּל. אַרום טיש זיצט די גאַנצע משפחה: אַ זון, צוויי טעכטער, צוויי איידימס און אַן אַלמנה, מיינע אַן עלטער-מומע, אַחוצן זיידן מיט דער באָבען. צו וואָס מען האָט מיך אַרויפגעזעצט, ווייס איך נישט. מיר געפעלט עס. אַ וואַזע שטייט אויפן טיש, פּרוב איך, צי וועל איך זי אַרומנעמען מיט די הענט. נעמט אָבער די באָבע די וואַזע צו און פרעגט מיך, צי איך וועל קענען שפּעטער די דרשה?

— טענען! (קענען) — ענטפער איך און וויל שוין אַראָפּ פון טיש; לאַנג אויף איין אָרט זיצן קען איך נישט. פאַרהאַלט מיך אַ פעטער און פרעגט:

— און אויסלייגן „ויטרא" (ער מאַכט מיר נאָך) קענסטו?

ווייס איך נישט, וואָס אויסלייגן איז. פרעג איך:

— ס'טייטש?

— ווי אַזוי שרייבט מען ויקרא?

מיין איך, ער מאַכט חוזק.

— „ויטרא" — ענטפער איך פאַרדראָסיק — שרייבט מען נישט, „ויטרא" איז אַ פסוק און אַ פרשה אין דער הייליקער תורה.

מען האָט מיר קוים אויסגעטייטשט, וואָס מען מיינט, און איך דערזע פּלוצלונג פאַר די אויגן שוועבן אין דער לופטן די פּרשה, אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, און רוף אָן איין אות נאָכן צווייטן, אויסער שם הויה.

דער מאַמען ווערן די אויגן פייכט (נישט צו גלויבן, ווי איך האָב אַלץ געזען), עפּעס האָבן ביי איר אָנגעהויבן צו פינטלען די אויגן, און זי הייבט זיך אויף און גייט אין אַ ווינקל אַריין צום אויוון.

מיך נעמט דער זיידע פון טיש אַראָפּ צו זיך אויף דער שויס, און גיט מיר אַ קניפּ אין בעקל. איך זיץ אָבער נישט לאַנג, — בייניקע פיס געהאַט, איז מיר נישט באַקוועם — און גיי איבער צום טאַטן, וואָס קושט מיך. —

מער פון זיידן ווייס איך נישט, געדענק איך נישט. געהייסן, ווייס איך, האָט ער שלמה. געווען אַמאָל אַ דאַנציקער סוחר. פאַרציילט האָט מען, אַז איינמאָל איז ער אַהיים געקומען, ווי מען זאָגט, מיטן ביטשל... געווען איז עס פרייטאָג. געגאַנגען אין באָד אַריין, דערנאָך צו קבלת-שבת. „אָפּגעפּראַוועט" דעם שבת, ווי אַלע מאָל, קיין סימן פון עינוי. און ערשט מוצאי-שבת נאָך הבדלה צוזאַ-מענגערופן אַלע בעלי-חובות זיינע און געזאָגט: „רבותי, איך בין געקומען אָן אַ גראָשן, נעמט אייך צו אַלץ, וואָס אין שטוב!"

— חנהלע, דערלאַנג! האָט ער זיך געווענדט צו דער באָבען.

און די באָבע חנהלע האָט אויסגעטאָן די צירונג און געלייגט אויפן טיש. געעפנט די שאַנק מיט זילבער און גאָלד, אַריינגעברענגט די חפצים פון אַנדער שטיבל... קיינער אָבער האָט נישט גערירט.

די באָבע האָט איר קראָם געהאַט, האָט מען פון קראָם געלעבט, איינ-ציקווייז די חובות באַצאָלט, מיט פּראָצענט. און קינדער אויסגעגעבן.

ווי ווייט די מעשה איז אמת, בין איך אייך נישט ערב. אַז די באָבע איז פּעאיק געווען דערצו, דאָס ווייס איך. דעם זיידן געדענק איך נישט מער, ווי דעמאָלט ביים טיש, ווען איך האָב אויסגעלייגט. איך זע זיינע אויגן, קליינע, נאָר האַרציק ליכטיקע...

ווען און ווי אַזוי דער זיידע איז געשטאָרבן, ווייס איך אויך נישט. מען האָט מיך געמוזט האַלטן בשעת מעשה פונדערווייטנס, אַזוינס פאַרגעסט מען נישט. געהערט האָב איך, אַז ער איז קראַנק געווען, האָט אים דער דאָקטאָר געהייסן מאַכן אַ הייסע וואַנע, און אין דער וואַנע איז ער געשטאָרבן...

צו זעקס יאָר האָב איך אָנגעהויבן גמרא. דעמאָלט — אַלע אַזוי.

דער גמרא-מלמד — אַ קליין, מאָגער יידל. גערופן האָט מען אים דערי-בער: בערישל. אַ בייז יידל, שלאָגן אָבער קאָן ער נישט. אַז ער קומט אין כעס אַריין, הייבן אים אָן די הענט צו ציטערן.

— הענע! — רופט ער דעמאָלט צו דער רביצין — כאַפּ די קאָצערע און שפּאַלט דעם עם-הארץ דעם קאָפּ!

הענע רירט זיך נישט. זיצט ביים אויוון, פּליקט פעדערן אָדער שטריקט אַ זאָק. גייט עס וועגן מיר, ענטפערט זי:

— הערסט, ריר ליבושלען נישט אָן... איך וועל פאַרציילן ריבעלען... ריבעלע איז מיין מאַמע. און די רביצין איז געווען אַן איינקויפערין

פון ציבעלעס, גרינס... און פלעגט טראָגן צו אונז אויך, אַ דריסת הרגל געהאַט. און ליב געהאַט די מאַמען און מיך, אַפּנים, דער מאַמען צוליב.

— אַ יידענע, פלעגט זי זאָגן, אַ צדיקית... קאַרג אויף זיך און אויפן הויזגעזינד — און גיט צדקה, אָבער צדקה! און ער, דער גזלן, וויל שלאָגן איר ליבושלען!

— נו, נו, — ברומט דער רבי, זאָג איר, וואָס פאַר אַ תכשיט זי האָט... זי פלעגט זאָגן... נאַר קאַפּויער.

דער טאַטע מיינער האָט אויך נישט געהייסן שלאָגן. איז דעמאָלט נאָך אַ קעסט־קינד געווען, אינדערהיים געזעסן, און בטבע אַ ליבעראַל, אפשר אַן אַנאַרכיסט.

אַז עס איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז מען וועט נעמען צום מיליטער, און מען האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן, האָט ער געראָטן: נישט שרעקן זיך און נישט גיין. קיינער זאָל נישט גיין...

— מען וועט שמייסן!

— אַ וועלט שמייסט מען נישט!

— שמידן אין קייטן!

— נישטאָ אַזויפיל קייטן!

— איינזעצן אין תפיסה!

— אַכיבע מאַכן די וועלט פאַר אַ תפיסה!

ער אַליין האָט מיך אין לעבן צוויי מאָל געפּאַטשט.

פון געבוירנהייט אָן האָב איך פיינט געהאַט זיסע זאַכן. אין מויל אַריין נישט גענומען. „איך וויל, מען זאָל מיך האַלטן פאַר קלוג", האָט מען זיך גערייצט מיט מיר. די באָבע פלעגט באַקן מכל המינים גוטע זאַכן: ווייסן לעקאַך, האָניק־לעקאַך, טאַרטן, שטעפּנס, פרעגלען איינגעמאַכטס... פאַר זיך, פאַר די קינדער... פאַר קראַנקע אין הקדש, — אַלע אייניקלאַך פאַרדאַרבן זיך פון צייט צו צייט די מעגעלאַך. מען באַקומט און מען גנבעט אַ ביסל צו; איך איינער — אַן אויסנאַם.

מאַכט זיך מיין ייִנגערן ברודערס ברית.

קומען אָרימעלייט אויף לעקאַך און בראָנפן, פאַרזאַמלען זיי זיך אין מיטל־שטוב. רעכטס — די מאַמע די קינפּעטאָרין, אין דער שטוב לינקס — די באַלעבאַטישע געסט. איז געווען ביי אונז אַ סאַרווער, ער זאָל מיר מוחל זיין, אַ „כלב שבכלבים". אַזוי האָבן אים אַלע גערופן. געווען איז ער, איך זע אים פאַר מיינע אויגן, אַן אויסטערליש הויכער, אַ דאַרער און אַ ווייסער, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים. געווען איז ער אַן אַלמן און אַ חשוך בנים. עטלאַכע ווייבער געהאַט און קיין איינציק קינד. אַז די לעצטע איז געשטאָרבן, האָט ער זיך שוין מיאש געווען פון לעבן און געמאַכט זיך תכריכים. ביינאַכט, האָט מען פאַרציילט, שפּאַצירט ער אַרום אין די תכריכים אין הויף... שרעקט איבער לייט. אָרימעלייט האָט ער פיינט געהאַט שנאת מות. טראָגט דער

רשע פון דער מאַמעס שטוב אַרויס, הויך איבערן קאָפּ, אַ טאַץ מיט לעקאַך צו די באַלעבאַטים אַריין, איבער דער מיטל־שטוב. און איך זע, ווי אַ קראַנק מיידל קוקט מיט פאַרברענטע אויגן צו דער טאַץ אַרויף. פלינק בין איך געווען, שפּרינג איך אונטער, כאַפּ אַ שטיק לעקאַך און דערלאַנג דעם בלאַסן מיידל... דער טאַטע, — איך האָב נישט געוואוסט דערפון, — איז געשטאַנען אין טיר פון דער מאַמעס שטוב. דעם שפּרונג אין דער הויך האָט ער געזען, וואָס איך האָב מיטן לעקאַך אין דער נידער געטאָן — נישט. גייט ער צו און דערלאַנגט מיר אין באַק. צומאָרגנס, מיר זיצן אַלע ביים טיש, פאַרקלאָגט ער מיך פאַר דער מאַמען:

— דער קאָמעדיאַנט עסט מכלומרשט נישט קיין זיסע זאַכן און כאַפּט לעקאַך פון טאַץ!

קומט אַריין די דינסט מיט דער יויך, — געהערט האָט זי, אפּנים, הינטער דער טיר, — און פאַרציילט, וואָס איך האָב מיטן לעקאַך געטאָן. זי האָט געזען.

די מאַמע האָט די ברעמען אַראָפּגעלאָזט איבער די אויגן. זי האָט שטענדיק געהיט איר געמיט פאַר פרעמדע און אפילו פאַר היימישע אויגן. דער טאַטע איז בלאַס געוואָרן, די אויגן ווערן אים פייכטלאַך. און ער הייבט זיך אויף און גייט אָפּ אין צווייטן צימער אַריין. פיל איך מיך שולדיק, וואָס איך האָב באַלד נישט פאַרציילט, וויל נאָכגיין און איבערבעטן, — און קאָן נישט.

דאָס צווייטע מאָל האָב איך געלייזט, ווען איך בין שוין אַ „יינגל“, נישט קיין „קינד“ געווען — אַ „בחור“ (אַ יאָר 14 אוודאי!). אָבער שוין דעמאָלט אַ „חוקר“ געווען, געלערנט „מורה נבוכים“ און בין אַרומגעגאַנגען אין עולמות העליונים, פאַרמָר־השחורהט, מיט וועלט־טראַגישע חלומות און געדאַנקען! וואָס פאַר אַ תכלית האָט דער מענטש? די וועלט? ידיעה ובחירה... פונוואַנען נעמען זיך און צו וואָס די יסורים, דער צער? — נאָר אַ געמיט האָב איך געהאַט אַ שוואַרצס, געזוכט התבודדות און געקראַצט מיט נעגל אין דער נשמה...

איינמאָל פרייטאָג בין איך פאַרפאַלן געוואָרן אויף אַ גאַנצן טאָג. איך געדענק שוין ניט, וואו איך בין געווען. געקומען אין בית־המדרש אַריין צו קבלת שבת בין איך גלייך פון שפּאַציר, אין דער וואָכנדיקער קאַפּאָטע און וואָכנדיקן היטל, און נישט־געפּוצטע שטיוול, אָנגעקלעפּטע מיט ליים פון אונטער דער שטאָט. דעם טאַטנס פּנים האָט אויפגעפלאַמט. ער האָט זיך דאָך איינגעהאַלטן פאַרן עולם. נאָר ביים קידוש קען ער קיין אויג ניט אָפּרייסן פון מיין פאַרחושכטן פּנים און גיט פלוצלונג אַ שטעל אַוועק דעם כּוס און דערלאַנגט מיר אין באַק מיט דער באַפּרייטער האַנט.

— שיינע שבתים מאַכט ער מיר! — און גייט אַרויס אויף אַ ווייל. די מאַמע ברומט:

— גלייך אַ קינד האָט נישט זיינע וויטאָגן...

אַז מיין וויטאָג איז געווען גאָר ניט קינדיש, איז איר נישט איינגעפאַלן...

אינגאַנצן צוויי מאָל געשלאָגן.

אַ פרעמדן אַרויפלייגן אויף מיר אַ האַנט וואָלט ער געוויס נישט געלאָזט. פון דעם ווייסט ר׳ בערישל און די רביצין, וואָס זיצט שטענדיק ביים אויוון, טוט עפּעס, פאַרקוקט אין די תּלמידים און פאַרהערט אינם לערנען.

איבער דער רביצין, אויפן גזימס פון אויוון, ליגט שטענדיק אויסגעצויגן די קאַץ, אַ גרויסע, אַ פוילע...

טרעפט זיך אָבער, אַז די רביצין דרעמלט איין ביים שטריקן אַ זאָק, אפשר איינגעוויגט פון גמרא-ניגון, און פאַרלירט די קנויל. גיט שוין די קאַץ, וואָס האָט דערויף געלאָקערט, אַ שפרונג אַראָפּ פון גזימס צו דער קנויל און הייבט זיך אָן מיט דער קנויל צו שפּילן, ווי מיט אַ מויז, און פאַריאָגט זי ביז אונטערן בעט...

מיר פּלאַצן אויס מיט געלעכטער... די רביצין כאַפּט זיך אויף. דער רבי ווערט בייז...

פאַר אַזאַ געלעכטער (איך פלעג לאַכן צום שטאַרקסטן) האָט ער מיך שוין איינמאָל געוואָלט ערנסט שלאָגן. איז אָבער פונקט אַריינגעקומען דער טאַטע... די סצענע ביים זיך מיטאַמאָל.

— אַ, ר׳ יודל! וואָס מאַכט איר, ר׳ יודל? זעצט אייך, ר׳ יודל...

די רביצין פרעגט: וואָס ריבעלע מאַכט. און דער טאַטע ווענדט זיך גלייך צו מיר און פרעגט:

— וואָס שוויצסטו אַזוי, ליבעלע?

— וואָס הייסט? פאַרכאַפּט דער רבי, אויס מורא, איך זאָל נישט פאַרציילן:—ווי הייסט, די תּורה הקדושה, ברוך השם, וואַרימט... און אַ זומער-טאָג...

באַקומט דער טאַטע אַ ליבעראַלן איינפאַל און זאָגט צום רבין:

— ווייסט איר וואָס, ר׳ בערישל? לאָזט יעדן טאָג אַרויס די קינדער פאַר דער טיר אויף אַ שעה!

גלייך אַ דונער וואָלט אין בערישלען אַריינגעשלאָגן...

גלאָצט ער אויס אַ פּאָר אויגן און הייבט אָן שטאַמלען:

— וואָס רעדט איר? ווי הייסט? זיי זאָלן זיך שפּילן אין ליים?

מען האָט געזאָלט אַרויפציען אַ בייעם שטאָק, האָט מען אָפּגעלייגט ליים פאַרן הויז.

— פאַרוואָס נישט? ענטפערט דער טאַטע צוריק.

גיט זיך ר׳ בערישל האַלב אונטער:

— מילא, בנוגע צו אייער ליבושלען... אַז איר ווילט...

— איך אויך! איך אויך!—רופט זיך אָן מיין גלידשוועסטערקינד, יחזקאל...

— פאַר ר׳ מרדכין בין איך אַייך ערב! רופט זיך אָן דער טאַטע, יחזקאלס פאָטער האָט געהייסן מרדכי.

וכך הוה. מיר צוויי באַקומען רשות און גייען טאָג-טעגלאַך אַרויס אויף אַ שעה פאַר דער טיר, צום באַרג, צום ליים, זיך געשפּילט, געגראָבן (ערגעץ אַ לאָפּאַטע באַקומען), טאָלן, גריבער געמאַכט, אַ פעסטונג געבויט.

און די אַרבעט איז אונז שפּעטער צו-נוץ געקומען. אַ מצוה צו טאָן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען איינגעלייגט די זאַמאָשטשער פעסטונג. די מויערן האָט מען צעשאָסן און געדונגען אַרבעטער אַראָפּצושיטן די וואַלן אין די פאָסן אַריין. געצאָלט האָט מען פון קלאַפּטער. האָבן זיך אויך עטלאַכע יידן צו דער אַרבעט געשטעלט. אַלטע, צעבראָכענע יידן, וואָס האָבן שוין צו עפּעס אַנדערש ניט געטויגט. נאָענט צום חדר איז עס געווען, פלעגן מיר אויף אַ שעה לויפן אויפן וואַל אַרויף און אַרבעטן פאַר די אַלטע לייט.

---

ב.

## דער ביבליאָטעק=שליסל. „זייער" בית=מדרש.

עס פאַלט צו די נאַכט... איך גיי אַרויס אויפן שאָסיי, גיי עטוואָס ווייטער אָפּ פון שטאָט און דערזע (גלייך צום ערשטן מאָל!) — ווי די זון לאָזט זיך אַראָפּ אונטערן גאָרטן — די פּורפּור=פלאַם פון צווישן די צווייגן... און קעגנאיבער שיינט אויף אַ בלאַס=געצייכנטע לבנה; קומט העכער, העכער, ווערט בולטער...

איך שטיי אָנגעשפּאַרט אָן עפּעס אַ צוים און קוק, און וואונדער מיך, פאַרוואָס זע איך עס אַזוי צום ערשטן מאָל... יעדן טאָג גייט דאָך אונטער די זון, יעדן אָוונט גייט אויף די לבנה...

און זי ציט זיך אַרויף, אַרויף...

אַ ציינערנער הקדש=טעלער? אַ זילבערנע טאַץ אויף דרשה=געשאַנק? יהושעס פּנים?

אפשר פרעגן ביי יהושען: פאַרוואָס שטאַרבט מען, נאָך וואָס? —
רירט מיך פּלוצלונג עמיץ ביים אַקסל אָן...

מיכל פידלער — ביים פּלויט פון זיין התבודדות-הייזל בין איך עס געשטאַנען. ער איז צו מיר אַרויסגעקומען, אַ שטילער, שטיל-שלייכנדיקער, מיט טרויעריקע וואַסער=אויגן, אין איין האַנט — אַ ספרל, אין צווייטער — אַ לאַמטערל...

— „מען זאָגט, דו ביסט אַן עילוי, קענסט דאָ פּשט?"

און ער וויזט מיר אַן אָרט אין קבלה=ספרל (דעם נאָמען — פאַרגעסן), עס רעדט זיך וועגן גלגול... איך לעז דורך, פאַרשטיי און פאַרטייטש...

— „ביסטו דאָך טאַקע אַן עילוי... נו, וואַרט" און ער פאַרשווינדט צו־ריק אין הייזל אַריין...

עס הייבט זיך אין מיר אָן אויסצוויקלען אַ געדאַנק: אפשר איז דאָס דער ריכטיקסטער ענטפער אויף אַלע מיינע פראַגן... דער געדאַנק דער־וויקלט זיך אָבער נישט, ער קומט צוריק אַרויס מיטן לאַמטערן, נאָר אין דער אַנ־דערער האַנט, אויפן אָרט פון ספרל — אַ גרויסער, שווערער פאַרראָסטער שליסל — —

דער שליסל צו זיין פאַרמאַכטער ביבליאָטעק אין שטאָט...

— דו ביסט עס ווערט...

מיט דער האַנט, וואָס ציטערט שלאַבעריק, דערלאַנגט ער מיר דעם שליסל. די שטימע — הויל, אָן טאָן, היינט וואָלט איך געזאָגט — אָן פאַרב. איך הייב צו אים די אויגן אויף, וויל עפעס זאָגן, דאָס מויל איז מיר צוגע־שנירט; ביים שיין פון לאַמטערל זע איך אַ פנים פון אַ בר־מנן... געל, וואַקסן־געל, אָפגעלאָזט...

„אַ בר־מנן דערלאַנגט מיר דעם שליסל" —

איך נעם אים און גיי מיט אים אָפּ שווייגנדיק. דער שליסל וועט עפע־נען — מיר אַ נייע ביכער־וועלט.

---

נישט מיטאַמאָל לויפט מען פון יידישן אין גוישן בית־המדרש אַריין. מען האָט דאָך אַ יידיש האַרץ, קלאַפּט עס. איך פיל, אויבוואויל נישט קלאָר, אַז איך רייס מיך פון עפעס און עמיץ אָפּ. פון עמיץ היימישס, פון עפעס טייערס... נעכט שלאָף איך נישט, און בלאָנזשע אַרום טעג אונטער די בראָ־מען. איך בין טאַקע שוין אַ „פורץ גדר", אין אַ סך זאַכן האָב איך אויפגע־הערט צו גלויבן. פיל פון הייליקן איז מיר אומהייליק געוואָרן, אָבער אַלץ אינדערהיים, אין בית־המדרש, וואָס איז לעבן דער שול...

און איך זע מיך, ווי איך גיי צו לעצטן מאָל, דריקנדיק מיט דער פויסט דעם דיקן פאַרראָסטן שליסל אין טאַש, אונטער דער לעמבערגער בראָם. אויפן שאָסייענעם דריי־עק, צווישן „אונזער" און „זייער" בית־עלמין, און האָב התבודדות, און הער אויס אַ וויכוח צווישן „יצר טוב" און „יצר הרע". אָבער דער יצר הרע איז גובר.

זע איך מיך, ווי איך גיי, אין אַ שוואַרץ היטל, אין אַ ביסמאַרק־פּאַלטאָ אין ווייס־פּאַרליימיקטע שטיוול (צופעליק הייב איך דעמאָלט אָן צו זען פאַרבן!) איבער דער ברוקירטער גאַס, פון די רויטע קאָשאַרן צום גרינעם שלאָס (עס איז פרילינגס־צייט) און בלייב שטיין ביים קוואַר־געסל פאַרן שלאָס, אין ווינקל, וואו דאָס הויז שטייט; דאָס הויז מיט דער פאַרמאַכטער ביבליאָטעק אויפן בוידים. איך טרעט אַריבער די שוועל איבער געוואַלט. עטלאַכע טראָפּן שווייס פּערלען זיך איבערן שטערן! דאָס הויז איז מיר פרעמד; דאָ וואוינען נישט קיין יידן. צופעליק. און פיליכט צוליב דער נאָענטקייט מיטן שלאָס! דאָס הויז איז אַ נייעס, דעמאָלט דאָס נייעסטע, און האָט ליכטיקע טרעפּ, דע־

מאָלט די איינציקע ליכטיקע טרעפּ אין שטאָט. איך שטייג באַהאַרצט; אַ גוטער סימן—אַ ליכטיקער וועג! און איך שטייג אין ליכט. איין שטאָק, אַ צווייטער— די פּלאַטפאָרם צום בוידים; דאָ לעשט זיך מיר דער טאָג אויס... איך ווער עטוואָס אומרואיק. אָבער „כל באיה לא ישובון", נישט פאַראַן: צוריק! די האַנט ציטערט אַ ביסל, דאָך דערטאַפּט זי די טיר; אין טיר — דעם שליסל־לאָך. „פריער אַריינקוקן!" איך נייג צו אַן אויג: אַ חושך. קעגנאיבער אַ פאַר־לאָדנט פענסטער פון אינעווייניק. אָבער דורכן לאָדן־שפּאַלט רייסט זיך אַ ריין אַ זייל פון ציטעריקן זונען־שטויב און שפּאַרט צו ביז צון אַ הויפן ביכער אויף דער פּאָדלאָגע.

„דער עמוד ענן!"

„דער עמוד אש!"

„ביידע פירן אין מדבר!"

און איך דריי איבער דעם שליסל! אַ קריץ אין אַלטן שלאָס, דאָס האַרץ — אַ ציטער, דאָך — די טיר — שוין אָפן, דער לאָדן — האַסטיק אויפגע־ריסן — איך בין אין „זייער בית־המדרש"...

אַז מיר האָבן אַ חלק אין אַלע בתי־מדרשים, „ביודעים ובלא יודעים" — פאַלט מיר דעמאָלט נישט איין. אָבער אַזויפיל ביכער! אַרום אויף אַלע פיר ווענט, צעוואָרפענע אונטער די פיס אויף דער פּאָדלאָגע.

— איך וועל אַלץ לייענען און כסדר!

---

# קינדער.

(אַ סוכּות־ערציילונג).

מיין טאַטע איז געווען: ווינטער אַ שניידער, זומער — אַ סאַדאָווניק. גע־פעלט אייך נישט דער יחוס, לייגט אַוועק די מעשה.

ס'איז אָבער אַ שאָד: אַ שיינע מעשה.

איך בין נאָך דעמאָלט אַ חדר־יינגל געווען, און פלעג זומער, נאָכן אָפּ־דאַווענען מנחה ומעריב, אַרויסגיין צו טאַטע־מאַמע, אין סאָד אַריין, וואָס זיי האָבן געהאַלטן בשותפות מיט אַ וואַטנמאַכער, און צוזאַמען מיט אים דאָרט איבערן זומער געוואוינט.

מיין טאַטע, אַ פּראָסטער ייד, האָט געוואָלט, אַז פון זיין ראובן־בנימין, זיין בן־יחיד, זאָל אַרויס, נישט קיין שניידער און נישט קיין סאַדאָווניק, נאָר אַ בן־תורה, אַ רב, כאָטש אַ דיין! און ווען אַ גוטער מלמד, איז אויך אַ כבוד!

אַ קעפּל האָב איך אַפילו געהאַט נישט קיין שלעכטס, נאָר קיין מתמיד בין איך נישט געווען: מער חשק געהאַט צו שפּילן און צו היימיש־יידישע קונסט: הבדלות מאַכן, דריידלאַך גיסן, אויסשניידן פּאַפּירענע פייגעלאַך און

נאָך אַזעלכע זאַכן. און דעם סאָד האָב איך ליבער געהאַט פאַרן חדר... האָט אַמאָל שטאַרק געדרענגט, און עס איז מיר אויסגעקומען צו בלייבן אין שטאָט און צו נעכטיקן ביים רבין אין שטוב, אויף אַ געמאַכט געלעגער, צווישן טיר און פעסל וואַסער,—האָב איך געמיינט, איך וועל דערשטיקט ווערן. און האָב נאָך אַ גאַנצע נאַכט בייזע חלומות געהאַט: אָט איז מען דעם סאָד באַפאַלן, מען שאָקלט די באַרלאַך, דער טאַטע שלאָפט, די מאַמע שלאָפט. אויף דער צווייטער זייט, אין ביידל ביים וואַטנמאַכער, שלאָפט מען אויך. איך איינער שטיי אין העמד איינמיטן סאָד און שריי:

— טאַטע! מאַמע! ר׳ זעליק-זלמן! טריינע! — אַזוי האָט ר׳ זעליק-זלמנס ווייב געהייסן — גאָלדעלע!

— שייגעץ איינער,—וועקט מיך איינמאָל דער רבי איבער, און נישט זייער לייטזעליק,—וואָס פאַר אַ גאָלדעלע?—

גיי זאָג אַ רבין, אַז גאָלדעלע איז אַ מיידל, ר׳ זעליק-זלמן וואַטנמאַכערס און זיין ווייבס טריינעס איינציק טעכטערל, — אַ מיידל עטוואָס ייִנגער פון מיר, מיט וועלכער איך שפיל מיך אפילו אין זאַמד, צוליב וועלכער איך מאַך אַמאָל אַ פייפערל און שפיל צווישן טאָג און נאַכט צווישן די ביימלאַך אין סאָד.

דריי איך מיך, שווייגנדיק, איבער אויף דער צווייטער זייט, שלאָף איין און חלום ווייטער...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

איינמאָל, אָנהייב זומער, האָט דער רבי מודיע געווען, אַז ער האָט שטאַרק קאָפּ-ווייטאָג און צעלאָזט דאָס חדר מיט אַ האַלבע שעה פריער. איך האָב שיר נישט אויסגעשריען פאַר פרייד! חברים ווילן מיך פאַרהאַלטן, שפּילן אין „ציג-און-וואָלף“, האַנדלען קנעפּלאַך מיט שטאָלפעדערן. איך הער נישט. איך אַנטלויף פייל פון בויגן. מעשה-סאַדאָווניק, וואַרף איך באַלד אונטער דער שטאָט די שטיוול אַראָפּ, פאַרבינד זיי און וואַרף איבער די אַקסל. דורכלויפן דריי ווערסט איז נישט קיין סך, שוויץ איך און לויף. כ׳קום אין סאָד אַריין, וואַרף די שטיוול אַוועק ביי דער פורטקע, לויף דורך די בייטן אין מיט סאָד אַריין, געוואָלט מיטאַמאָל אַרומגענומען ווערן מיט סאָד. —

אין סאָד איז שטיל. אַלע דרעמלען אַוודאי אין די ביידלאַך. אין סאָד איז נאָך קיין אַרבעט נישטאָ, און אויסשלאָפן מוז מען זיך אויף שפּעטער. עס גייען גאַנצע חדשים צום וואַכן: אַרום דערפער מיט שקצים — גרויסע בעלנים אויף אויבס...

איך שטעל מיך אָפּ, קוק מיך אום...

באַמערק איך, עפּעס רירט זיך אונטער אַ צעבליט באַרן-ביימל. איך קום עטוואָס נענטער—גאָלדעלע. עפּעס גראָבט זי אין דער ערד, שטעקט אַריין ריט-לאַך, און איז אַזוי פאַרנומען, אַז זי הערט נישט מיינע באָרוועסע טריט... שלייך איך מיך שטיל נאָך נענטער און פון אַ זייט צום ביימל צו, נעם אָן דעם יונגן

דינעם שטאַם און טרייסל. דער באַרן-בוים רעגנט מיט שנייעלאַך איבער גאָל-דעלעס קעפּעלע...

גאָלדעלע האָט זי געהייסן און—גאָלדענע האָר געהאַט, און עפּעס אַזוינע שטיל-לאַכעדיקע אייגעלאַך און טאָפּלטע חן-גריבלאַך אין די בעקלאַך. הערט זי אויף צו גראָבן אין דער ערד, לאָזט אויף זיך רעגענען די ווייסע בליטן אי-בערן קאָפּ, אין שויס אַריין, און ערשט אין אַ גוטער מינוט אַרום, הייבט זי די אויגן אויף און זאָגט, אַ ביסל גערויטלט:

— אַ שאָד, ראובן-בנימין, מאַכסט אַ היזק!

איך לאָז אָפּ דאָסביימל און פרעג, וואָס זי טוט.

גאָלדעלע פאַרציילט:

זי מאַכט זיך אַ באַזונדער גערטל. און ווייזט מיר די אַריינגעשטעקטע ריטלאַך.

— וואָס וועט וואַקסן אין דיין גערטל, גאָלדעלע?

וואַקסן, וויל זי, זאָלן ערשטנס בלומען, רויטע רויזן, ליליען ווייסע און נאָך, און נאָך...

— און פּירות נישט?

— פּירות אויך! נאָר נישט אַזוינע פּירות... פּערגאַמוטן מעגן זיין...

אָבער דער עיקר: ציטרינען, אתרוגים... ל-ו-ל-בים...

ציט זי מיטן דינעם קולכל און פאַרחלומטע אייגלאַך.

און כּדי די שקצים פון די דערפער זאָלן נישט באַפאַלן איר גערטל און אָפּשאָקלען די פּירות, מאַכט זי אַרום גערטל אַ פעסטונג — אין אונזער שטאָט איז אַ פעסטונג געווען. איך זעץ זיך צו. מיר געפעלט די המצאה, און מיר אַר-בעטן צוזאַמען.

עס פאַלט צו דער אָוונט.

ווערט אַ גערופעריי פון איין זייט:

— גאָלדעלע! וואו ביסטו, גאָלדעלע?

און פון דער צווייטער זייט:

— ראובן-בנימין! ראובן-בנימין! און אומרואיק פאַרוואונדערט: נאָך פון חדר נישט געקומען!

דער מאַמעס קול!

אין ביידע זייטן פאַר די ביידלאַך ברענט שוין אַ פייער, ביים פייער שטיי-ען טעפּ, וועטשערע קאָכט מען. מען רופט גאָלדעלען, מען רופט מיך, מיר הערן אַזוי ווי אין אַ חלום, אין דער אַרבעט פאַרטאָן, און ענטפערן נישט.

דריי וואַלן וועט מען מאַכן אַרום, אַזוי ווי אונזער פעסטונג איז אין שטאָט. צווישן די וואַלן וועט מען אָנגיסן וואַסער.

— ווייסטו וואָס, גאָלדעלע?

— וואָס?

— זעלנער וועלן שטיין אויף די וואַלן!

זי פרעגט:

— זעלנער, פון וואָס?

איך קלער נישט לאַנג און ענטפער:

— פון דינע שטעקעלאַך. איך וועל אויסשניצן; ווייסט דאָך, אַ מעסערל האָב איך!

זי ווייסט.

און איך דערמאָן מיך, אַז איך האָב מיין אייגנס עטלאַכע פאַרצעלייענע שערבלאַך.

— „וועט דאָס זיין אָפיצערן!"

זי הייבט דאָס קעפל אויף, פאַרחידושט:

— פונוואַנען האָסטו פאַרצעלייענע שערבלאַך?!

— כ'האָב שוין—רים איך מיך,—געקויפט פאַר קנעפלאַך! אויסגעטוישט! זעסט? און איך ווייז איר, וויפל קנעפלאַך עס פעלן ביי מיר.

— און איך האָב, זאָגט זי, געפונען אין שטאָט אַ לענגעכיק גלעזל — כ'בין געוועז קויפן זאַלץ—אַ לענגעכיק רויט גלעזל. עס לייכט דורך אַזוי שיין!

— וועט זיין, זאָג איך, אַ גענעראַל!

— אַ גענעראַל!—איז גאָלדעלע מסכים.

און מען אַרבעט ווייטער.

— גזלן, שרייט טריינע צום מאַן,—לויף דורך דעם סאָד. אפשר אונטער אַ ביימל איינגעשלאָפן.

און מיין מאַמע פון דער צווייטער זייט סאָד לאָזט זיך הערן, אַן אָנגעשראָקענע:

— רוצח, בערל! (מיין טאַטנס נאָמען) לויף אין שטאָט אַריין! ווי מיר, געמוזט עפּעס געשען... אפשר די ווערימלאַך זיך אָנגערופן!

מען מוז איבערהאַקן! מיר קריכן אַרויס פון אונטער באַרן-ביימל און צעלויפן זיך, יעדעס צו זיין בעדל.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

בשלום אַריבער. און ביי דער פעסטונג אַרבעט מען יעדן אָוונט! טייל-מאָל שלייכט מען זיך אוועק נאָך דער וועטשערע נאָכאַמאָל, און מען אַרבעט ווייטער.

די שותפים—ביידע פאַר-פעלקער—שפּאַצירן אַרום איבערן סאָד, באַקוקן דאָס געדעטעניש, באַשטימען, וועלכע ביימלאַך מען וועט דאַרפן אונטערשפּאַרן; מען רעכנט אויס, וויפל עס וועט זיין אויבס, און אויב עס וועט זיין אַ מקח — וויפל עס וועט בלייבן. מען פאַרגעסט אָן אונז אַ ביסל... און עס אַרבעט זיך געשמאַק. די פעסטונג וואַקסט פון טאָג צו טאָג. פאַר מיר, וויינקסטנס, איז די פעסטונג דער עיקר! גאָלדעלע ווייל דאָס גערטל אויך נישט פאַרלאָזן. וואו זי געפינט אַ שיין פריש ריטל, זעצט זי אַריין; מיט יעדן טאָג נעמט זי דאָך די

פּעסטונג אַלץ מער און מער. מאָרגן, אַז גאָלדעלע וועט אַרויסגיין מיט דער בלעכערנער קאַן באַגיסן די מערן מיט די רעטאַכלאַך, וועט זי אָנגיסן וואַסער. אַז איך וועל קומען פון חדר, וועלן שוין צווישן די דריי וואַלן פליסן צוויי טייכן!

— אָבער וואָס וועלן די זעלנער עסן ?—פּאַלט מיר פּלוצלונג איין צו פרעגן.

— ברויט !—ענטפערט גאָלדעלע. — פאַראַן אין יענער זייט גאָרטן ליים, וועל איך ברענגען קנעטן בולקעס. אַ מולטערל וועל איך מאַכן פון אַ גרויסן רעטאַך. נאָר—פאַרזאָרגט זי זיך,—וואו וועט מען באַקן דאָס ברויט?

— מוז מען—זאָג איך — מאַכן אַ בעקעריי, אַ זעלנערישע בעקעריי, אין אַ פעסטונג מוז עס זיין!

גאָלדעלע שפּרינגט אויף, פּאַטשט מיט די הענטלאַך פאַר פרייד.

— שטילער, שטילער! מען וועט דערהערן!... און איך נעם מיך באַלד צו דער מלאכה. גאָלדעלע העלפט. באַלד ווערט אויסגעגראָבן אין דער דיק פון איבעווייניקסטן וואַל אַ באַק-אויוון. מען דאַרף נאָך אַרויף=און אַרויסציען אַ קוימען. ערגעץ אין סאָד ליגט אַ שטיק בלעך, גאָלדעלע ווייסט וואו.

זי שפּרינגט אויף, פליט אויף די באָרוועסע קליינע פיסלאַך. איך קוק איר נאָך און ציטער, זי זאָל זיך נישט איינשניידן אַ פיסל אין אַ שאַרף גלעזל... נאָר אָט איז זי צוריקגעקומען בשלום...

זי לאַכט:

— זיי שטייען ביי די בייטן און ציילן די ריבן!

גאָלדעלע דערלאַנגט די בלעך. איך נעם און וויל זי אויסבייגן קיילאַכדיק, און שנייד מיר איין אין אַ פינגער.

גאָלדעלע דערשרעקט זיך, שפּרינגט אויף מיט אַ געשריי. איך שפּרינג אויך אויף, כאַפּ איר אַרום דאָס קעפּל, פאַרשטאָפּ איר דאָס מיילכל מיט דער געזונטער האַנט:

— מען וועט דערהערן!

און מען האָט דערהערט.

— וואָס שרייסטו, גאָל—דעלע, גאָל—דע—לע!

איר מאַמעס קול.

— גאָרנישט, גאָרנישט!—ענטפער איך פאַר איר.

זי איז געלאָפן איןביידל אַריין נאָך שפּינוועבס, אַ שטיקל לייוונט און אַ פאָדים אַרומצובינדן.

— דו? ראובן-בנימין?—הער איך מיין מאַמעס קול.

— וואָס טוסטו דאָרט ערגעץ אין סאָד, שייגעץ איינער!—כאַפּט אונטער דער טאַטע.

— גאָרנישט! ענטפער איך, גאָרנישט! כ׳גיי שוין שלאָפן... און לאָז מיך צו אונזער ביידל צו, און וואַרף מיך מיטן בלוטיק=טריפנדיקן פינגער אויף מיין געלעגער.

— איך שלאָף שוין, טאַטע! שריי איך אַרויס אין סאָד אַריין.

דערווייל שלייכט זיך צו מיר אַריין גאָלדעלע, פאַרבינדט מיר ביים בלאַ־סער לבנה־שיין דעם פינגער — — — — — — — — — — — — — —

צומאָרגנס פירן מיך טאַטע־מאַמע אָפּ אין חדר אַריין. דער טאַטע גייט פאָראויס, די מאַמע—פון הינטן, איך—אין דער מיט. די פנימער פון טאַטע־מאַמע זע איך נישט, נאָר איך פאַרשטיי, אַז זיי זיינען „אָנגערוקטע”. איך האָב געמוזט עפּעס זינדיקן, מען וועט מיך פאָרן רבין פאַרמסרן...

שטאַרק מורא האָב איך נישט. איך בין דאָך פאָרט אַ בן־יחיד. די מאַמע זאָגט: „איינער פון אַכט געבליבן”. —

ענדלאַך אָנגעקומען.

— רבי,—הייבט אָן דער טאַטע נאָכן „גוט מאָרגן — גוט יאָר”. מהיום והלאה קומט דער יונג נישט מער אין סאָד אַריין.

און פאַרטייטשנדיק:

— אַ יונגאַטש, שפּילט זיך אין זאַמד!

— און מיט מיידלאַך!—גיט צו די מאַמע.

— איי־איי־איי!—שאָקלט דער רבי מיינער מיטן קאָפּ, ווי אַן אומרו אין דער ברייט.

און די רביצין, וואָס קען נישט אַוועק פון קוימען און שווענקט עפּעס אין טאָפּ, זיפצט אָפּ:

— הייַנטיקע קינדער! הייַנטיקע קינדער!

נאָר פון איר מאַכט זיך קיינער נישט.

— ער וועט שלאָפן ביים אייך!—איז גוזר דער טאַטע.

מיך פרעגט מען קיין עצה נישט. מען רעדט ווייטער. דער טאַטע, די מאַמע, דער מלמד.

אָט כאַפּט מיך דער טאַטע ביים אַקסל:

— און וואָס וועט זיין פון דיר? אַ בור, אַ שניידערוק, ווי איך?

איך האָב מורא צו זאָגן, אַז איך וויל האַלטן אַ סאָד, און מאַכן אַרום סאָד אַ פעסטונג צו פאַרהיטן פאַר די שקצים.

— געדענקט־זשע, רבי, 2 גילדן אַוואָך פאַרן שלאָפן! און אַכטונג זאָלט איר געבן.

דער רבי שאָקלט מיטן קאָפּ אין דער לענג.

— נאָר שלאָגן—נעמט אים די מאַמע אָן אַ זייט, פון טאַטן אַוועק — חס ושלום! איינער פון אַכט געבליבן!...

אוי, ווי ליב איך האָב מיין מאַמען!

אלול. איך לערן מיך שופר־בלאָזן. עס גייט אַ גאַנג.

— „וואָלסטו אַזוי צוגעלייגט די חושים צו דער גמרא!”—מאַכט דער רבי.

— און שופר־בלאָזן—פרעג איך—איז אַ קלייניקייט? ניט אַ גרויסע מצוה?!

— דאָס קען—ענטפערט דער רבי—אַ שניידערוק אויך!

— וואָס רעדסטו, מיכל—מישט זיך אַריין די רביצין.

— אַ מענטש,—בורטשעט זי ביים קוימען — פאַרגעסט, וואו ער האַלט אויף דער וועלט...

— מיין טאַטע,—רוף איך אויס, באַליידיקט,—איז דער עיקר אַ סאַדאָוויניק... דער רבי וויל זיך פאַרענטפערן, פאַררייידנדיק:

— נישט דאָס בלאָזן איז דער עיקר; דער עיקר איז די כּונה פון שופר־בלאָזן! שלאָגן שלאָגט מען מיך נישט. מיט מיין מאַמען מאַכט מען קיין קונצן נישט. זי וואַרפט שקצים אַריבער איבערן פּלויט. און מאַכט זיך אַ סיכסוך מיט אַ סוחר פון אויבס, כאַפּט זי אַזאַ יידן אָן ביי דער באָרד און שלעפּט פון סאָד אין שטאָט אַריין צום רב... דריטהאַלבן וויאָרסט!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מוצאי־יום־כּיפּור גייען מיר, מיין טאַטע־מאַמע און איך, צוריק אין סאָד אַריין.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די מאַמעס האָבן יום־טוב געמאַכט, די טאַטעס—די סוכה. זי אויסגעצירט האָב איך מיט גאָלדעלעס הילף. אויסצירן אַ סוכה איז דאָך אַ מצוה! לאָזט מען. דאָס איז נישט „שפּילן"!

האָט גאָלדעלע ערגעץ צוזאַמענגעקליבן האַלבע אייער־שאָלן און אויסגע־האַנגען אַרום די ווענט; האָב איך אויסגעשניטן פון רויט פּאַפּיר פייגעלאַך. און אין יעדער האַלבער אייער־שאָל אַ רויט פייגעלע אַריינגעזעצט; מיטן פּי־סקעלע אַרויס, אין דער מיט סוכה אַריין. ממש לעבעדיקע פייגעלאַך. גאָלדעלע שעפּט נחת, פּאַטשט אין די הענטלאַך אַריין:

— וועסט זען, זיי וועלן זינגען! זיי מוזן זינגען...

דערנאָך האָב איך געמאַכט אַ לאַמטער פון אַ גרויסער, אויסגעהוילטער דיניע. אויסגעשניטן אין דער שאָל שיינע געכּתיבעטע אותיות: בסוכות תשבו—

„דאָס איז טייטש,—האָב איך גאָלדעלען ערקלערט—גאָט האָט געזאָגט צום פאָלק ישׂראל, און געהייסן, ער זאָל זיצן אַכט טאָג אין סוכה".

און האָב אַריינגעשטעלט אין דער דיניע אַריין אַ ליכט. פאַרנאַכט איז שוין געווען, וועט מען פּרובן! גאָלדעלע לויפט און ברענגט זאַפּאַלקעס. זי קומט צוריק צעהיצט; די אייגעלאַך בליצן. איך צינד אָן, נאָר די הענט ציטערן מיר עפּעס; קוים אָנגעצונדן. אָט, עס ברענט. אַ פיין צנועהדיקע שיין צעשפּרייט זיך אַזוי ווייך איבער דער סוכה. דער פּסוק שיינט העלער, ווערט בולט און בולטער...

— אוי, האָב איך ליב סוכּות!—שרייט אויס גאָלדעלע.

מיר טרעטן עטוואָס אָפּ און בלייבן שטיין אינם וואונדער פאַרקוקט...

— די פייגעלאַך וועלן דאַן זינגען!—האַלט זיך גאָלדעלע ביי אירס!

הינטער אונז שטייען שוין טאַטע־מאַמעס.

מיין טאַטנס קול:

— שוין פאַרטיק, באַסע־קאָמאַנדע?!

זיי בלייבן שטיל, פאַרקוקט און פאַרוואונדערט פון דער שענקייט.

———

# דער משולח

ער גייט, און דער ווינט צעיאָגט די פּאָלעס און די ווייסע באָרד. אַלע מאָל כאַפּט ער זיך אָן מיט דער רעכטער האַנט אין דער לינקער זייט! עס גיט אים אַלע מאָל דאָרט אַ שטאָך. ער וויל זיך דאָך נישט מודה זיין; ער וויל זיך דווקא איינריידן, אַז ער טאַפּט נאָר ביי דער בוזים-טאַש.

— איך זאָל נאָר דעם קאָנטראַקט מיט דעם געלט נישט פאַרלירן! אָט פּאַר דעם מכלומרשט ציטערט ער.

— און אַפילו עס שטעכט, איז אויך אַ נאַרישקייט! איך האָב נאָך, גע־לויבט איז גאָט, גענוג כּוח אויף אַזאַ שליחות. אַנדערע אין מיינע יאָרן ווען שוין קיין וויאָרסט נישט אָפּגיין, נאָר איך, געלויבט איז זיין ליבער נאָמען דאַרף נאָך נישט צו קיין מענטשן און פאַרדין מיר אַליין מיין ברויט... גע־לויבט איז גאָט, מען געטרויט מיר געלט!

— ווען איך האָב מיין אייגנס — טראַכט ער ווייטער — וואָס מען גע־טרויעט מיר, וואָלט איך אין שליחות צו זיבעציק יאָר נישט געגאַנגען; וויל אָבער דער רבונו של עולם אַזוי, איז אַזוי גוט.

עס הייבט אָן צו פאַלן גראָבע פלאַכעס שניי; ער ווישט זיך אַלע מאָל דאָס פּנים.

— איך האָב נאָך — טראַכט ער — איינגאַנצן אַ האַלבע מייל, אָ וואָ! אויך מיר אַ גאַנג! אַ סך נעענטער ווי ווייטער! ער דרייט זיך איבער — מען זעט שוין אַפילו נישט דעם שטעטישן זייגער, נישט דעם קלויסטער, נישט די קאַזאַרמע. „נו, שמריה, פאָר!"

און שמריה פאָרט אין דעם נאַסן שניי; די אַלטע פּיס קאָפּען זיך אַריין און אַרויס. — „געלויבט איז גאָט, עס איז קיין גרויסער ווינט נישט!"

גרויס, האָט אַ פּנים, ביי אים געהייסן אַ שטורים־ווינט; דער ווינט איז געווען גענוג שטאַרק און געיאָגט גלייך אין פּנים אַריין, אַז עס האָט אים אַלע מאָל אָטעם פאַרפעלט; ער האָט אים אַרויסגעגנאַרט אַלע טרערן פון די אַלטע אויגן, וואָס האָבן אים געשטאָכן ווי שפּילקעס. נאָר אויף די אויגן ליידט ער תמיד.

פאַרן ערשטן געלט, פאַלט אים איין, קויפט ער זיך וועגס־ברילן. — אַזוינע גרויסע, קיילעכדיקע; זיי זאָלן די גאַנצע אויגן פאַרשטעלן.

— גאָט זאָל וועלן — טראַכט ער — וואָלט איך צו דעם אויך געקומען! עס זאָל נאָר זיין אַלע טאָג אַ שליחות, און ווייט, גאָר ווייט! גיין, ב"ה, קען איך, וואָלט איך מיר שוין אָפּגעשפּאָרט אויף אַ פּאָר ברילן...

ער דאַרף אַפילו אַ שטיקל פּעלצל אויך. עס וואָלט אים לייכטער גע־ווען אויף דער ברוסט... ער רעכנט איבער, אַז דערווייל האָט ער נאָך אַ וואַ־רימע קאַפּאָטע!

— זי זאָל זיך נאָר נישט רייסן, וואָלט זי גאָר וואויל געווען. ער שמייכלט מיט פאַרגעניגן. דאָס, — טראַכט ער — איז נישט קיין היינטיקע קאַפּאָטע, קיין קיי און שפּיי, קיין שפּינוועבס! נאָר פאַרצייטישער לאַסטיק; דאָס, וועט מיך איבערלעבן! און אָן אַ שפּאַלט, דאָס איז אויך אַ מעלה; זי צעפּליט זיך נישט אַזוי ווי אַ היינטיקע סחורה. און פון פאָרנט פאַרלייגט זי זיך אויף אָן איילן!...

— אַ פּעלצל — טראַכט ער ווייטער — איז אייגנטלאַך בעסער. אַ פּעלצל איז וואַרים, גוט וואַרים. נאָר אַלץ פריער ברילן. אַ פּעלצל איז נאָר גוט ווינטער און ברילן דאַרף מען תּמיד, דען זומער, אַז עס מאַכט זיך אַ ווינט און יאָגט דעם שטויב גלייך אין די אויגן אַריין, איז ערגער ווי ווינטער!

און עס בלייבט, אַז פריער זיינען ברילן, דערנאָך ערשט אַ פּעלצל! דער אויבערשטער זאָל נאָר העלפן, ער זאָל אָפּנעמען דעם ווייך... אַ פיר גילדן וועט ער אַוודאי כאַפּן.

און ער שלאַבעט ווייטער, און דער נאַסער שניי פּאַטשט אים אין פּנים אַריין, דער ווינט ווערט אַלע מאָל שטאַרקער און די זייט שטעכט אַלע מאָל מער.

— דער ווינט זאָל זיך נאָר וועלן איבערדרייען! נאָר מן הסתם — טראַכט ער — איז אַזוי גלייכער, צוריקצוועגס וועל איך מער מיד זיין, וועל איך אים דעמאָלט האָבן פון הינטן! אָ דעמאָלט, וועט עס גאָר אַנדערש גיין! אַלץ פאַרזאָרגט! גרינג אויפן האַרץ!

ער האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן אַ רגע און דעם אָטעם כאַפּן. דאָס שרעקט אים אַ ביסל איבער:

— וואָס איז אַזוינס מיט מיר געשען? ווייניק פרעסט און ווינטן האָב איך אויסגעהאַלטן אַלס קאַנטאָניסט? פרעגט ער זיך טרויעריק און האַלב דערשראָקן.

און ער דערמאָנט זיך זיין סלוזשבע אַלס ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט. פינף און צוואַנציק יאָר רייניע סלוזשבע אונטער דער ביקס, הוץ די קינדערשע יאָרן אַלס קאַנטאָניסט. ער איז זיך גענוג אָנגעגאַנגען אין זיין לעבן, געמאַרעט איבער בערג און טאָל, אין שניי און פרעסט און אַלערליי זאַוויערוכעס. און וועלכע שנייען, וועלכע פרעסט! די ביימער פלעגן פּלאַצן, פייגעלאַך פלעגן טויט אַראָפּפאַלן אויף דער ערד — און דער רוסישער סאָלדאַט איז געגאַנגען פריש, לעבעדיק, און נאָך דערצו אַ לידעלע געזונגען, אַ טרעפּאַק, אַ קאָמאַרינסקי און מיט די פיס צוגעקלאַפּט!

דער געדאַנק, אַז ער האָט גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר אויסגעהאַלטן די פאַרצייטיקע סלוזשבע, אויסגעשטאַנען אַלע צרות, אַלע שנייען, אַלע ווינטן, אַלע שלעק, הונגער, דאָרשט און נויטן, און אַ געזונטער אַהיים געקומען — דער געדאַנק מאַכט אים גרויס! ער הייבט אויף דעם קאָפּ מיט גדלות און גייט מיט בייעם כּוח.

— האָ, האָ, וואָס איז גאָר ביי מיר אַזאַ פּרעסטל? אין רוסלאַנד, דאַכט זיך, איז געווען עפּעס אַנדערש!

ער גייט, דער ווינט ווערט אַ ביסל שטילער, עס ווערט אַלע מאָל טונקעלער, עס פאַלט צו די נאַכט.

„אויך מיר אַ טאָג — טראַכט ער — אַ טל־ומטרל!... און ער הייבט זיך אָן מער צו יאָגן, עס זאָל אים נישט די נאַכט באַפאַלן. נישט אומזיסט גייט ער שבת אין שולכל לערנען תורה, ער ווייסט: מען דאַרף אַרויסגיין און צוריקקומען בכי טוב!

ער פילט אַ ביסל הונגער, און אַ טבע האָט ער, אַז ווען ער ווערט הונגעריק, ווערט ער לוסטיק! ער ווייסט, אַז אַפּעטיט איז אַ גוטע זאַך; זיינע סוחרים, וואָס שיקן אים אין שליחות, ווײנען תמיד נאָר אויף דעם, וואָס זיי זיינען קיינמאָל נישט הונגעריק! ער האָט, ב״ה, אַפּעטיט! אויסער, אַז ער איז נישט בקו הבריאה, ווי, למשל, נעכטן; ער איז קראַנק געווען, האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס ברויט איז זויער.

— גיי, וואו איז עס זויער געווען; זעלנעריש ברויט! אַמאָל אפשר יאָ, אָבער היינט? באַקט פּאָניע אַזאַ ברויט, אַז די יידישע בעקערס מעגן זיך באַהאַלטן. און געקויפט האָט ער אַ פרישן ברויט! עס איז געווען אַ מחיה צו שניידן. ער איז אָבער נישט געווען בקו הבריאה, עפּעס האָט אים אַ קעלט געיאָגט דורך די ביינער.

— נאָר געבליבן איז דער, וואָס ער איז נישט ווערט זיין גאָמען צו געדענקען, עס טרעפט זיך אים זעלטן!

אַצונד האָט ער אויך אַפּעטיט, ער האָט אַפילו אין קעשענע ברויט מיט אַ שטיקל קעז... דאָס שטיקל קעז האָט אים דעם סוחרס ווייב געגעבן, לעבן זאָל זי און געזונט זיין! זי איז טאַקע אַ בעל־צדקה, זי האָט אַ יידיש האַרץ.

— זי זאָל נאָר נישט אַזוי קללהן — טראַכט ער — וואָלט זי געווען גאָר אַ וואוילע יידענע!... ער דערמאָנט זיך אין זיין געשטאָרבן ווייב.

— גאָר מיין שפּרינצע ניעפּריטשקעם! זי האָט אויך געהאַט אַ גוט האַרץ, און אַזאַ כבֿע צו קללהן. וואָס פאַר אַ קינד איך האָב אַוועקגעשיקט אין דער וועלט אַריין, האָט זי געוויינט ווי אַ ביבער, כאָטש אינדערהיים האָט זי זיי געשאָלטן מיט טויטע קללות! ווער שמועסט — דערמאָנט ער זיך — אַז אייבס איז געשטאָרבן! זי האָט זיך געוואָרפן גאַנצע טעג ווי אַ שלאַנג אויף דער ערד, געהאַקט זיך מיט די פויסטן אין קאָפּ אַריין.

איינמאָל האָט זי גאָר געוואָלט וואַרפן אַ שטיין אין הימל אַריין!

— „אָט, זעסטו — טראַכט ער — גאָט מאַכט זיך אַ סך פון אַ נאַרישער יידענע!... זי לאָזט אָבער נישט אַרויסנעמען די מטה מיטן מת! זי פּאַטשט אויס די ווייבער, דער חברה נושאים רייסט זי אויס די בערד!״

„אַ שיינע גבורה האָט געשטעקט אין דער שפּרינצען! עס האָט זיך געדאַכט אַ פליג, און אַזאַ כוח, אַזאַ כוח!...״

— פאָרט, זי זאָל עס מיר מוחל זיין, אַ גוטע געווען! זי האָט אַפילו מיך אויך נישט פיינט געהאַט. כאָטש זי האָט מיר קיינמאָל קיין גוט וואָרט נישט געגעבן!

געשריגן האָט זי: אַ גט, אַ גט! אַז נישט וועט זי אַזוי אַנטלויפן! נאָר וואו האָט זי געוואָלט אַ גט!

ער דערמאָנט זיך עפּעס און שמייכלט...

די מעשה איז שוין לאַנג, לאַנג... דענסטמאָל איז נאָך געווען די קאָנ־סומציע און ער איז געווען אַ נאַכט־וועכטער, און אַרומגעגאַנגען גאַנצע נעכט מיטן אייזערנעם שטעקעלע, מען זאָל נישט אַריינגנבענען בראַנפן!

סלוזשבע האָט ער געקענט, ביי פּאַניען איז אַ גוט חדר, ער האָט גוטע מלמדים געהאַט!... פאַרטאָג, ווינטער איז עס געווען, עס קומט אים אָפּבייטן דער טאָג־וועכטער, חיים־יונה — איז שוין אויפן עולם אמת — און ער גייט אַהיים געפרוירן, פאַרשטאַרט! ער קלאַפּט ביי דער טיר און זי שרייט אים אַרויס פון בעט:

„גיי אין דער ערד אַריין! איך האָב געמיינט דיין נאָמען וועט אַהיים קומען".

אַהאַ! זי איז בייז נאָך פון נעכטן בייטאָג! ער קען זיך אַפילו נישט דערמאָנען וואָס נעכטן איז אַזוינס געווען, נאָר זיין האָט דאָך עפּעס געמוזט.

— „פאַרמאַך דאָס מויל און עפן!" שרייט ער.

— „דעם קאָפּ וועל איך דיר עפענען!" הערט זיך אַ קלאָרע תשובה.

— לאָז מיך אַריין! שרייט ער.

— אין דר ערד אַריין גיי! ענטפערט זי.

און ער האָט זיך מישב געווען און איז געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין. ער האָט זיך געלייגט שלאָפן אונטערן אויוון. צום שלימזל איז געווען אַ סוואָנד, ער איז פאַרגאַרעט געוואָרן, און מען האָט אים אַהיים געטראָגן אַ טויטן...

„אַ קליינינקייט האָט דעמאָלט שפּרינצע איבערגעאַרבעט!" ער האָט שפּע־טער גאַנץ גוט געהערט וואָס זי האָט איבערגעאַרבעט.

מען זאָגט איר: עס איז גאָרנישט, אַ סוואָנד.

ניין! זי וויל נאָר אַ דאָקטאָר; זי האָט בדעה צו חלשן, צו וואַרפן זיך אין וואַסער אַריין, און שרייט נאָר: מיין מאַן! מיין מאַן, מיין תכשיט!

ער נעמט צוזאַמען אַלע כוחות, זעצט זיך אויף און פרעגט זי געלאַסן:

— שפּרינצע, ווילסט אַ גט?

— נעם איין... זי האָט דאָך נישט געענדיקט די קללה און אַרויסגעלאָזט אַ געוויין...

— שמריה, ווי מיינסטו, גאָט וועט מיך נישט שטראָפן פאַר מיינע קללות, פאַר מיין רשעות?...

קוים איז ער אָבער געזונט געוואָרן—צוריק די אייגענע שפּרינצע: אַ מויל אויף רעדער, אַ צונג אויף שרויפן, און אייזן שטאַרק, זי קראַצט ווי אַ קאַץ,

האַ, האַ! אַ שאָד שפּרינצע! זי האָט אַפילו קיין נחת פון די קינדער נישט דערלעבט.

עס מוז זיי גוט גיין אויף דער וועלט; אַלע בעלי־מלאכות. די מלאכה לאָזט נישט שטאַרבן פאַר הונגער! כּוח האָבן זיי, אין מיר אַריין געראָטן; איי וואָס, זיי שרייבן נישט, וואָס איז? אַליין קענען זיי נישט, און גיי בעט ערשט אַן אַנדערן, יעגער זאָל שרייבן! און וואָס פאַר אַ טעם האָט אַזאַ בריוו? ווי איבערגעשווענקטע יויך! און גלאַט מיט דער צייט... יונגע קינדער פאַרגעסן... עס מוז זיי דאָך גאָר גוט זיין...

נאָר שפּרינצע נעבאַך ליגט אין דער ערד! אַ שאָד שפּרינצע!

— אַזוי ווי קאָנסומציע האָט אויפגעהערט, איז זי געוואָרן אויס מענטש! טאַקע, איידער איך האָב מיך געוויינט צום שליחות, צו זאָגן דעם פּריץ: יאַשניע פּאַניע, נישט וואַשע וויסאָקאָ בלאַגאָראָדיע, איידער מען האָט מיר גע־טרויט קאָנטראַקטן מיט געלט — האָט געפעלט דאָס שטיקל ברויט...

מילא איך, זעסטו, אַ מאַנספּאַרשוין, אַ געוועזענער קאַנטאָניסט, עסט מען נישט אַ טאָג! איר אָבער איז עס געגאַנגען, אימשטיינס געזאָגט, אינם גאַנצן לעבן! אַ נאַרישע יידענע, זי פאַרלירט באַלד די כּוחות, זי האָט שוין אַפילו נישט געקאָנט שילטן, דער גאַנצער שייגעץ איז איר פון קאָפּ אַרויס, און נאָר געוויינט...

עס איז מיר נמאס ומאוס געוואָרן פאַרן לעבן... עפּעס האָט זי גאָר מורא געקראָגן פאַר מיר! זי האָט גאָר מורא געהאַט צו עסן, מיר זאָל נישט פעלן. אַז איך זע, אַז זי האָט מורא, בין איך ביי קוראַזש, איך שריי, איך שעלט! למשל: פאַרוואָס גייסטו נישט פרעסן?! איך פאַל אַמאָל אין אַ רציחה אַריין און וויל זי פּשוט שלאָגן, נאָר גיי שלאָג אַ וויינענדיקע יידענע, אַז זי זיצט פאַרלייגט די הענט און רירט זיך נישט! איך לויף צו מיט איין קולאַק, שפּיי אין אים נאָך אָן, און זי ענטפערט מיר: „עס פריער דו אָפּ, איך וועל נאָכדעם עסן!" און איך האָב געמוזט פריער אָפּבייסן פונם ברויט, און איר איבערלאָזן די רעשט...

אַמאָל נאַרט זי מיך אַרויס אין גאַס אַריין: איך וועל שוין עסן, גיי נאָר אין גאַס אַריין; גיי, אפשר וועסטו עפּעס פאַרדינען, און מכלומרשט שמייכלט זי דערביי, און גלעט מיך אַמאָל!

און אַז איך גיי און קום צוריק, טרעף איך כּמעט דאָס אייגענע ברויט! זי רעדט מיר איין, אַז זי קען נישט עסן קיין טרוקנס, זי דאַרף נאָר אַ גריץ!

ער בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ, גלייך עס וואָלט אים געדריקט אַ שווערע לאַסט און די טרויעריקע געדאַנקען יאָגן:

— און וואָס פאַר אַ יללות זי האָט געמאַכט, אַז איך האָב געוואָלט מיין שבתדיקע קאַפּאָטע, אָט די וואָס איך טראָג — פאַרזעצן! מעשים האָט זי געאַר־בעט און געלאָפן און פאַרזעצט אירע מעשענע בענטש־לייכטער, און ביז אין טויט אַריין שוין געבענטשט אין קאַרטאָפל!... פאַרן טויט האָט זי מיר מודה

געוועזן, אַז זי האָט קיינמאָל נישט געוואָלט קיין גט, אַז זי האָט נאָר אַ בייז מויל געהאַט.

— די צונג, די צונג, האָט זי געשריען. רבונו של עולם, זיי מיר מוחל די צונג! און איז טאַקע געשטאָרבן אין איין פּחד: מען זאָל איר אויף יענער וועלט נישט הענגען אויף דער צונג!

— גאָט, מאַכט זי צו מיר, וועט קיין רחמנות אויף מיר נישט האָבן; איך האָב צופיל געזינדיקט! נאָר אַז דו וועסט קומען, נישט באַלד, חס־ושלום! איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, אַז דו וועסט קומען, געדענק, כאַפּ מיך אַראָפּ פון תּליה! זאָג דעם בית־דין־של־מעלה, אַז דו האָסט מיר מוחל געוועזן!

זי האָט באַלד פאַרלאָרן די געדאַנקען, אַלץ גערופן די קינדער! עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זיי זיינען דאָ אין שטוב, אַז זי רעדט מיט זיי, און האָט זיי אויך געבעטן מחילה.

אַ נאַרישע יידענע, ווער וואָלט איר נישט מוחל געוועזן.

ווי אַלט איז זי געוועזן אינגאַנצן? אפשר אַ יאָר פופציק! אַזוי פרי גע־שטאָרבן! אַ קליינינקייט, אַז אַ מענטש נעמט זיך אַליין צו דאָס לעבן, אַז וואָס מען טראָגט אַרויס פון שטוב צו פאַרזעצן, טראָגט מען אַרויס האַלב געזונט, שטיקער פלייש!...

טאָג אויף טאָג איז זי גרינער און געלער, קלענער און דאַרער געוואָרן.

זי האָט געזאָגט, אַז זי פילט ווי דער מאַרך טריקנט איר אין די ביינער... זי האָט געוואוסט, אַז זי וועט שטאַרבן!...

ווי האָט זי ליב געהאַט די שטוב מיט אַלע זאַכן! וואָס מען האָט אַרויס־געגעבן, אַ בענקל, אַ בלעכענע עסע, איך ווייס וואָס, האָט זי עס באַגאָסן מיט ביטערע טרערן! זי האָט זיך מיט יעדער זאַך געזעגנט ווי אַ מאַמע מיט אַ קינד!... מישטיינס געזאָגט, אַרומגעכאַפּט און כמעט געקושט... „אָהאָ! מאַכט זי, ווען איך וועל שטאַרבן, וועסטו שוין נישט זיין אין שטוב!"

אַ מעשה, אַ נקבה איז פּאָרט אַ נאַר! אַ רגע איז זי אַ קאָזאַק אין ספּאָד־ניצע, און אַ ליאַדע וואָס—ערגער ווי אַ קינד! זעסטו שוין, ביי שטאַרבן איז אוודאי אַ חילוק צי מיט אַ בענקל צי אָן אַ בענקל!...

— פע!—האַקט ער זיך אַליין איבער די געדאַנקען,—וואָס מיר קומט אַלץ אין קאָפּ אַריין, דורך די פוסטע זאַכן גיי איך וואָלנע.

— נו, זעלנערישע פיס, טראָגט ווייטער!—קאָמאַנדירט ער מיט זיך.

ער קוקט זיך אום—אַרום און אַרום שניי; אויבן — אַ גראָער הימל מיט שוואַרצע שמאַטעס געלאַטעט;—גאָר מיין אונטערשטע קאַפּאָטע!—טראַכט ער־שינעט מיט לאַסטיקענע לאַטעס! רבונו־של־עולם, דיר פעלט אויך קרעדיט אין געוועלב?

דערוויל נעמט אַ פראָסט. די באָרד און די וואָנסעס זיינען אייז, אין גוף איז אַפילו נישטקשה, דער קאָפּ איז גאָר וואַרים, אויפן שטערן פילט ער כּראָפּנס שווייס; נאָר די פיס ווערן וואָס אַמאָל קעלטער און שוואַכער.

שוין נישט ווייט, ער האָט דאָך חשק זיך אָפּצורוען און ער שעמט זיך פאַר זיך אַליין. דאָס ערשטע מאָל דאַרף ער זיך אָפּרוען ביי אַ שליחות פון צוויי מייל וועג. ער וויל זיך נישט מודה זיין, אַז ער איז אַן אַכציקער און עס איז שוין צייט דערויף.

ניין, ער מוז גיין... נאָר גיין... כּל־זמן מען גייט, גייט מען, עס טראָגט זיך; ק״ים גיט מען נאָך דעם יצר־הרע און מען רוט זיך אָפּ, ווערט מען שוין אַ לייט!

מען קען זיך גלאַט פאַרקילן, שרעקט ער זיך אַליין איבער, — און וויל זיך אַלץ אויסריידן דעם שטאַרקן חשק צום אָפּרוען.

— נישט ווייט שוין צום דאָרף, דאָרט וועל איך אויך צייט האָבן!

— דאָס, — טראַכט ער — וועל איך יאָ טאָן: איך וועל נישט גיין גלייך צום פּריץ... ביים פּריץ מוז מען וואַרטן אַ שעה אין דרויסן... גאָר גלייך צום ייד.

— כאָטש גוט, — טראַכט ער — וואָס איך האָב נישט קיין מורא פאַר דעם פּריצס הונט; פונדעסטוועגן, בייגאַכט, אַז מען לאָזט אָפּ דעם בורן, איז פאַרט אַ סכנה; איך האָב מיט אַפילו מיין וועטשערע, און בורי האָט ליב קעז, פאַרט בעסער פריער אויסרוען די ביינער! איך וועל מיר פריער גיין אַריין צום ייד, אָנוואַרימען זיך, וואַשן זיך, עפּעס עסן...

און עס קומט אים וואַסער אין מויל אַריין; ער האָט פון אינדערפרי אָן נישט געגעסן; נאָר דאָס איז אַ קלייניקייט, אים אַרט נישט, וואָס ער איז הונ־געריק; ער האָט הנאה דערפון: אַז מען איז הונגעריק, איז אַ סימן, אַז מען לעבט! נאָר די פיס!...

ער האָט נאָך אינגאַנצן אַ צוויי ווירעסט, ער זעט שוין אַרויס דעם פּריצס גרויסע שאָפּע... נאָר די פיס זענען נישט, זיי ווילן זיך דווקא אָפּרוען!

— און ווידער פאַרקערט, — טראַכט ער זיך, — וואָס איז, אַז איך וועל מיך אַ ביסל אָפּרוען? אַ מינוט, אַ האַלבע מינוט! אפשר יאָ? לאָז מיך נאָר פּרובן! אַזוי לאַנג פאָלגן מיך די פיס, וועל איך זיי אויך אַמאָל פאָלגן!

און שמריה זעצט זיך אין דער זייט אויף אַ בערגל שניי. אַציגנד הערט ער ערשט ווי דאָס האַרץ קלאַפּט אין אים ווי אַ האַמער און עס שטעכט, און דער קאָפּ שוויצט...

ער דערשרעקט זיך... צי ווערט ער נישט קראַנק? ער האָט ביי זיך פרעמד געלט! ער קאָן בלייבן, חס־ושלום, חלשות... און ער טרייסט זיך: געלויבט איז גאָט, וואָס קיינער גייט נישט! און אַפילו עמיץ זאָל גיין, וועט אים אויך נישט איינפאַלן, אַז איך האָב געלט ביי מיר... מישטיינס געזאָגט, ווען מ׳געטרויט געלט!... נאָר אַ קאָפּ זיצן, דערנאָך וואַליי!

נאָר די ברעמען פאַלן אים צו ווי בליי.

— ניין, הייב דיך אויף שמריה, ווסטאַוויי! — קאָמאַנדירט ער מיט זיך.

קאָמאַנדירן קאָן ער נאָך, אָבער אויספירן נישט, ער קען זיך נישט רירן. אים דאַכט זיך דאָך, אַז ער גייט, אַז ער גייט אַלע מאָל שטאַרקער! אָט זעט

ער שוין אַלע הייזלאַך... דאָ וואוינט אַנטעק, דאָרט באַזילי; ער קען זיי אַלע, ער דינגט ביי זיי פורן... צום ייד איז נאָך ווייט, נאָר גלייכער צום ייד... מ׳טרעפט דאָרט אַמאָל מזומן... און אים דאַכט זיך, אַז ער גייט צום יידס הייזל; נאָר עס רוקט זיך אָפּ אַלע מאָל ווייטער, ווייטער... מן־הסתם דאַרף אַזוי זיין... ער ברענט דאָך אַ פריילאַך פייערל אויפן קוימען, דאָס גאַנצע פענסטערל איז לוסטיק און רויט, די גראָבע מירל שוימט אוודאי אַ גרויסן טאָפּ קאַרטאָפל, און זי איז אים שטענדיק מכבד מיט אַ קאַרטאָפל; אַ פאַרגעניגן אַ הייסע קאַרטאָפל! און ער רוקט זיך ווייטער. אַזוי דאַכט זיך אים איבוואויל ער זיצט אויף איין אָרט.

דער פראָסט האָט אַ ביסל געלאָזט, עס הייבן אָן פאַלן ברייטע, דיקע פלאַכעס שניי.

אים איז, אַ פנים, אויך וואַרימער געוואָרן אין דער שניי־קאַפּאָטע. און עס דאַכט זיך אים, אַז ער איז שוין ביים יידן אין שטוב. מירל זייערט די קאַרטאָפל, ער הערט ווי דאָס וואַסער גיסט זיך, זיור, זיור, זיור, און אַזוי גיסט זיך פון זיין לאַסטיקענער קאַפּאָטע אויך. יונה גייט אַרום און זינגט אונטער דער נאָז; זיין שטייגער איז צו זינגען נאָך מעריב, ווייל דעמאָלט איז ער הונגעריק, און מאַכט אַלעמאָל: „נו, מירל!״

נאָר מירל יאָגט זיך נישט: „וואָלנער טוט זיך בעסער!״

— צי שלאָף איך און עס חלומט זיך מיר? ווערט ער ראַפּטום פריילאַך־דערשראָקן. עס דאַכט זיך אים, אַז עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין זיין עלטערער זון... חנה! חנה! אָ! ער דערקענט אים! וואָס טוט ער דאָ! נאָר חנה דערקענט אים נישט, און ער מאַכט זיך נישט וויסנדיק... כאַ, כאַ, כאַ! ער דערציילט יונהן, אַז ער פאָרט צום טאַטן, ער האָט דעם טאַטן נישט פאַרגעסן! און יונה ממזר זאָגט אים נישט, אַז דער טאַטע זיצט אויפן באַנקבעטל!... מירל האָט צו טאָן: זי איז פאַרנומען ביי די קאַרטאָפל, זי וועט נישט מפסיק זיין; זי שמייכלט נאָר, זי רייבט די קאַרטאָפל מיטן גרויסן הילצערנעם לעפל און שמייכלט!

— אָ! חנה מוז זיין רייך, אַלץ איז אויף אים גאַנץ, און אַ קייט... אפשר טאַמבאַק? ניין, אוודאי גאָלד! חנה וועט נישט טראָגן קיין טאַמבאַקענע קייט, ח״ו... כאַ! כאַ! כאַ! — ער גיט אַ קוק אויפן פיעקאַליק... כאַ! כאַ! כאַ!... ער פלאַצט שיר פאַר געלעכטער. יעקל, בערל, זכריה... אַלע דריי... כאַ! כאַ! כאַ! זיי האָבן זיך באַהאַלטן אויפן פיעקאַליק, דאָס איז גנבים! כאַ! כאַ! כאַ! אַ שאָד שפּרינצע, אַ שאָד! זי זאָל כאָטש אויך האָבן דאָס נחת! דערווייל באַשטעלט חנה צוויי גענז. „חנה! חנה! דערקענסט מיך נישט! איך בין עס!...״ און אים דאַכט זיך, אַז ער צעקושט זיך מיט חנהן...

— הערסטו, חנה, אַ שאָד די מאַמען, זי זאָל דיך זען!... יעקל, בערל, זכריה, אַראָפּ פון פיעקאַליק! איך האָב אייך באַלד דערקענט! קומט אַראָפּ, איך האָב געוואוסט, אַז איר וועט קומען! אַ והא ראיה, איך האָב אייך מיטגע־

ברענגט קעז, אמתן שאָפּענען־קעז! זעט נאָר, קומט, קינדער, איר האָט דאָך עפּעס ליב זעלנעריש ברויט! וואָס? אפשר נישט? אגת אַ שאָד די מאַמע!

און עס דאַכט זיך אים, אַז אַלע פיר קינדער האָבן אים אַרומגערינגלט און האַלטן אים און קושן און דריקן זיך צו אים צו.

— נאָר וואָלנע, קינדערלאַך! וואָלנע, דריקט מיך נישט צו שטאַרק! איך בין שוין נישט קיין יונגערמאַן, איך בין אַן אכציקער!... וואָלנע, איר דושעט מיך, וואָלנע, קינדערלאַך... אַלטע ביינער! וואָלנע, איך האָב געלט אין קעשענע! מיר, ב״ה, געמרויט מען געלט!... גענוג, קינדערלאַך, גענוג!...

און עס איז געווען גענוג... ער איז געבליבן פאַרשטאַרט מיט דער האַנט אויף דער בוזים־קעשענע. —

---

# מענדל ברײנעס.

מענדל ברײנעס (קיין פאַמיליען־נאָמען איז נאָך דעמאָלט נישט געווען), איז געווען אַ יושב אוהל, דאָס הייסט: אַ שטיק שיינער ייד; קיין גרויסער למדן נישט, נאָר—תהילים פאַרן דאַווענען, עין־יעקב נאָכן דאַווענען, און ביינאַכט — אַ פּרק משניות. — ער פלעגט גאַנץ אָפט אַהיים נעמען אַן אורח, יעדן פרי־מאָרגן אַריינוואַרפן אין מאיר בעל הנס, האַלטן מפטיר יונה, האָבן אַ גרויס חלק אין דער קאָנסאָרציע פון פּתיחות, און דערצו פלעגט ער גלאַט זיין אַ מתעסק במצוות: אַ מגיד איז געקומען, מען דאַרף אַרומגיין צוזאַמענעמען פאַר אָרימעלייט, אויף מצות, אויף האָלץ און קאַרטאָפל; מען דאַרף ערובין, עמיצן אַן אוהל שטעלן וכדומה— טוט ר׳ מענדל ברײנעס אָן די ברייטע תבונה, נעמט דעם גראָבן שטעקן מיט דער מעשענער גאַלקע און גייט מיטן רב, מיטן דאָזאָרצע אָדער אַזוי מיט אַ שיינעם באַלעבאָס. ער האַלט זיך פאַר אַ מצוה אַליין צו טראָגן די פּושקע, כאָטש הינטן גייט נאָך דער שמש.

ווינטער האָט ער קיין מינוט צייט נישט געהאַט: תהילים זאָגן, דאַווענען, עין־יעקב לערנען, אָנבייסן, אַ נדבה מאַכן, מנחה־מעריב, אַ פּרק משניות און וועטשערע — און קריאת־שמע לייענען, שלאָפן, חצות, ווייטער שלאָפן... עס איז אים פון טאָג קיין מאָל קיין רעשט נישט געבליבן. פאַר דאָס זומער־צייט פלעגט אים בלייבן אַ נאָך־וואַרעמעס, אַ גרויסער אַ נאָך־וואַרעמעס. ער פלעגט אים אויך פאַרברענגען אין בית־המדרש, נאָר ריידן שוין פון וועלט־זאַכן, פון נייע המצאות, פון פּאָליטיק...

מענדל ברײנעס איז נישט קלוג געווען. אין חדר פלעגט מען אים רופן מענדל שוטה; אַז ער האָט חתונה געהאַט, איז די אָפּיניע ווייכער געוואָרן און ער פלעגט שוין הייסן: „מענדל תם". ערשט דערנאָך, אַז ער איז אַראָפּ פון קעסט, געוואָרן אַ באַלעבאָס פאַר זיך, און ברײנע, זיין ווייב, האָט זי גע־

מאַכט אַ שפּייז־געוועלב און געלייזט „שטיקער גאָלד",—האָט מען אים געקרוינט אויף „מענדל ברייגעס". און ווייל מענדל ברייגעס איז קיינעם אין וועג אַריין נישט געגאַנגען, קיינעם אַ שלעכט וואָרט נישט געזאָגט, און בית־המדרש און קהל האָט געהאַט פון אים, האָט קיינער נישט דערמאָנט וואָס אַמאָל איז געווען, האָט קיינער הויך נישט געלאַכט, אַז ער פלעגט צווישן אַלע פינף ווערטער זאָגן: אָבער וואָר, איך בין קיין נאַר נישט? אַ־יאָ, איך בין קלוג?

— אמת, איך בין קיין נאַר נישט! זאָגט אַמאָל ר' מענדל, און פונדעסטוועגן פאַרשטיי איך נישט, ווי אַזוי מען אַרבעט אויס אַזאַ דין און געלעכערט שטרוי אין די שעניקעס אַריין! איך האָב אַ מישנע אַרויסגעשלעפּט אוודאי פּערציק שטרוי, איינס נאָכן אַנדערן, אַלע זיינען הויל, — אַלע חלולים־חלולים. איך האָב געוואָלט פרעגן מיין ברייגען, זי איז שוין אָבער געווען אין געוועלב.

און איידער עמיץ האָט צייט געהאַט צו לאַכן, האָט ער זיך שוין אַליין געענטפערט:

— דאָס שטרוי מוזן אוודאי די פויערים ברענגען פון ענגלאַנד!

עס איז געווען נאָך דער כעוואַסטאָפּאָלער קריג; דאָס גאַנצע בית־המדרש האָט נאָך געקלונגען מיט ענגלישע המצאות. די מעשיות האָבן דערציילט אויסגעדינטע זעלנער, וואָס האָבן עס אַליין געזען, מיט אייגענע אויגן.

פון דעמאָלט אָן האָט מענדל ברייגעס געהאַלטן עולם ומלואה פון ענגלאַנד, און וואָס ער האָט עפּעס געזען, און זיין שכל האָט נישט געקענט משיג זיין, איז אַלץ געווען פון ענגלאַנד. אַז דער זייגער קומט אַרויס פון ענגלאַנד, פון דעם איז נישט געווען וואָס צו קלערן, נאָר די ערשטע ספּרענזשינע האָט אויך געמוזט מאַכן אַ ענגלישער שמיד! און ער האָט גערעדט מיט גרויס התלהבות פון ענגלאַנד, פון אירע חכמים, פון אירע קאָוואַלעס:

— זיי מוזן דאָרט זיין שיינע חכמים!

מענדל ברייגעס וואָלט געוואָלט לעבן אין ענגלאַנד, נאָר שטאַרבן, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, אין ארץ־ישראל. ערשטנס, פאַר פרומקייט; צווייטנס, גלאַט, האָט ער בטבע זייער ליב געהאַט מנוחה, און ווען ער פלעגט זיך דערמאָנען אין גלגול מחילות, האָט ער אויף דריי טעג פאַרלאָרן דעם אַפּעטיט. און ווייל ער האָט פאַרט נישט אויפגעהערט צו עסן, האָט ער געהאַט זעקס טאָג בויכווייטאָג! מחיה האָט ער זיך געווען, אַז ער איז געוואָר געוואָרן פון אַ זיכערן מענטשן, אַז ארץ ישראל איז ווייטער ווי ענגלאַנד.

— גוט, טראַכט ער. און קלערט שוין פון דעמאָלט אָן אויפן רעכטן אמת צו פאָרן קיין ארץ ישראל, וואָרים „דער וועג מוז דאָך גיין דורך ענגלאַנד!"

ער וואָלט שוין לאַנג פאַרקויפט דאָס געוועלבל מיטן כלי־בית און געפאָרן, ווען נישט ברייגע.

ברייגע האָט גאַנץ ערלאַך געהאַלטן איר מענדעלען. זי האָט זיך גע־

וואונטשן צו זיין זיין פוסבענקעלע אין גן־עדן; זי האָט אים געקעכלט און געשטאָפּט, געאַרבעט ווי אַן אייזל, מפרנס צו זיין, צו שוכן און צו קליידן מעדעלען מיט די פיר קינדער: דריי מיידלאַך און איין ייִנגל. איר גאַנצער עולם הזה איז געווען, אַז זי האָט געזען פון געוועלב אַרויס איר מענדעלען גיין מיט דער צדקה־פּושקע אין דער לינקער און מיטן שטעקן מיט דער מעשענער סקיפּעקע אין דער רעכטער האַנט! זי האָט פאַרקויפט בחצי חנם איר שטאָט אין עזרת נשים, ווייל די פענסטער גייען אין שול אַריין, און באַצאָלט „ממון קרח" פאַר אַ שטאָט לעבן בית־המדרש־פענסטער, זי זאָל זען ווי מענדעלע איז עולה לתורה און מאַכט די זיסע ברכה. עס האָט איר געקוואָלן דאָס האַרץ, ווען מענדעלע האָט אונטערגעזאָגט דעם חזן, „האשה ברײנע בת מורנו"... און מנדר געווען פאַר איר געזונט ח"י פּעמים ח"י; זי איז געווען גליקלאַך, אַז זי פלעגט שבת און יום־טוב גיין מיט אים דאַווענען צוזאַמען; און אַז זיי האָבן זיך צעשיידט ביי די צווייערליי טרעפּ, פלעגט זי בלייבן שטיין אויפן ערשטן שטאַפּל און איבערדרייען זיך און זען ווי איר מע־דעלע הייבט די פיסלאַך אויף די מענערישע טרעפּ. נאָכן דאַווענען האָט זי אים אָפּגעוואַרט ביי דער שוועל, און אַז זי האָט אים דערזען, און זי האָט דערהערט זיין „גוט שבת", איז זי רויט געוואָרן, גלייך ווי זי וואָלט ערשט פון אונטער דער חופּה אַפּער. פונדעסטוועגן האָט זי געוואוסט, אַז מענדעלע איז נישט קלוג אין די „וועלט־נאַרישקייטן", אַז ער איז נאָר אַ חכם אין די קליינע אותיות, אַ מוח אין בית־המדרש, אָבער אַזוי, אין עולם־הזה־זאַכן, גאָר לא!... דאָס איז שוין איר זאַך!

— ניין, מענדעלע,—זאָגט זי אים געלאַסן,—מען פאָרט נישט אַזוי, מען פאַרקויפט נישט קיין מחיה! אפשר שפּעטער, אַז מיר וועלן חתונה מאַכן אַלע קינדער, אָפּגעבן קעסט, דערלעבן כאָטש אַן אייניקל, און אפשר אַן אוראייניקל, דעמאָלט, זעסטו, מהיכי תיתי, איבערגעבן די קינדער די מחיה...

און מענדל האָט געוואוסט, אַז ברײנע איז אין וועלט־זאַכן אַ „ווילדע חכמה" און האָט געוואַרט! וואָרים נאָך ירושלים און ענגעלאַנד, איז אים ברײנע געווען פאַרבאַקן אין האַרץ.

ער האָט דערווייל נישט אַלע קינדער חתונה געמאַכט, און ער קומט איינמאָל אַהיים זייער טרויעריק:

— זעסטו, ברײנע, מאַכט ער, אַ פּאָוויעסטקע צום בית־דין־של־מעלה! ער ווייזט איר אַ גראָע האָר אין דער באָרד.

ברײנע טרייסט אים:

— רייד נישט קיין נאַרישקייטן, מענדעלע, דו ביסט נישט קלאָר אין אַזעלכע זאַכן.. מיין טאַטע, עליו השלום, איז גראָ געוואָרן צו 50 יאָר, און דיר צו לענגערע יאָר...

— אונז צו לענגערע יאָר, פאַרבעסערט מענדל.

— און אונז צו לענגערע יאָר האָט ער נאָך געלעבט אַוודאי אַ יאָר דרייסיק!

— היינט אָבער שוואַכע דורות, נישט די פּאַרצייטיקע כּוחות! זאָגט מענדעלע און לאָזט אַראָפּ די אויגן.

ברײנע האָט אים אויסגערעדט דאָס עגמת־נפש און אים אָנגעהויבן בע־סער צו קעכלען: נעמט ביים קצב נאָך אַ האַלב פונט פלייש צום וואַרמעס...

— איי, ברײנטשע, זאָגט דער קצב, איר האָט אַוודאי מחותּנים צום טיש, זאָל אייך זיין צום מזל!

— ניין, ענטפערט ברײנע... היינטיקע שוואַכע דורות...

און ביים עסן לייגט זי אַלע מאָל צו מענדעלען נאָך אַ שטיקל, נאָך אַ פּיצל... „עס דאָס, דאָס איז אַ מחיה", און האָט, קוקנדיק אויף מענדעלען, אין זינען געהאַט: זאָל אים זיין צו געזונט... היינטיקע שוואַכע דורות!...

זי האָט מיקלאָכּפּערשט „געכאַפּט אַ זעמל אין געוועלב, געוואַשן זיך ביי דער שכנה", אַמאָל — האָט איר אַ קרובה געקאָכט אַ נייע מאָדנע קילישע און איר געבּרענגט אַ כּאַר לעפל צו פאַרזוכן; אַמאָל איז זי געווען אויף אַ ברית, כאָטש זי האָט פאַרגעסן ווי די יולדת הייסט, — אַבי זי איז נישט הונגעריק געווען ביים עסן און נאָר געבעטן זיך:

— עס, מענדעלע, עס, וואָס גלייכססו זיך צו מיר? תּורה תּתיש כּוח!

— מתיש כּוח, מיינסטו ברײנע.

— זאָל זיין מתיש כּוח... אָדער ווי אין פּרק שטייט: אם אין תּורה אין קמח, אַז מען לערנט, מוז מען עסן?

מענדל שמייכלט אויפן נייעם גרייז.

— אָבער איך, וואָס טו איך! איך גיי אַ גאַנצן טאָג ליידיק, אָדער זיץ איבערן פייער־טאָפּ. קומט אַריין אַקונה, מעסט איך אָפּ אַ קוואָרט באָ־בעלאַך, צי קאַשע, צי מעל, נישט—נישט! דעריבער דאַרף איך ווייניקער עסן.

און מענדל גלויבט אין דער געכאַפּטער זעמל, אין דער קילישע, אינם ברית, כאָטש ער האָט תּחנון געזאָגט. אַ קשיא אויף אַ מעשה, אַוודאי ביי אַ מנין... ער דאַרף טאַקע־גלויבט ער—מער עסן, אַ קאַטאָוועס— יעדן טאָג צוויי יום תּהילים, אַ פּרק משניות, עטלאַכע בלאַט עין יעקב, היינט־זשע — דאַוונען, פּושקע טראָגן, שטעקן שלעפן, ער ווייסט?...

און ער איז שטאַרק צופרידן, וואָס זיין כּשרע ברײנע האָט אַזאַ רואיק לעבן, וואָס זי זיצט ליידיק אין געוועלבל איבערן פייער־טאָפּ, פאַרלייגט די הענט און וואַרט אויפן קונה, קומט ער—קומט ער, נישט—נישט! זייער גלייך! זאָל זי כאָטש נישט אַזויפיל אַרבעטן ווי ער, זאָל זי זיך כאָטש אויסרוען די ביינער. און מענדעלע שטאָפּט אין זיך אַריין וואָס אַ מאָל מער, אַבי ער זאָל האָבן כּוח מאריך ימים צו זיין, ער זאָל דערלעבן צו זען ענגעלאַנד און צו שטאַרבן דערנאָך אין ירושלים.

אַ חוץ פון ברײנען האָט מענדעלע נאָך נחת פון קינדער: איין עלטערן זון האָט ער חתונה געמאַכט אין דער פרעמד; ער עסט שוין קעסט ביים שווער! געלויבט איז גאָט, זייט ער האָט חתונה געהאַט איז נאָך פון אים קיין בריוו

נישט געווען, אַ סימן עס גייט אים גוט, אַז ער איז בקו הבריאה. ווער עס קומט צו פאָרן, ברענגט אַ גרוס... נאָך אים גייט אַ חתן־בחור — אַ חדר־ייִנגל. ברײַנע באַשטעלט מלמדים, צאָלט שכר־לימוד, זעט — ער זאָל לערנען מיט זײַנס גלײַכן. ער פאַר דאָס פאַרהערט אים אַלע שבת... נאָר פאַרן עסן האָט מענדעלע פּײַנט צו פאַרהערן, נאָכן עסן איז בעסער, מער רחבות. דעריבער דרעמלט ער טאַקע באַלד אײַן, און כאַפּט זיך ערשט אויף בײַם מלמדס לחיים, גיט דעם זון אַ קניפּ אין בעקל און שוין!

ער האָט נאָך דרײַ טעכטער, יונגע קינדער, צײַכן־מיידלאַך, נאָר וואוילע קינדער אַלע. דרך־ארצדיקע קינדער, שטילע קינדער. שטענדיק ריינע, אָפּגע־וואַשענע, אַ מחיה!... ער זעט אַפילו נישט, ווען מען וואַשט זיי, ווען מען קעמט זיי, ווען ברײַנע לאַטעט און פאַרריכט! ער קען כמעט נישט פאַרשטיין ווי אַזוי דאָס ווערט קלוג און פֿײַן געבוירן!...

— טאַקע מײַנע קינדער! טראַכט ער זיך מיט גאווה, אין מיר אַרײַן געראָטן! ער דאַנקט און לויבט זײַן ליבן נאָמען דערפאַר, וואָס ברײַנע האָט אַזאַ רואיק לעבן נישט ווי אַנדערע מאַמעס; וואָס די קינדער דרייען איר נישט אָפּ דעם קאָפּ! און ווי די קינדער פאָלגן! ער הייסט זיך, למשל, ברענגען אַ טרונק וואַסער (ברײַנע האָט אַ טבע, אַלץ וואָס ער זאָגט, איבערצוזאָגן) און קוים הזרט זי איבער: ברענגט דעם טאַטן וואַסער, לויפט דאָס קינד שוין און ברענגט; אַ מחיה אַזוינע קינדער! ער קומט אין שטוב אַרײַן און ברײַנע זאָגט נאָר: דער טאַטע גייט — איז שוין שטיל!

געלויבט איז גאָט, מען רעדט שוין דעם צווייטן זון אַ שידוך, און אַ גוטן שידוך. ברײַנע וויל טאַקע פאָרן אָנקוקן די כלה. חגאות־צײַט וועט זי עס טאָן, אַזוי האָט זי אים געזאָגט. און ווײַל ער איז געוואָר געוואָרן, אַז צום מחותן פאָרט מען נישט דורך ענגלאַנד, איז ער איר מוחל דעם כבוד, זאָל זי זיך אַ ביסל איבערפאָרן. פאַרוואָס נישט? זי פאָרט אַ גאַנצן פיר מאָל אין יאָר נאָך סחורה, אויך קומט זי צוריק מיד און מאַט פון לויפן, באַקוקן, דינגען... זאָל זי איינמאָל כאָטש פאָרן און קומען מיט נחת, זאָל די וועלט זען, וואָס פאַר אַ ווײַב ער האָט! ער אַליין וועט זיך ווײַזן אויף די תנאים; אַפילו בײַ דער חופה איז אויך גענוג! דעם ערשטן זונס כלה האָט זי אויך אָנגעקוקט; זי איז שוין מולדיק צו אַזעלכע זאַכן... ער וועט זיך נאָך גענוג אָנפאָרן...

עס זײַנען ווײַטער אַוועקגעגאַנגען אַ פּאָר יאָר. אַז גאָט בענטשט, בענטשט ער מיט אַלעם, אַפילו מיט מנוחה — דער צווייטער זון האָט אויך חתונה געהאַט, און גוט חתונה געהאַט, ער עסט שוין אויך קעסט.

מענדעלע האָט אַפילו גאַנץ ווייניק געוואוסט ווער און וואָס; עס איז אים איבערגעגאַנגען כמעט ווי אין אַ חלום. ער האָט אַפילו קיין איינציקן טאָג קיין יום־תהילים נישט פאַרפעלט... עס האָט אים דער קאָפּ נישט ווי געטאָן, אויסער אינדערפרי, נאָך דער גרויסער נאַכט, פון ווייניקער שלאָפן!

און מענדעלע פרייט זיך.—נאָך אינגאַנצן דריי מיידלאַך חתונה צו מאַכן, (ביי ברײנען גייט עס געשווינד), און דערנאָך: שוין! איבערגעבן די מחיה, געדונגען אַ ברייטן וואָגן, מען זאָל זיך קענען אויסציען, אָנפּאַקן מיט ענגליש שטרוי און וויאָ!

נאָר עפּעס פילט ער, אַז די פיס זיינען אים נישט בקו הבריאה, אַז פון אַ קורצער צייט איז אים דער אָטעם שווער. נאָר בריינע לאָזט אים נישט צו קיין עגמת־נפש, זי טרייסט אים און קעכלט אים אַלע מאָל מער; זי איז אים מבטיח, אַז ער וועט נאָך אַלץ דערלעבן!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

איינמאָל זיצט ער אין בית־המדרש ביים עין־יעקב און דערהערט אַ געשריי; עס דאַכט זיך אים—זיין טאָכטער; נאָר ניין, ווי קומט זי אויפן שול־הויף? און אַ כלה־מיידל וויינט נישט... עפּעס לויפט מען אויף די טרעפּ, מען שרייט: טאַטע! טאַטע! פאַרט איר קול; עס איז אָבער דאָך נישט מעגלאַך!

ער וויל איבערקלערן, נעמט אַרויס אַ שמעק טאַבאַק, נאָר איידער ער האָט אים אַריינגעזעצט אין די נאָזלעכער, האָט אים שוין די טאָכטער געריסן ביי די לאַצן:

— טאַטע! די מאַמע איז אַוועקגעפאַלן, געוואַלד!

און איידער ר' מענדעלע איז צו זיך געקומען און אַהיים געלאָפן, איז שוין בריינע געלעגן טויט!

אין איין טאָג איז מענדעלע באמת גרייז־גראָ געוואָרן, דער אָטעם טאָקע שווער און די פיס טאַקע געשוואָלן... ער האָט זיך נישט געריכט, אַז בריינע זאָל אים נישט איבערלעבן... ביי אַזאַ מאַן, ביי אַזוינע קינדער, ביי אַזאַ וואוילטאָג!...

און בריינע, אַזוי ווי מען האָט זי נישט אַרויסגעזען ביים לעבן, האָט מען זי קוים אָנגעזען אויף דער מטה... אַזאַ דאַרעניש!...

---

# אַ כּעס פון אַ יידענע.

דאָס קליינע שטיבל איז פאַרחושכט ווי אין אים דער דלות, אויף וועלכן עס וויינען אַלע פיר ווענט... אינם אָפּגעריסענעם סופיט שטעקט אַ האָקן— אַ יתום נאָך אַ געוועזענעם הענג־לייכטער. דער גרויסער, אָפּגעשיילטער אויוון איז „אַרומגעגאַרטלט ביי די לענדן" מיט אַ גראָבן זאַק, שטייט איבערגעבויגן אין אַ זייט, און קוקט אַריבער צו זיין פינסטערן שכן — צום ליידיקן שוואַרצן קוימען, אויף וועלכן עס ליגט אַן איבערגעדרייטער טאָפּ מיט אַן אָנגעבריענטן ראַנד, און אין אַ זייט, אַן „עליו־השלום", אַ צעבראָכענער לעפל. דער בלע־

כּענ̈ער גבור האָט געהאַט אַן ערלאַכן טויט: ער איז געפֿאַלן אין דער מלחמה מיט אויסגעדאַרטער, איינגעשפּאַרטער, נעבעכדיקער קאַשע!

דאָס שטיבל איז איבערפֿולט מיט כּלים; עס שטייט אַ הימל־בעט, פֿאַרהאָנגען מיט צעריסענע פֿאָרהענגלאַך... דורך די לעכער קוקט אַרויס דאָס בעטגעוואַנט. אָן ציכלאַך, מיט רויטע פֿאַרפֿעדערטע איגן. עס שטייט אַ וויגל, פֿון וועלכן עס שיינט אַרויס אַ גרויס געלבלאַך קעפּל פֿון אַ שלאָפֿנדיק קינד... עס שטייט אַ קאַסטן, באַשלאָגן מיט בלעך, מיט אַן אָפֿענעם הענג־שלאָס, — עס מוז שוין דאָרט קיין גרויס עשירות נישט זיין, — עס שטייט נאָך אַ טיש מיט דריי בענקלאַך; דאָס הילצערנע מעבל איז אַמאָל רויט געפֿאַרבט געווען, היינט איז טונקל ברודיק... רעכנט נאָך צו: אַ שאַף, אַ פּאָמיעס־שאַף, אַ פֿאַס וואַסער, אַ קאָציובע מיט אַ לאָפּאַטע, וועט איר פֿאַרשטיין, אַז מען קען שוין אין שטיבל פֿון ד׳ על ד׳, קיין שפּילקע נישט אַריינוואַרפֿן...

און דאָך זיינען דאָ: אַן ער און אַ זי.

זי — אַ יידענע אין די מיטעלע יאָרן — זיצט אויפֿן קאַסטן, וואָס פֿילט אויס דעם אָרט צווישן הימל־בעט און דער וויג.

זי האָט אין דער רעכטער האַנט דאָס איינציקע, קליינע, פֿאַרגרינטע פֿענסטער; לינקס — דער טיש. זי אַרבעט אַ זאָק, שאָקלט צו דאָס וויגל מיטן פֿוס און הערט זיך איין, ווי ער לערנט ביים טיש. און ער לערנט מיט אַ זינגענדיק־וואָלאַכיש־וויינענדיק קול. ער לערנט און באַוועגט זיך אומרואיק, אָפּגעריסן און נערוועז. טייל ווערטער שלינגט ער, טייל ציט ער, טייל כאַפּט ער, טייל היפּערט ער איבער; טייל אַקצענטירט ער און דריקט אויס מיט ליבשאַפֿט, טייל שיט ער גלייכגילטיק אַרויס, ווי אַרבעס פֿון אַ זאַק; דערביי רוט ער נישט אַ רגע: דאָ כאַפּט ער אַרויס פֿון קעשענע אַן אַמאָל רויט און גאַנץ געוועזענע פֿאַטשיילע, ווישט זיך די נאָז, דעם שווייס פֿון פּנים און שטערן, באַלד לאָזט ער זי אַראָפּ אויף דער שויס און כאַפּט זיך קריזלען די פּאות, צופּן דאָס שפּיציקע, ערטערווייז קוים גרויליכע, בערדל... אָט, באַהאַלט ער אַן אויסגעצופּטע האָר אין ספֿר אַריין און הייבט זיך אָן פֿאַטשן אויף דער קני. די הענט דערפֿילן דערווייל די פֿאַטשיילע, כאַפּן זי און וואַרפֿן אַ שפּיץ אין מויל אַריין; ער בייסט, וואַרפֿט איבער איין פֿוס אויפֿן צווייטן און טוישט אַלע מינוט די פֿיס.

ביי דער גאַנצער צייט קנייטשט זיך אים זיין בלאַסער שטערן אין דער לענג און אין דער ברייט, עס קנייטשט זיך אויס אַ קמץ איבער דער נאָז. די לאַנגע ברעמען ווערן, אונטער דער איבערגעלייגטער הויט פֿון שטערן, כּמעט פֿאַרלוירן. דערווייל גיט אים — דאַכט זיך — עפּעס אַ שטאָך אין דער ברוסט; כאַפּט ער און דערלאַנגט זיך מיט דער רעכטער האַנט אויף דער לינקער זייט אַן „על־חטא"... ראַפּטום פֿאַרלייגט ער דעם קאָפּ לינקס, דריקט צו מיט אַ פֿינגער די לינקע זייט נאָז, מאַכט מיט דער רעכטער זייט אַ קינסטלאַכע פֿאָנטאַנע, וואַרפֿט איבער דעם קאָפּ רעכטס, די פֿאָנטאַנע שפּריצט פֿון דער

לינקער זייט נאָז!... אינמיטן כאַפּט ער אַ שמעק־טאַבאַק, צעהוידערט זיך בעסער, דאָס קול קלינגט, דאָס בענקל קנאַקט, עס רודערט דער טיש!

דאָס קינד וועקט זיך נישט! עס איז געוויינט צו דער מוזיק.

און זי, דאָס יונגערהייט אַיינגעשרומפּענע ווייב, זיצט און שעפּט נחת פון מאַן. זי לאָזט פון אים קיין אויג נישט אַראָפּ; איר אויער פאַרלירט קיין איינציקן טאָן פון זיין מויל... אַמאָל זיפצט זי: ער זאָל אַזוי — טראַכט זי — טויגן צו דער וועלט ווי צו יענער, וואָלט איר דאָ אויך וואויל און ליכטיק געווען... דאָ אויך...

— „מאַ! — טרייסט זי זיך — ווער שמועסט פון אַ כבוד! נישט יעדער איז זוכה צו ביידע טישן“.

זי הערט זיך איין... איר איינגעשרומפּן פּנים ענדערט זיך, דאָס אויך וואָס אַ מאָל; זי איז אויך נערוועז:

ערשט איז דערויף אויסגעגאָסן געווען אַ ווילדע הנאה; אַזויפיל נחת האָט זי פון זיין תורה געשעפּט... דערמאָנט זי זיך, אַז היינט איז דאָך שוין דאָנערשטאָג, אַז עס איז דאָך קיין דרייער אויף שבת נישטאָ, און דאָס גן־עדן־ליכט אויפן פּנים ווערט וואָס אַמאָל טונקעלער און טונקעלער, ביז דער שמייכל פאַרשווינדט פון גאַנצן פּנים... דערנאָך וואַרפט זי אַ בליק דורכן פאַרגרינטן פענסטער, קוקט אויף דער זון — עס מוז שוין זיין שפּעט און עס איז נאָך אין שטוב קיין לעפל וואַרים־וואַסער נישטאָ, — און די שפּיזלאַך בלייבן איר שטיין אין דער האַנט, אַ טונקעלער שאָטן האָט שוין דאָס פּנים באַדעקט. זי וואַרפט אַן אויג אויפן קינד; עס שלאָפט שוין אומרואיק, עס וועט זיך באַלד אויפכאַפּן, עס איז פאַרן קראַנקן קינד קיין טראָפּן מילך נישטאָ — און פון שאָטן איז שוין אַ וואָלקן געוואָרן, די שפּיזלאַך הייבן אָן אין דער האַנט צו ציטערן, צו וואַרפן זיך...

און אַז זי דערמאָנט זיך נאָך, אַז, אויסערדעם, גייט צו פּסח... אַז די אויערינגלאַך מיט די בענטש־לייכטער זיינען פאַרזעצט, דער קאַכטן — לער, דער הענג־לייכטער — פאַרקויפט, — הייבן אָן די שפּיזלאַך גאָר מערדעריש צו טאַנצן! דער וואָלקן אויפן פּנים ווערט טונקל־בלוי, אַנגעלאָדן... אין די קליינע, גרויע אויגן, וואָס מען זעט קוים אַרויס פון אונטערן טיכל אויפן קאָפּ, באַווייזן זיך — בליצן.

ער — זיצט נאָך אַלץ און לערנט; ער באַמערקט נישט, אַז עס מאַכט זיך אַ געוויטער, אַז עס ווערט אַלע מאָל געפערלאַכער... אַז זי לאָזט אַרויס דעם זאַק מיט די שפּיזלאַך פון דער האַנט און הייבט אָן קנאַקן די אויסגעדאַרטע פינגער, אַז זי קנייטשט איין דעם שטערן פאַר ווייטאָג. איין אויג ווערט צוגעמאַכט, און דאָס צווייטע קוקט אויף אים מעסער־שפּיציק, אויפן מאַן, דעם למדן, אַז עס וואָלט אים, ווען ער זאָל עס זען, קיל געוואָרן אין אַלע אברים; דאָך ער זעט נישט, ווי אירע בלויע ליפּן ציטערן, ווי די גאָמבע ציטערט, ווי עס קלאַפּט איר אַ צאָן אָן אַ צאָן... ווי זי האַלט זיך איין מיט

אַלע כוחות, נישט איבערצוברעכן.. ווי דער דונער רייסט זיך און רייכט, און עס דאַרף נאָר אַ קלייניקייט, ער זאָל אַרויס פון מויל.

דאָס קלייניקייט האָט זיך געטראָפן.

ער לערנט און זאָגט: „שמע מיניה — — — תלת..." און טייטשט זיך אויס בנעימות: „איז דאָך פון דאַנען געדרונגען..." ער וויל זאָגן: דריי — נאָר דאָס וואָרט „געדרונגען" איז שוין געגוג געווען... אין דעם וואָרט האָט זיך אָנגעכאַפּט דאָס פאַרביטערטע האַרץ, דאָס איז געווען דער פונק צום פולווער!

איר שטאַרקער ווילן פּלאַצט. דאָס אומגליקלאַכע וואָרט האָט געעפנט אַלע פאַרהאַמערטע טויערן, אויפגעהאַקט אַלע ריגלען.. אויסער זיך איז זי צו־געשפּרונגען צום מאַן מיט פּיאַנע אין מויל, מיט נעגל אין פּנים אַריין.

— געדרונגען, זאָגסטו, געדרונגען? אוי! אַ דרינגעניש זאָל אויף דיר קומען, רבונו של עולם! — — האָט זי אויסגעשריען פון אַ הייזעריק קול פאַר כעס — אַ דרינגעניש, רבונו של עולם! יאָ! יאָ! האָט זי ווייטער מיט אַ שלאַנגען־קול געסיטשעט: פאַר פּכה... דאָנערשטאָג... ס'קינד קראַנק... קיין טראָפּן מילך! האַ!

עס פאַרפעלט איר אָטעם, די איינגעפאַלענע ברוסט שלאָגט פאַליעס, פון די אויגן יאָגן בליצן.

ער בלייבט ווי פאַרשטיינערט. בלייך איז ער אויפגעשפּרונגען פון בענקל, אָן אָטעם פאַר שרעק, און האָט זיך הינטערווייליגכטס געדוקט צו דער טיר.

זיי שטייען איינס קעגן אַנדערן און קוקן זיך אָן; ער מיט גלעזערנע אויגן פאַר שרעק, זי — מיט ברענענדיקע — פאַר כעס... ער באַמערקט דאָך באַלד, אַז זי האָט פאַר כעס קיין שליטה נישט, נישט איבער דער צונג, נישט איבער די הענט. די אויגן ווערן אים אַלע מאָל קלענער; ער כאַפּט אָן עק פּאַטשיילע אין מויל אַריין, רוקט זיך נאָך אַ ביסל אָפּ, אָטעמט טיפער אָפּ און מורמלט:

— הער, דו, אשה... ווייסטו, וואָס איז? בטול תורה, נישט לאָזן דיין מאַן לערנען, האַ? אַלץ פּרנסה, האַ?! און ווער גיט דעם פייגעלע! אַלץ נישט גלויבן אין גאָט! אַלץ יצר־הרע, אַלץ נאָר די וועלט.. נאַרישע אשה... מרשעת! נישט לאָזן לערנען אַ מאַן... דערפאַר קומט גיהנם..."

אַז זי ענטפערט נישט, ווערט ער שטאַרקער ביי זיך! איר פּנים ווערט בלייכער און בלייכער, זי ציטערט אַלע מאָל מער, און וואָס מער זי ציטערט און ווערט בלייכער — פעסטער און ראַשער ווערט זיין קול:

— „גיהנם! פייער! הענגען אויף דער צונג! ארבע מיתות בית־דין!"

זי שווייגט, דאָס פּנים אירס איז שוין ווי אַ קרייד.

ער פילט, אַז ער טוט נישט גלייך, אַז ער דאַרף זי נישט אַזוי קרענ־קען. אַז ער רעדט נישט ערלאַך; נאָר איינהאַלטן קען ער זיך שוין נישט.

אַלעס שלעכטע, וואָס ער האָט ביז אַהער אין זיך געהאַט, שיטן זיך אים אַרויס, ער קען זיי נישט איינהאַלטן.

— „ווייסט וואָס טייטש? — גייט זיין קול איבער ווי אין אַ בייזן דונער: סקילה — דאָס הייסט: וואַרפן אין גרוב אַריין און פאַרשיטן מיט שטיינער! שרפה — פּירט ער ווייטער און וואונדערט זיך אַליין אויף זיין העזה — שרפה, דאָס הייסט: אַריינגיסן אין די געדערים אַ לעפל הייס־קאָכנ־דיק־זידנדיק בליי! הרג איז בסייף... דאָס הייסט: מען האַקט אָפּ דעם קאָפּ מיט אַ שווערד... אָט אַזוי! און ער מאַכט אַ באַוועגונג מיט דער האַנט אַרום האַלז. היינט — חנק... ווערגן... הערסט — ווערגן! פאַרשטייסט — ביטול תורה! אַלץ פאַר ביטול תורה!

דאָס האַרץ טוט אים שוין ווי פאַר רחמנות אויף זיין קרבן, נאָר עס איז אים דאָס ערשטע מאָל, ער זאָל אַזוי גובר זיין... עס פאַרשיכּורט אים! אַזאַ נאַרישע יידעניו! ער האָט ביז אַהער גאָרנישט געוואוסט, אַז מען קען זי אַזוי איבערשרעקן.

— אָט דאָס איז ביטול תורה! שרייט ער ענדלאַך אויס. ער האַקט דאָך אָפּ, זי קען דאָך צו זיך קומען און כאַפּן אַ בעזים! ער שפּרינגט צוריק צו צום טיש, פאַרמאַכט די גמרא און לויפט אַרויס...

— „אין בית־המדרש אַריין גיי איך!" שרייט ער איר צו, שוין מיט אַ ווייכערער שטימע און פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר.

---

# אַ קלעזמער־טויט.

אַ סקעלעט ליגט אין בעט, אַ סקעלעט איבערגעצויגן מיט אַ געלער, דאַרער, טרוקענער הויט; מיכל קלעזמער שטאַרבט אַוועק. לעבן אים אויף אַ קאַסטן זיצט מירל זיין ווייב מיט געשוואָלענע אויגן פאַר געוויין. אין ענגן שטיבל זיינען צעשפּרייט זייערע 8 זין, אַלע—קלעזמער. ש־יל, קיינער רעדט נישט צום צווייטן; עס איז נישטאָ פון וואָס צו ריידן. דער דאָקטאָר האָט שוין לאַנג אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, דער רופא אויך. אַפילו ראובן פון הקדש, דער אַמתער מומחה, האָט אויך געהייסן שרייבן דריי פּייען... קיין ירושה וועט ניט זיין, די חברה קדישא וועט געבן תכריכים און אַ קבר, די חברה נושאים — וועט נאָך צוגעבן אַ טרונק בראָנפן... אַלץ איז אָפּן און דייטלאַך, נישטאָ פון וואָס צו ריידן. איין מירל וויל זיך נישט אונטערגעבן!... זי האָט נאָך אַלעס ערשט אויף דאָס ניי גאָר גוואַלדיק איינגעריסן די שול. צונד קומט זי, ערשט פון קברים־מעסטן. זי האַלט זיך אירס — — „ער שטאַרבט דורך די קינדערס זינד. זיי זיינען נישט פרום, הולטאַיען, דעריבער נעמט זיי גאָט, ב״ה, דעם

טאַטן צו"... „די קאַפּעלע פאַרלירט די קרוין; עס וועט שוין קיין שום חתונה קיין פּנים נישט האָבן, עס וועט ביי קיין ייד שוין קיין אמתע שמחה נישט זיין".

גאָטס רחמנות איז דאָך גרויס. מען דאַרף שרייען, בעטן, וועקן! און זיי, די קינדער, די קלעזמער־יונגען, „האָבן גאָר קיין רחמנות נישט, גייען אָן לייבצודעקלאַך"... ווען נישט די גרויסע זינד, האָט זי אַ פעטער אַ שוחט אין הימל; ער מוז דאָרטן זיין גאָר דאָס אויבערשטע פון שטייסל, ער וואָלט איר נישט אָפּגעזאָגט! ביים לעבן, זכרונו לברכה, פלעגט ער זי שטענדיק גלעטן... ער איז איר אַוודאי הייַנט אויך נישט שלעכט. ער וואָלט זיך געמיט, ער וואָלט אַלץ געטאָן... נאָר די זינד—שרייט זי—די זינד! „מען פאָרט אויף גויישע בעלער, מען עסט דאָרט ברויט מיט פּוטער, גאָט ווייס וואָס נאָך!... אָן אַרבע כּנפות... ער וועט דאָך נישט דורכברעכן קיין מויער... ער טוט אַוודאי זיינס.. אוי, די זינד, די זינד"!

די זין ענטפערן נישט, זיי קוקן אַראָפּ אויף דער ערד; יעדער אין זיין ווינקעלע.

— עס איז נאָך צייט! כליפּעט זי, קינדער! קינדער! גוואַלד, קינדער! תּשובה טוט!

— מירל, מירל, רופט זיך אָן דער קראַנקער, לאָז געמאַך, מירל, עס איז שוין פאַרפאַלן, איך האָב שוין מיינס אָפּגעשפּילט, מירל. הער אויף, מירל, איך וויל שטאַרבן!

מירל ווערט אונטערג׳צונדן:

— „אַ רעכטע שיינע ריינע!... שטאַרבן וויל ער! שטאַרבן! און יעך, און מעך... ניין, איך וועל דיר נישט לאָזן שטאַרבן, דו מוזט לעבן... דו מוזט... איך וועל אַזוי שרייען, אַז עס וועט נישט קאָנען קומען צו יציאת נשמה!"

— לאָז געמאַך, מירל—בעט זיך דער קראַנקער — מיר האָבן זיך ביידע שוין גענוג צַנגעשאָלטן ביים לעבן... גענוג... פאַרן טויט פּאַסט נישט אַזוינס.. אוי, מירל, מירל, איך האָב געזינדיקט, דו האָסט געזינדיקט... נאָר אַן עק!.. שווייג בעסער! איך פיל כּסדר ווי דער קאַלטער טויט קריכט מיר אַרויף פון די שפּיץ פינגער פון די פיס ביז צום האַרץ, עס שטאַרבט אַ צאָל נאָך אַ צאָל... שריי נישט, מירל... עס איז גלייכער אַזוי!

— ווייל דו ווילסט מיינער פּטור ווערן, פאַלט אַריין מירל אין די רייד, אוי, דו האָסט שטענדיק געוואָלט מיינער פּטור ווערן, וויינט זי ביטער, שטענדיק!

גלויב מיר, מירל, איך וועל בענקען נאָך דיר... נאָך אייך אויך, קינדער! איר האָט מיר אויך גענוג צרות אָנגעטאָן, נאָר גאָרנישט... דאָס ליגט שוין אינם פידעלע — אינם קלעזמער־לשון... איך ווייס, איר האָט מיך נישט ערלאַך געהאַלטן, דאָך ליב געהאַט. אַז איך האָב אַמאָל געטאָן אַן איבעריקן טרונק־בראָנפן, האָט איר געוואָרטשעט „שיכור"... מען טאָר נישט אַזוי, אַ טאַטן טאָר

מען נישט... מילא... איך האָב אויך געהאַט אַ טאַטן און האָב אים אויך נישט בעסער באַהאַנדלט... נאָר אַן עק פון דער זאַך!... איך בין אייך מוחל...

ער איז מיד געוואָרן ריידנדיק.

— איך בין אייך מוחל, האָט ער נאָכאַמאָל אָנגעהויבן נאָך אַ פּאָר סעקונדן. ער האָט זיך אַ ביסל אונטערגעהויבן אויפן בעט און באַטראַכט דעם עולם...

— זע נאָר, זאָגט ער פּלוצלונג, די ביקעס! אַריינגעשלאָגן די אויגן אין דר'ערד אַריין, גלייך עס קענען קיין צוויי נישט ציילן!

— הא? פאַרט אַ שאָד אַ טאַטע! כאָטש אַ שיכּור, הא?

דער יינגסטער זון האָט אויפגעהויבן די אויגן. אין דער אייגענער רגע האָבן אים די ברעמען אָנגעהויבן ציטערן, און ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ געוויין. די רעשט ברידער זיינען אים נאָך. אין אַ מינוט אַרום איז דאָס גאַנצע פיר־איילנדיקע שטיבל פול געוועזן מיט יללה...

דער קראַנקער האָט געקוקט און געשעפּט נחת.

— גוּ, מאַכט ער ראַפּטום מיט אַ פרישן כּוח, גענוג! איך האָב מורא, עס וועט מיר צופיל אַ שאָד זיין! גענוג, קינדער! פאָלגט אַ טאַטן!

— רוצח! שרייט מירל, רוצח, לאָזן זיי וויינען, זייערע טרערן קענען העלפן, רבונו של עולם...

— שווייג, מירל, האַקט איר דער קראַנקער איבער, איך האָב דיר שוין געזאָגט, איך האָב מיינס שוין אָפּגעשפּילט... גענוג... ע! חיים, בערל... יונה... אַלע! הערט! געשווינד, נעמט די כּלים!

אַלע גלאָצן אויס די אויגן.

— איך הייס, מאַכט דער קראַנקער, איך בעט אייך! טוט מיר צוליב, נעמט די כּלים און קומט צו צום בעט!

די קינדער האָבן געפאָלגט און אַרומגעשטעלט זיך ביים בעט; דריי פידל, איין קלאַרנעט, אַ באַס, אַ טראָמפּייט...

— לאָז מיך הערן ווי די קאַפּעלע וועט שפּילן אָן מיר... מאַכט דער קראַנקער.

— מירעלשי, איך בעט דיך, רוף דערווייל אַריין אונזער שכן.

דער שכן איז געוועזן דער שמש פון דער חברה נושאים. מירל האָט נישט געוואָלט לכתחילה גיין, נאָר ער האָט אויף איר געקוקט מיט אַזאַ מין געבעט, אַז זי האָט אים געמוזט פאָלגן. (שפּעטער האָט זי דערציילט, אַז דער „מירעלשי" און דער קוק פאַרן טויט זיינען געוועזן גאָר להבדיל די אייגענע ווי באַלד נאָך דער חופּה... „איר געדענקט, קינדער, מאַכט זי, זיין זיס קול און זיינע אויגן!").

דער שמש פון דער חברה נושאים איז אַריינגעקומען, ער האָט געוואָרפן אַן אויג אויפן חולה און געזאָגט:

— זייט מוחל, מירל, רופט אַריין אַ מנין.

— מען דאַרף נישט, רופט זיך אָן דער קראַנקער, וואָס טויג מיר אַ מנין? איך האָב מיין מנין, מיין קאַפּעלע! גיי נישט, מירל, איך דאַרף נישט קיין מנין...

און, אויסדרייענדיק זיך צו די קינדער, מאַכט ער:

— הערט, קינדער... שפּילט אָן מיר, ווי מיט מיר, שפּילט גוט... זייט נישט קיין שקצים אויף אָרימע חתונות... האַלט ערלאַך די מוטער, און צונד־שפּילט מיר אָפּ די ווידוי... אונזער שכן וועט פאַרזאָגן...

און—די פיראַיילנדיקע שטוב איז געוואָרן פול מיט מוזיק.

---

# באָנציע שוויַיג.

דאָ, אויף דער וועלט, האָט באָנציע שוויַיגס טויט גאָר קיין אײַנדרוק נישט געמאַכט! פרעגט עמיצן בחרם: ווער באָנציע איז געווען, ווי אַזוי ער האָט געלעבט, אויף וואָס ער איז געשטאָרבן! צי האָט אים'ם דאָס האַרץ געפּלאַצט, צי די כוחות זיינען אים אויסגעגאַנגען, צי דער מאַרך־ביין האָט זיך אַ בערגעבראָכן אונטער אַ שווערער לאַסט... ווער ווייסט? אפשר איז ער גאָר פאַר הונגער געשטאָרבן!

אַ פערד אין טראַמוויי זאָל פאַלן, וואָלט מען זיך מער אינטערעסירט. עס וואָלטן צייטונגען געשריבן, הונדערטער מענטשן וואָלטן פון אַלע גאַסן געלאָפן און די נבלה באַקוקט; באַטראַכט אַפילו דעם אָרט, וואו די מפלה איז געווען...

באָנציע האָט שטיל געלעבט און איז שטיל געשטאָרבן; ווי אַ שאָטן איז ער דורך — דורך אונזער וועלט!

אויף באָנציעס ברית האָט מען קיין וויין נישט געטרונקען, עס האָבן קיין כוסות געקלונגען! צו בר־מצוה האָט ער קיין קלינגענדיקע דרשה נישט געזאָגט... געלעבט האָט ער ווי אַ גרוי קליין קערנדל זאַמד ביים ברעג פון ים צווישן מיליאָנען זיינס־גלייכן; און, אַז דער ווינט האָט'ן אויפגעהויבן און אויף דער אַנדערער זייט ים אַריבערגעיאָגט, האָט עס קיינער נישט באַמערקט!

ביים לעבן האָט די נאַסע בלאָטע קיין צייכן פון זיין פוס נישט באַהאַלטן; נאָכן טויט — האָט דער ווינט דאָס קליינע ברעטל פון זיין קבר אומגעוואָרפן: דעם קברנס ווייב האָט עס געפונען ווייט פון קבר און דערביי אַ טעפּל קאַ־טאָפל אָפּגעקאָכט... עס איז דריי טעג נאָך באָנציעס טויט, פרעגט דעם קברן בחרם, וואו ער האָט'ן געלייגט!

אַ שאָטן! זיין פאָטאָגראַפיע איז נישט געבליבן ביי קיינעם אין מוח, ביי קיינעם אין האַרץ; עס איז פון אים קיין זכר געבליבן!

„קיין קינד, קיין רינד"; עלנט געלעבט—עלנט געשטאָרבן!

ווען נישט דאָס מענטשלאַכע גערודער, וואָלט אַ שר עמיצער אַמאָל דערהערט ווי באָנציעס מאַרך-ביין האָט אונטער דער לאַסט געקנאַקט; וואָלט די וועלט מער צייט געהאַט, וואָלט עמיצער אפשר אַמאָל באַמערקט, אַז באָנ-ציע (אויך אַ מענטש) האָט לעבעדיקערהייט צוויי אויסגעלאָשענע אויגן און שרעקלאַך איינגעפאַלענע באַקן; אַז אַפילו ווען ער האָט גאַר שוין קיין לאַסט נישט אויף די פּלייצעס, איז אים אויך דער קאָפּ צו דער ערד געבויגן, גלייך ער וואָלט לעבעדיקערהייט זיין קבר געזוכט! וואָלטן אַזוי וויניק מענטשן ווי פערד אין טראַמוויי געווען, וואָלט אפשר אַמאָל עמיצער געפרעגט: וואו איז באָנציע אַהינגעקומען??!

ווען מען האָט באָנציען אין שפּיטאָל אַריינגעפירט, איז זיין ווינקל אין סוטערינע נישט ליידיק געבליבן — עס האָבן דערויף צען זיינס-גלייכן גע-וואַרט, און צווישן זיך דעם ווינקל „אין-פּלוס״ ליציטירט; ווען מען האָט'ן פון שפּיטאָל-בעט אין טויטן-שטיבל אַריינגעטראָגן, האָבן אויפן בעט צוואַנציק אָרימע קראַנקע געוואַרט... ווען ער איז אַרויס פון טויטן-שטיבל — האָט מען צוואַנציק הרוגים פון אונטער אַן איינגעפאַלן הויז געבראַנגט — — — ווער ווייסט ווי לאַנג ער וועט רואיק וואוינען אין קבר? ווער ווייסט וויפיל עס וואַרטן שוין אויף דעם שטיקל פּלאַץ...

שטיל געבוירן, שטיל געלעבט, שטיל געשטאָרבן און נאָך שטילער באַגראָבן.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

נאָר נישט אַזוי איז געווען אויף י ע נ ע ר וועלט! ד אָ ר ט ן האָט באָנ-ציעס טויט אַ גרויסן איינדרוק געמאַכט!

דער גרויסער שופר פון משיחס צייטן האָט געקלונגען אין אַלע זיבן הימלען: באָנציע שוויג איז נ פ ט ר געוואָרן! די גרעסטע מלאכים מיט די ברייטסטע פליגל זיינען געפלויגן און איינער האָט דעם אַנדערן איבערגעגעבן: באָנציע איז „נתבקש געוואָרן בישיבה של מעלה״! אין גן-עדן איז אַ רעש, אַ שמחה, אַ גערודער: „באָנציע שוויג! אַ שפּאַס, באָנציע שוויג!!!״

יונגע מלאָכימלאַך מיט ברילִיאַנטענע אייגעלאַך, גאָלדענע דראָט-אַרבע-טענע פליגעלאַך און זילבערנע פּאַנטאָפעלאַך זיינען באָנציען אַקעגן געלאָפן מיט שמחה! דער גערויש פון די פליגל, דאָס קלאַפּן פון די פּאַנטאָפעלאַך און דאָס פריילאַכע לאַכן פון די יונגע, פרישע, רויזיקע מיילאַכלאַך האָט פאַרפולט אַלע הימלען און איז צוגעקומען ביז צום כסא הכבוד, און גאָט אַליין האָט אויך שוין געוואוסט, אַז באָנציע שוויג קומט!

אַברהם אָבינו האָט זיך אין טויער פון הימל געשטעלט, די רעכטע האַנט אויסגעשטרעקט צום ברייטן „שלום עליכם״ און אַ זיסער שמייכל שיינט אַזוי העל אויף זיין אַלטן פּנים!

וואָס רעדלט אַזוי אין הימל?

דאָס האָבן צוויי מלאכים אין גן־עדן אריין פאַר באָנציעס וועגן אַ גינ־גאָלדענע פאָטערשטול אויף רעדלאַך געפירט!

וואָס האָט אַזוי העל געבליצט?

דאָס האָט מען דורכגעפירט אַ גאָלדענע קרוין מיט די טייערסטע שטיי־נער געזעצט! אַלץ פאַר באָנציען!

— נאָך פאַרן פסק פון בית־דין של מעלה? פרעגן די צדיקים פאַרוואונ־דערט און נישט גאָר אָן קנאה.

— אָ! ענטפערן די מלאכים, דאָס וועט זיין אַ פראָסטע פוסטע פאָרמע! קעגן באָנציע שווייג וועט אַפילו דער קטיגור קיין וואָרט אין מויל נישט גע־פינען! די „דיעלע״ וועט דויערן פינף מינוט!

— איר שפּילט זיך מיט באָנציע שווייג? —

---

אַז די מלאָכימלאַך האָבן באָנציען געכאַפּט אין דער לופט און אָפּגע־שפּילט אים אַ זמר; אַז אַברהם אָבינו האָט אים ווי אָן אַלטן קאַמעראַד די האַנט געשאָקלט; אַז ער האָט געהערט, אַז זיין שטול איז גרייט אין גן־עדן אַז אויף זיין קאָפּ וואַרט אַ קרוין; אַז אין בית־דין של מעלה וועט מען איבער אים קיין וואָרט נישט ריידן — האָט באָנציע, גלייך ווי אויף יענער וועלט, געשוויגן פאַר שרעק! עס איז אים דאָס האַרץ אַנטגאַנגען! ער איז זיכער, אַז דאָס מוז זיין אַ חלום, אָדער אַ פראָסטער טעות!

ער איז צוביידע געוויינט! נישט איינמאָל האָט זיך אים אויף יענער וועלט געחלומט, אַז ער קלייבט געלט אויף דער פּאָדלאָגע, גאַנצע אוצרות ליגן... און אויפגעכאַפּט האָט ער זיך נאָך אַ גרעסערער קבצן ווי נעכטן... נישט איינמאָל האָט אים עמיץ פאַר טעות צוגעשמייכלט, אַ גוט וואָרט געזאָגט און איבערגעדרייט זיך און אויסגעשפּיגן...

— מיין מזל — טראַכט ער — איז שוין אַזוי!

און ער האָט מורא די אויגן אויפצוהויבן, דער חלום זאָל נישט פאַר־שווינדן; ער זאָל זיך נישט אויפכאַפּן ערגעץ אין אַ הייל צווישן שלאַנגען און עקדישן! ער האָט מורא פון מויל אַ קלאַנג אַרויסצולאָזן, מיט אַ גליד אַ ריר צו טאָן — מען זאָל אים נישט דערקענען און אַוועקשליידערן אויף כף־הקל *)...

ער ציטערט און הערט נישט די מלאָכימס קאָמפּלימענטן, זעט נישט זייער טאַנצן אַרום אים, ער ענטפערט נישט אַברהם אָבינו אויפן הערלאַכן „שלום עליכם״, און — געפירט צום בית־דין של מעלה — זאָגט ער אים קיין „גוט־מאָרגן״ נישט...

אויסער זיך איז ער פאַר שרעק!

---

*) כף־הקלע.

און זיין שרעק איז נאָך גרעסער געוואָרן, אַז ער האָט, נישט ווילנדיק, דערזען די פּאָדלאָגע פון בית-דין של מעלה. סאַמע אַלאַבאַסטער מיט ברי-ליאַנטן! „אויף אַזאַ פּאָדלאָגע שטייען מיינע פיס!" — ער ווערט אינגאַנצן פאַרשטאַרט! „ווער ווייסט וועלכן גביר, וועלכן רב, וועלכן צדיק מען מיינט... ער וועט קומען — וועט זיין מיין פינסטערער סוף!"

פאַר שרעק האָט ער אפילו נישט געהערט ווי דער פּרעזעס האָט בפירוש אויסגערופן: „די דיעלע פון באָנציע שווייג!" און דערלאַנגענדיק דעם מליץ יושר די אַקטן, געזאָגט: „לעז, נאָר בקצור!"

מיט באָנציען דרייט זיך דער גאַנצער סאַלאָן. עס רוישט אים אין די אויערן. אינם גערויש הערט ער דאָך אַלע מאָל שאַרפער און שאַרפער דעם מלאך-מליצס זיס קול ווי אַ פידל:

— זיין גאָנצן — הערט ער — האָט אים געפּאַסט ווי צון אַ שלאַנק לייב אַ קלייד פון אַן אַרטיסט אַ שניידערס האַנט.

— וואָס רעדט ער? — פרעגט זיך באָנציע, און ער הערט ווי אַן אומ-געדולד קול האַקט אים איבער און זאָגט:

— נאָר אָן משלים!

— ער האָט זיך קיינמאָל — הייבט ווייטער אָן דער מליץ יושר — אויף קיינעם נישט געקלאָגט, נישט אויף גאָט, נישט אויף לייט; אין זיין אויג האָט קיינמאָל נישט אויפגעפלאַמט קיין פונק פון האַס, ער האָט עס קיינמאָל נישט אויפגעהויבן מיט אַ פּרעטענזיע צום הימל.

באָנציע פאַרשטייט ווייטער נישט אַ וואָרט, און דאָס האַרטע קול שלאָגט ווייטער איבער:

— אָן רעטאָריק!

— איוב האָט נישט אויסגעהאַלטן. ער איז אומגליקלעכער געוועזן — —

— פאַקטן, טרוקענע פאַקטן! רופט נאָך אומגעדולדיקער דער פּרעזעס.

— ער האָט אַלץ געשוויגן (פירט ווייטער דער מליץ יושר) אפילו ווען די מוטער איז אים געשטאָרבן און ער האָט צו דרייצן יאָר אַ שטיפמאַמע באַקומען... אַ שטיפמאַמע אַ שלאַנג, אַ מרשעת...

— מיינט מען דאָך אפשר פאָרט מיך? טראַכט באָנציע —

— אָן אינסינואַציען *) אויף דריטע פּערזאָנען, בייזערט זיך דער פּרעזעס.

— זי פלעגט אים קאַרגן דעם ביסן... אייערנעכטיק פאַרשימלט ברויט... האָר-פלאַקס פאַר פלייש... און זי האָט קאַווע מיט שמעטענע געטרונקען —

— צו דער זאַך! שרייט דער פּרעזעס.

— זי האָט אים פאַר דאָס קיין נעגל נישט געקאַרגט און זיין ברוין-און-בלוי לייב פלעגט אַרויסקוקן דורך אַלע לעכער פון זיינע פאַרשימלט-צע-

---

*) מלשינות.

ריסענע קליידער... ווינטער אין די גרעסטע פרעסט האָט ער איר באָר-וועס אויפן הויף האָלץ געהאַקט, און די הענט זיינען צו יונג און צו שוואַך געוועזן, די קלעצלאַך צו דיק, די האַק צו שטומפּיק... נישט איינמאָל האָט ער זיך די האַנט פון די געלענקען אויסגעריסן, נישט איינמאָל האָט ער זיך די פיס אָפּגעפרוירן, נאָר געשוויגן האָט ער, אַפילו זיך פאַרן פאָטער —

— פאַרן שיכּור! לאַכט אַריין דער קטיגור, און באָנציען ווערט קאַלט אין אַלע אברים —

— נישט געקלאָגט, ענדיקט דער מליץ יושר דעם זאַץ.

און שטענדיק עלנט — פירט ער ווייטער — קיין חבר, — קיין תּלמוד-תּורה, קיין הדר... קיין גאַנץ בגד... קיין פרייע מינוט —

— פאַקטן — רופט ווייטער דער פּרעזעס.

ער האָט געשוויגן אַפילו שפּעטער, ווען דער פאָטער האָט'ן, שיכּורער הייט אַמאָל אָנגעכאַפּט ביי די האָר און אינמיטן אַ שנייענדיקער ווינטער-נאַכט אַרויסגעוואָרפן פון שטוב! ער האָט זיך שטיל אויפגעהויבן פון שניי און איז אַנטלאָפן וואו די אויגן האָבן אים געטראָגן...

אויפן גאַנצן וועג האָט ער געשוויגן... ביים גרעסטן הונגער האָט ער נאָר מיט די אויגן געבעטלט!

ערשט אין אַ שווינדלדיקע, נאַסע פרילינגס-נאַכט, איז ער אין אַ גרויסע שטאָט אַריינגעקומען; ער איז אַריין ווי אַ טראָפּן אין אַ ים און דאָך האָט ער די אייגענע נאַכט אין אַרעסט פאַרבראַכט... ער האָט געשוויגן, נישט געפרעגט פאַרוואָס, פאַר וועמ? ער איז אַרויס און די שווערסטע אַרבעט געזוכט! נאָר ער האָט געשוויגן!

שווערער פאַר דער אַרבעט איז געוועזן זי צו געפינען — ער האָט געשוויגן!

באָדנדיק זיך אין קאַלטן שווייס, צוזאַמענגעדריקט אונטער דער שווער-סטער לאַסט, ביים גרעסטן קראַמף אין ליידיקן מאָגן — האָט ער געשוויגן!

באַשפּריצט פון פרעמדער בלאָטע, באַשפּיגן פון פרעמדע מיילער, גע-יאָגט פון טראָטואַרן מיט דער שווערסטער לאַסט צראָפּ אין גאַסן צווישן דראָזשקעס, קאַרעטן און טראַמווייס, קוקנדיק יעדע מינוט דעם טויט אין די אויגן אַריין — האָט ער געשוויגן!

ער האָט קיינמאָל נישט איבערגערעכנט, וויפיל פוד לאַסט עס קומט אויס אויף אַ גראָשן, וויפיל מאָל ער איז געפאַלן ביי יעדן גאַנג פאַר אַ דרייער, וויפיל מאָל ער האָט שיר נישט די נשמה אויסגעשפּיגן, מאָנענדיק זיין פאַרדינסט; ער האָט נישט גערעכנט, נישט זיין, נישט יענעמס מזל, נאָר געשוויגן!

זיין אייגן פאַרדינסט האָט ער אויך נישט הויך געמאָנט! ווי אַ בעטלער האָט ער זיך ביי דער טיר געשטעלט, און אין די אויגן האָט זיך אַ הינטישע

בקשה געמאָלט! „קום שפעטער" און ער איז פאַרשוואונדן שטיל ווי אַ שאָטן, כדי שפעטער נאָך שטילער אויסצובעטלען זיין פאַרדינסט!

ער האָט אַפילו געשוויגן, ווען מען פלעגט אים אָפּרייסן פון זיין פאַרדינסט אָדער אַריינוואַרפן אַ פאַלשע מטבע!...

ער האָט אַלץ געשוויגן...

— מיינט מען דאָך טאַקע מיך! טרייסט זיך באָנציע.

---

— איינמאָל — פירט ווייטער דער מליץ יושר נאָך אַ טרונק-וואַסער — איז אין זיין לעבן אַן ענדערונג געשען... עס איז דורכגעפלויגן אַ קאָטש אויף גומענע רעדער מיט צעפלאַשעטע פערד... דער שמייסער איז שוין לאַנג פונוויטנס געלעגן מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ אויפן ברוק... פון די דערשראָקענע פערדס מיילער שפּריצט דער שוים, פון אונטער די פּאַדקאָוועס יאָגן זיך פונקען, די אויגן בלישטשען ווי ברענענדיקע שטורקאַצן אין אַ פינסטערער נאַכט — און אין קאָטש זיצט נישט טויט נישט לעבעדיק אַ מענטש!

און באָנציע האָט די פערד פאַרהאַלטן!

און דער געראַטעוועטער איז געווען אַ ייד אַ בעל-צדקה און האָט באָנציען די טובה נישט פאַרגעסן!

ער האָט אים דעם געהרגעטנס בייטש איבערגעגעבן; באָנציע איז אַ שמייסער געוואָרן!

און באָנציע האָט אַלץ געשוויגן!

— מיך מיינט מען, מיך! באַפעסטיקט זיך באָנציע אין דער דעה, און האָט דאָך נישט די העזה אַן אויג צו וואַרפן אויפן „בית-דין של מעלה"...

ער הערט זיך ווייטער איין צום מלאך מליץ:

— ער האָט געשוויגן אַפילו ווען זיין בעל-טובה האָט אין קורצן באַנקראָטירט און אים זיין לוין נישט באַצאָלט...

ער האָט געשוויגן אַפילו ווען דאָס ווייב איז פון אים אַנטלאָפן און איבערגעלאָזט אים אַ קינד פון דער ברוסט...

ער האָט געשוויגן אַפילו מיט פופצן יאָר שפעטער, ווען דאָס קינד איז אויפגעוואַקסן און גענוג שטאַרק געווען — באָנציען אַרויסצוּוואַרפן פון שטוב...

— מיך מיינט מען, מיך! פרייט זיך באָנציע.

---

— ער האָט אפילו געשוויגן — הייבט אָן ווייכער און טרויעריגער דער מלאך מליץ — ווען דער אייגענער בעל-טובה האָט זיך מיט אַלע אויסגעגליכט, נאָר אים קיין גראָשן שכירות נישט צוריקגעגעבן — און אַפילו דעמאָלט, ווען ער איז באָנציען (ווייטער פאָרנדיק אויף אַ קאָטש מיט גומענע רעדער און פערד ווי לייבן) איבערגעפאָרן...

ער האָט אַלץ געשוויגן! ער האָט אַפּילו דער פּאָליציי נישט געזאָגט וועד עס האָט אים צורעכט געמאַכט...

---

ער האָט געשוויגן אַפּילו אין שפּיטאָל, וואו מען מעג שוין שרייען!

ער האָט געשוויגן אַפּילו ווען דער דאָקטאָר האָט אָן פּופצן קאָפּיקעס נישט געוואָלט צוגיין צו זיין בעט, און דער וועכטער, אָן פינף קאָפּ.— טוישן אים די וועש!

ער האָט געשוויגן ביים גוססן — ער האָט געשוויגן ביים שטאַרבן...

קיין וואָרט קעגן גאָט, קיין וואָרט קעגן לייט!

— דיקסי!

---

באָנציע הייבט אָן ווייטער צו ציטערן אויפן גאַנצן לייב. ער ווייסט, אַז נאָכן מליץ יושר גייט דער קטיגור! ווער ווייסט, וואָס דער וועט זאָגן! באָנציע אַליין האָט זיין לעבן נישט געדענקט. נאָך אויף יענער וועלט האָט ער יעדע מינוט די פריערדיקע פערגעסן... דער מלאך-מליץ האָט אים אַלץ דער-מאָנט... ווער ווייסט וואָס דער קטיגור וועט אים דערמאָנען!

— רבותי! הייבט אָן אַ שאַרף-שטעכנדיק-בריענדיק קול —

נאָר ער האַקט אָפּ —

— רבותי, הייבט ער נאָכאַמאָל אָן, נאָך ווייכער און האַקט ווייטער אָפּ.

ענדלאַך הערט זיך, פון דעם אייגענעם האַלז אַרויס, כמעט אַ ווייך קול:

— רבותי! ער האָט געשוויגן! וועל איך אויך שווייגן!

עס ווערט שטיל — און פון פאָרנט הערט זיך אַ נייע ווייכע ציטערדיקע שטימע:

— באָנציע, מיין קינד באָנציע! רופט אים ווי אַ האַרפע... מיין האַרציק קינד באָנציע!

אין באָנציען צעוויינט זיך דאָס האַרץ... ער וואָלט שוין אַצונד די אויגן געעפנט, נאָר זיי זיינען פאַרפינסטערט פון טרערן... עס איז אים אַזוי זיס-וויינענדיק קיינמאָל נישט געוועזן... „מיין קינד", „מיין באָנציע" — זייט די מוטער איז געשטאָרבן, האָט ער אַזאַ קול און אַזוינע ווערטער נישט געהערט.

— מיין קינד! פירט ווייטער דער אב-בית-דין — דו האָסט אַלץ געליטן און געשוויגן! עס איז נישטאָ קיין גאַנץ גליד, קיין גאַנץביינדל אין דיין לייב אָן אַ וואונד, אָן אַ בלוטיק אָרט, עס איז נישטאָ קיין איין באַהאַלטן אָרט אין דיין נשמה, וואו עס זאָל נישט בלוטן... און דו האָסט אַלץ געשוויגן...

דאָרט האָט מען זיך נישט פאַרשטאַנען דערויף! דו אַליין האָסט גאָר אפשר נישט געוואוסט, אַז דו קענסט שרייען און, אַז פון דיין געשריי קענען יריחוס מויערן ציטערן און איינפאַלן? דו אַליין האָסט פון דיין פאַרשלאָפענעם כוח נישט געוואוסט...

אויף יענער וועלט האָט מען דיין שוויגן נישט באַלוינט, נאָר דאָרט איז דער עולם השקר, דאָ אויפן עולם האמת וועסטו דיין לוין באַקומען!

דיך וועט דאָס בית-דין של-מעלה נישט משפטן, דיר וועט עס נישט פסקענען.

דיר וועט עס קיין חלק נישט אויס-און נישט אָפּטיילן: נעם דיר וואָס דו ווילסט! אַלעס איז דיין!

באַנציע הייבט דאָס ערשטע מאָל די אויגן אויף! ער ווערט ווי פאַר-בלענדט פון דער ליכט פון אַלע זייטן! אַלעס בלאַנקט, אַלעס בלישטשעט, פון אַלעס יאָגן שטראַלן: פון די ווענט, פון די כלים, פון די מלאכים, פון די דייגים! סאַמע ענגלען!

ער לאָזט די מידע אויגן אַראָפּ!

— טאַקע? פרעגט ער מסופק און פאַרשעמט.

— זיכער! ענטפערט פעסט דער אַב-בית-דין! זיכער, זאָג איך דיר, אַז אַלעס איז דיין. אַלעס אין הימל געהער צו דיר! קלויב און נעם וואָס דו ווילסט, דו נעמסט נאָר ביי דיר אַליין!

— טאַקע? פרעגט באַנציע נאָכאַמאָל, נאָר שוין מיט אַ זיכערן קול.

— טאַקע! טאַקע! טאַקע! ענטפערט מען אים אויף זיכער פון אַלע זייטן.

— נו, אויב אַזוי — שמייכלט באַנציע — וויל איך טאַקע אַלע טאָג איינדערפרי אַ הייסע בולקע מיט פרישע פוטער!

דיינים און מלאכים האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ פאַרשעמט; דער קטיגור האָט זיך צעלאַכט.

---

# דאָס שטריימל.

זיין בין איך אַ קירזשנער, נאָר דער עיקר — אַ שטריימל-מאַכער. אמת איז אַז דאָס רוב פרנסה האָב איך פון פוטערשע סיערמיענגעס און טרעגער פעלצלאַך.

עס פאַלט אויך אַמאָל אַריין לייב-מ לנער מיטן שאַפּן-פעלץ...

אמת איז, אַז אַ שטריימל טרעפט זיך זעלטן, זייער זעלטן; דען — ווער טראָגט היינט אַ שטריימל? אַ רבי! און אַ שטריימל לעבט אים שענדיק איבער...

אויך איז אמת, אַז ווען עס טרעפט זיך שוין אַ שטריימל, מאַך איך עס אומזיסט, אָדער האַלב אומזיסט. לכל-הפחות — לייג איך מיין אַרבעט צו. דאָס אַלעס בין איך מוה״ז, און דאָך בין איך דער עיקר אַ שטריימל-מאַכער, ווייל אַ שטריימל האָב איך ליב צו מאַכן!

אַז עס קומט מיר אין די הענט אַריין, איז „אחרי בלותי״ — פיל איך ערשט וואָס איך בין און וואָס איך קאָן!

פון וואָס דען — זאָגט אַליין — זאָל איך הנאה האָבן?

איך פלעג אַמאָל נחת האָבן פון פויערשע סיערמיענגעס...

ערשטנס: פאַרוואָס נישט?

צווייטנס: האָב איך מיר געטראַכט: „דאָס פויערל גיט אונז ברויט, ער אַרבעט זומער אַזוי שווער און ביטער, און איך קען אים נישט שיצן פאַר דער זון, וועל איך כאָטש ווינטער, ווען ער רוט, אים אָפּהיטן פון קעלט!"

אויך בין איך געוואָר געוואָרן, אַז ערד איז דאָ ווייניק, פויערן אַ סך... מען זאָגט: צו־פיל... אַז די „איבעריקע" פויערן ליידן הונגער; אַז אַפילו פון זעקס מאָרג ערד קען מען אויך נישט לעבן, אַז ווינטער, דעריבער, רוט דאָס פויערל נישט.

עס גייט ערשט אַ „זוואָזקע!"

אַ שיינע רו האָט ער עס ווינטער! גאַנצע טעג און נעכט פירט ער ווייץ אין לייבלס מיל אַריין!

וואָס קלערט איר? איך קען אַ סך נחת האָבן, אַז מיין סיערמיענגע, מיין פראַצע, ווערט אַ גאַנצן ווינטער אויסגעווייקט, נאָכקריכנדיק אַ פּאָר פגירהשע פערד, וואָס שלעפּן לייבל מילנערס תבואה פאַר 13 גראָשן פער זאַק, פאַר 5 מייל וועגס!

פיש! און וואָס האָב איך פאַר אַ נחת פון אַ טרעגער־פעלצל?

אַ גאַנצן ווינטער טראָגט עס זעק מיט מעל אין לייבל מילנערס מיל אַריין און אַ גאַנצן זומער ליגט עס פאַרזעצט אין שענק פאַר ח"י גראָשן.

אלול־צייט, אַז מען ברענגט עס מיר אויפצוריכטן, ווער איך נאָך שיכור פון ריח פון שלעכטן בראָנפן.

און אַז לייבל מילנערס שאָפּן־פעלץ, בכבודו ובעצמו, פאַלט מיר אין די הענט אַריין, ווי מיינט איר, האָב איך נחת.

עס איז טאַקע אַ שאָפּן־פעלץ, עס איז טאַקע אַ כבוד, מען האָט טאַקע דערפאַר דרך־ארץ אין שטעטל; נאָר מיר קומט דערפון קיין גוטס נישט אַרויס.

איך האָב אַ מיאוסע טבע געקריגן: איבער וואָס איך זע, האָב איך ליב צו קלערן: פונוואַנען עס קומט? פאַרוואָס עס איז אַזוי? צי קען נישט אַנדערש זיין? און אַזוי ווי איך קריג לייבל מילנערס פעלץ אין דער האַנט אַריין, הייב איך אָן צו קלערן:

רבונו של עולם! נאָך וואָס האָסטו באַשאַפן אַזויפיל מינים פעלצן? פאַר־וואָס האָט איינער אַ שאָפּן־פעלץ, דער צווייטער אַ טרעגער־פעלצל און דער דריטער אַ סיערמיענגע און דער פערטער גאָרנישט?

און קוים הייב איך אָן קלערן, פאַרטראַכט איך מיך, די נאָדל בלייבט שטיין, און האשה־צנועה מרת מרים תחיה וואַרפט מיר, וואָס עס קומט איר אונטער דער האַנט, אין קאָפּ אַריין...

זי וויל גלייך מיט אַלע, אַז „בערל קאָלבאַס" זאָל ווייניקער קלערן און מער אַרבעטן...

נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך מוז קלערן! אַז איך ווייס פאַרט, אַז לייבל מילנער לאָזט זיך נישט פריער איבערשטרייכן דעם שאָפּן־פּעלץ, ביז ער רייסט נישט אָפּ אַ גראָשן פון זאַק דער סיערמיעגגע, און דעם אייגענעם גראָשן פער פוד דעם פעלצל...

נו, זאָל איך פון דעם נחת האָבן?

---

עס איז מיר מאוס פאַרן לעבן! איר לאַכט? און דאָך, אַז איך האָב נישט קיין שטריימל, איז מיר אַלעס נמאס ומאוס! וואָרן וואָס? אויף וואָס אַרבעט איך? אַלץ דעם שטיק חומר אָנצולייגן! און מיט וואָס? מיט ברויט און מיט קאַרטאָפל, ברויט אָן קאַרטאָפל און גאַנץ אָפט נאָך מיט קאַרטאָפל אָן ברויט, כדאי?

גלויבט מיר, אַז אַ מענטש אַרבעט פופציק יאָר און עסט פופציק יאָר טאָג־טעגלאַך קאַרטאָפל, מוז אים נמאס ומאוס ווערן דאָס לעבן! מוז אים דאָך אַמאָל איינפאַלן — זיך, אָדער לייבל מילנער, אַ מעשה צו טאָן! און אויב איך עס ווייטער רואיק מיינע קאַרטאָפל, און אַרבעט ווייטער, האָב איך עס נאָר דעם שטריימל צו פאַרדאַנקען!

אַז איך קריג אַ שטריימל אין דער האַנט אַריין, ווערט מיר אויפגע־פרישט דאָס בלוט אין די אָדערן! ווייס איך נאָך וואָס איך לעב!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

מאַכנדיק דאָס שטריימל, פיל איך, אַז איך האַלט אַ פויגל אין דער האַנט, און אָט וועל איך זי עפענען, וועט דער פויגל אַרויספליען הויך, הויך, קוים מיטן אויג צו דערזען!

און איך וועל שטיין און קוקן און קוועלן: דאָס איז מיין פויגל, איך האָבן געמאַכט, איך האָב'ן אַרויפגעשלאָגן אינדערהויך!

אין שטאָט, ברוך השם, האָב איך קיין דעה נישט, צו קיין אַסיפה רופט מען מיך נישט, אַליין גיין, בין איך קיין שניידער נישט, איך קום נישט כמעט אַרויס אין גאַס אַריין! איך האָב קיין שטאָט נישט, נישט אין שול, נישט אין בית־המדרש, נישט ביי אַ מנין! איך האָב אויף גאָרנישט, אין ערגעץ נישט צו שאַפן... אינדערהיים איז מרת מרים די רייטערקע! איידער איך פּרוב עפענען דאָס מויל צו ריידן אַ וואָרט, באַהאָגלט זי מיך שוין מיט קללות! זי ווייסט שוין וואָס איך וויל זאָגן, וואָס „בערל קאָלבאַס‟ מיינט, און עס קאָכט!

נו, וואָס בין איך? אַ גאָרנישט! און דאָך, לאָז איך אַמאָל אַרויס אַ שטריימל אויף קהל — בויגט זיך קהל אין דרייען!

איך זיץ אינדערהיים און שוויג, און מיין שטריימל שאָקלט זיך אויבנ־אָן אויף אַ חתונה, אויף אַ ברית, אויף אַ סעודת מצוה... עס הוידעט זיך איבערן גאַנצן עולם ביי דער קלפי, ביי אַ דין־תורה!

און אַז איך דערמאָן מיך אין דער גדולה, וואַקסט מיר טאַקע דאָס האַרץ...

* * *

קעגנאיבער מיר וואוינט אַ שמוקל ר... איך בין אים אָסור נישט מקנא! זאָל זיינער אַן עפּאָלעט, אָדער אַ שליפּע, זאָגן אויף איין אָקס „טריפה!" און אויפן צווייטן „כשר!" אַדרבא לאָמיר זען! און אַז מיין שטריימל זאָגט אויף פיר אָקסן דורכאַנאַנד: „טריפה!" ווערט דער קצב אויסגעריסן, די העקער־יונגען באַהאַלטן די ציין אין בייטל, דאָס גאַנצע שטעטל האָט בייע „ביין טעג", אַ גאַנצע סאָטניע קאָזאַקן קריגט פאַר זעקס גראָשן אַ פונט פלייש, און פאַרפאַלן! עס רעדט קיינער נישט אַ וואָרט!

אָט, דאָס הייסט אַ גבורה!

איך געדענק דען נישט?! פאַראיאָרן איז געווען אַ פּגירה אויף שאָף.

עפּעס, זאָגט מען, מאַכן די שעפּעלאַך אַזוינע מאָדנע הקפות, ביז זיי פאַרדרייען די קעפּלאַך און פאַלן אַנידער טויט! איך בין נישט געווען דערביי; „הקפות" איז „הקפות", נאָר מן הסתם האָט שוין יענקל קצב געהאַט וואָלוול שאָפּן־פלייש!

דער וועטערינאַר איז געקומען און געזאָגט: טריפה! מען הערט אים ווי די קאַץ!

ער האָט אַראָפּגעבראַכט פירערליי עפּאָלעטן, אַ פּאָר שליפּעס! מען האָט זיי אַלע אָוועקגעגנבעט דאָס פלייש פון אונטער די הענט, און נאָך אויפן דריטן טאָג האָט דאָס גאַנצע שטעטל געהאַט וואָלוול כשר־פלייש אויף וועטשערע!

ביי מיין שטריימל גנבעט מען נישט! עס דאַרף קיין שליפּעס, קיין עפּאָלעטן נישט. ער אַליין רירט זיך אויך נישט פון אָרט! און כל־זמן מיין שטריימל זאָגט נישט: עס! עפּנט זיך אין שטעטל קיין מויל נישט אויף!

---

איר מיינט אפשר, אַז די גבורה שטעקט אין דעם, וואָס איז אונטערן שטריימל? אסור חזיר!

איר ווייסט אפשר נישט, וואָס דערונטער איז?

איך, ב"ה, ווייס!

די בריאה איז, ב"ה, פריער אין נאָך אַ קלענער שטעטל אַ מלמד געווען, און מיין טאַטע, עליו השלום, איידער ער האָט געזען, אַז עס וועט שוין פון מיר קיין לייט נישט זיין, האָט ער מיך אַהין געשיקט צו דער בריאה לערנען! עס איז געווען רחמנא ליצלן אַ שלים־מזל, וואָס די וועלט פאַרמאָגט עס נישט! אַ זעלטענער מלמד.

די באַלעבאַטים האָבן געזען, אַז ער קען זיך נישט אויף קיין „צורת מטבע, האָבן זיי אים באַלד אָפּגעריסן אַ העלפט שכירות, און די צווייטע העלפט געצאָלט מיט אָפּגעריסענע צווייערס פאַר דרייערס, אָדער מיט בלעכענע פער־ציקערס; די רביצין האָט געזען, אַז זי וועט מיט אים מיט גוטן נישט אַרויס, פלעגט זי אים טאָג־טעגלאַך דאָס בערדל אויסצופּן.

און איר האָט איר נישט וואָס פאַראיבל צו האָבן!

ערשטנס, האָט געפעלט פּרנסה; צווייטנס, האָט ער שוין אַזאַ בערדל גע־האַט, וואָס האָט זיך געבעטן, כּמעט געחלשט, מע זאָל עס צופּן! עס האָט אַזוי באַשיינפּערלאַך געבעטן, אַז מיר תּלמידים האָבן זיך אויך נישט געקענט איינהאַלטן, און אַלע מאָל האָט זיך אַן אַנדערער געמוזט אַראָפּלאָזן אונטערן טיש, צוכאַפּן זיך צום רבינס בערדל און אויסרייסן אַ האָר!

נו, זאָגט אַליין! קען אין אַזאַ בריאה שטעקן אַ גבורה?

אפשר מיינט איר, ער איז מיט דער צייט אַנדערש געוואָרן?

אָסור חזיר! עס איז אין אים קיין שום ענדערונג נישט געשען! די אייגענע קליינע, פאַרלאָשענע, מיט אייטער פאַרגאָסענע, בטלנישע, שטענדיק דערשראָקענע אויגן...

אמת, פאַר דחקות איז אים דאָס ערשטע ווייב געשטאָרבן, נו וואָס איז? מאי נפקא מינה? צופּט אים די צווייטע דאָס בערדל! ווי באַלד עס בעט זיך, עס חלשט, מען זאָל עס צופּן, אַז מען קען עס נישט אָפּזאָגן! און איך אַליין, ווען איך זע עס, קומט מיר אויך דאָס וואַסער אין מויל אַריין, אַ צופּ צו טאָן!

נאָר וואָס דען איז געשען? נישט מער נאָר וואָס איך האָב אים אַ שטריימל געמאַכט!..

איך בין מודה ומתודה, אַז נישט מיין עצה איז עס געווען! מיר וואָלט עס גאָר נישט איינגעפאַלן!

קהל האָט באַשטעלט און איך האָב געמאַכט; נאָר קוים איז דאָס איי־גענע קהל געוואָר געוואָרן, אַז דאָס שטריימל, וואָס זיי האָבן ביי מיר באַשטעלט, וואָס איך אָרימער „בערל קאַלבאַס" האָט געמאַכט, קומט צו פאָרן און איז שוין אַ וויאָרסט אונטער דער שטאָט, איז עס אַרויסגעלאָפן מיט אַ שמחה, מיט אַ גדולה! קינד־און־קייט איז אַרויסגעלאָפן, קראַנקע זיינען פון די בעטן אַרויס! מען האָט אויסגעשפּאַנט די פערד און גאַנץ קהל האָט זיך אויף איינמאָל גע־וואָלט איינשפּאַנען און שלעפּן מיין שטריימל; גאָט ווייסט, וואָס פאַר אַ מחלוקת עס וואָלט דערפון אַרויס! וואָס פאַר פעטש, וואָס פאַר אַ מסירות... ווען נישט וואָס אַ חכם האָט אַן עצה געגעבן: מען זאָל מאַכן אַ ליציטאַציע!

און לייבל מילנער האָט געגעבן ח"י מאָל ח"י זהובים, און ער איז געווען דאָס ערשטע פערד!

נו, שטעקט נישט אַ גבורה אין מיין שטריימל?

* * *

מיין אשה צנועה רופט מיך (אַ חוץ בערל קאָלבאַס) נאָך בעל־תּאוהניק, עזות־מחוצפּניק, כּל בּוניק, און וואָס דאָס וואַסער ברענגט איר אין מויל אַריין...

עס איז אמת, אַ מענטש איז קיין חזיר נישט! איך האָב הנאה פון אַ גלייכווערטל; איך האָב אַמאָל ליב לייבל מילנער, אין די אויגן און אונטער די אויגן, אַרייננצווזעצן אַ שפּילקע.

אויך,—וואָס וועל איך דאָ לייקענען? — די דיגסט־מיידלאַך וואָס נעמען וואַסער קעגנאיבער אין הויף ביים פּלומפּ, זיינען ח"ו קיין כּהנים און דוכענען נישט, האָב איך ליב אַ קוק צו טאָן...

נאָר, גלויבט מיר, אַז נישט דאָס דערהאַלט מיך ביים לעבן!

מיך דערהאַלט ביים לעבן איין זאַך: איך ווייס, אַז איך לאָז איין מאָל אין אַ יובל אַרויס אַן עבודה־זרהלע אויף קהל, און דער גאַנצער עולם בוקט זיך צו איר, צו מיין „מעשי ידי"!

ווען זי קומט אַהיים ערב־שבּת ויום טוב פון יאַטקע אָן פליישׁ, און שילט דעם קצב — ווייס איך, אַז דער קצב איז אַ מכּה שולדיק, אַז מיין שטריימל לאָזט זי היינט קיין קוגל נישט מאַכן!

איך ווייס, אַז ווען זי נעמט נאָך גאָר אַ גוטן טאָפּ און וואַרפט אים אַרויס אין גאַס אַריין, אַז דאָס האָט נישט זי, נאָר מיין שטריימל דעם טאָפּ אַרויסגעוואָרפן! אַז ווען זי נעמט און קנייפּט אויס פון ראָשטשינע אַ שטיק טייג און וואַרפט עס אין פייער אַריין, און הייבט אויף די הענט און פאַר־גלאָצט די אויגן צום באַלקן, ווייס איך גאַנץ גוט, אַז דער באַלקן הייבט דער־פון גאָרנישט אָן צו וויסן, — אַז דאָס האָט גאָר מיין שטריימל דאָס שטיקל טייג פאַרברענט!

* * *

און דערביי ווייס איך, אַז מיין אשה צנועה איז נישט קיין בּת יחידה ביי קהל, און קהל איז נישט קיין בּן יחיד ביי גאָט; אַז קהל האָט אַ סך אַזוינע נשים צדקניות, און גאָט ב"ה, האָט אַ סך אַזוינע קהלס, און אַז מיין שטריימל האָט איבער אַלע מיליאָנען מיליאַסן נשים צדקניות צו שאַפן!

מיליאָנען ווייבער מאַכן נישט קיין קוגל, מיליאָנען טעפּ פּלאַצן אויף די שטיינער אין גאַס, און פון דעם חלה־נעמען וואָלט איך מיך אונטערנעמען מפרנס צו זיין אַ פאָלק אביונים!

און ווער טוט דאָס אַלעס? אַלץ מעשי ידי! אַלץ מיין שטריימל!

# דער מלאך.

אויפגעבליט האָט דער מזרח־שטרייף.
שווער אָטעמט־אויף דאָס פעטע שטיק פעלד, מיט טוי באַדעקט.
אין שטאַל בלעקט דער אָקס, וואָס וויל אויפן פרייען אַרויס.
און באַלד עפנט זיך די טיר פון הויז; דער ערדמאַן באַווייזט זיך אויף דער שוועל.

אָפן איז די שטאַרקע ברוסט; פאַרשאַרצט די ריזיקע הענט.
מיט אַ קלאָר, ליב און דאַנקבאַר אויג בליקט ער — אַרויף צום צעשמייכלטן הימל, אַראָפּ צו זיין פעטער שפּייזערין — ערד, און דערהערנדיק די שטים פון געטרייען אָקס, צעשמייכלט ער זיך:
— איך גיי, ליבער, געטרייער אָקס!

ניט לאַנג האָט געדויערט, און דער אָקס איז שוין צום אַקער געשפּאַנט.
אונטערן אַקער שטייט דער ערדמאַן, דריקט דאָס מעסער טיף אין דער ערד אַריין, און דער אָקס ציט אויס האַלז און קאָפּ צום ערשטן שריט.

באַווייזט זיך פּלוצלונג אַ מלאך פון הימל, ציט־אויס זיין פייערדיק שווערד איבערן אַקער, צווישן אָקס און מענטש...

און אין די אויגן פון מלאך זיינען שמערץ אין ליבשאַפט צוזאַמענגעגליט; באַרימהאַרציקייטן און דראַאונג.

און פייערלאַך וועגדט זיך צום מענטש דער מלאך, און באַפעלט, און שטאָלערן קלינגט זיין שטים דערביי:

„פאַרלאָז דיין אָקס, דיין אַקער, דיין פעלד און גיי!"
און אַז דער ערדמאַן וויגערט זיך דערשראָקן, קלינגט נאָך האַרטער דעם מלאכס שטים:

„און וועסטו נישט גערנוויליג גיין; טרייבן וועל איך דיך!"
„ווילסטו דיין שפּייזערין־ערד ניט פאַרלאָזן, פאַרשליס איך איר טראַכט, און זי וועט דיר איר שפּראָצונג ניט געבן".

„זי אַליין וועט זי ליגן אויסגעשפּרייט פאַר דיינע אויגן און אָנזאָגן וועל איך די הימלען, און זיי וועלן איבער איר קיין טראָפּן רעגן ניט לאָזן; קיין טראָפּן טוי".

„און וועסטו מיט שרעק פון דיין ערד אַנטלויפן, און אין דיין שטוב פאַר מיר און פאַר מיין געבאָט, זיך באַהאַלטן —"

„שיק איך מיין בליץ און צינד אָן דעם דאַך איבער דיין קאָפּ...
„רוף איך פון אַלע עקן וועלט ווינטן צוזאַמען, און זיי וואַרפן איבער דיר די ווענט פון דיין הויז".

„און וועסטו נאָך ווידערשפּעניסטיק זיין, און אַלץ ניט אָפּרייסן זיך פון דאָס דייניקע, און פון דיין האָב־און־גאָב. —"

„ווינק איך צו די ווילדע אין סטעפּ, אין שטויביקן וואָלקן קומען זיי געפלויגן, און באַפאַלן דיין האָב-און-גאָב...“

„און אין דיינע אויגן קוילן זיי דיין אָקס און דיין שאָף און רינד, און פרעסן זייער פליישו!“

„דו מיט ברענענדיקע אויגן וועסט עס צוזען, און פאַרהונגערט בלייבן!“

„און דיינע זין און דיינע טעכטער וועלן זיי באַצווינגען; מיט פייכטע שטריק בינדן, און פאַר זיך טרייבן, אויף קנעכט און דינסטן צו פאַרקויפן — און קיינס וועט צו דיר שוין צוריק ניט קומען, — די אויגן וועלן דיר אויס-גיין, וואַרטנדיק אומזיסט!“

— דו מוזט גיין!

— וואו אַהין? — פרעגט דער ערדמאַן פאַרציטערט.

„גאָט האָט דיך אַלס זיין שליח אויסדערוויילט, און דו וועסט גיין איבער דער וועלט שאַלן, און רופן זיין נאָמען!“

„איבער דער וועלט וועסטו גיין!“

„נע-ונד וועסטו זיין“.

„און אָן וועג און שטעג וועסטו גיין; איבער דערנער שאַרפע און שטיי-נער שפּיציקע, באָרוועס וועסטו וואַנדערן; אייביק בלוטיקן וועלן דיינע באָר-וועסע פיס...“

„און אַז דו וועסט מיד ווערן און זיך אָפּשטעלן, דעם אָטעם נאָך צו כאַפּן, וועל איך אָנצינדן די ערד אונטער דיינע פיס, און זי וועט דיך טרייבן!“

„וועל איך דיך פון הימל פאַרפאָלגן מיט דונער און בליץ“.

„און בלוטיקע שונאים וועל איך אויפשטעלן אונטער דיר, און זיי וועלן דיך מיט זייערע פיילן יאָגן... דאָס ווילדע טיר וועל איך רופן אויף דיר פון וואַלד, און עס וועט דיך טרייבן...“

„און צו אַן אָפּרו, צו אַ הערבערג וועסטו לעכצן; „און וואו אַ טיר וועסטו אָנקלאַפּן און בעטן זיך: לאָזט מיך איבער דער שוועל!“ און וואו אַ פענסטער: נאַכטלעגער פאַר אַ קראַנקן וואַנדערער, בעטלען —“

„און טרייבן וועט מען דיך פון אומעטום!—“

„מיט שאַנד און שפּאָט טרייבן, מיט קלעפּ און שלעג — ווי אַ קרעציקן פון ישוב אַרויס! און משוגע פאַר שרעק וועסטו ווייטער לויפן...“

„און אַז דו וועסט פאַר אַ וואַסער-שפּיגל פאַרביי, און דיך אַליין דערזען, וועסטו דיך פאַר זיך אַליין דערשרעקן! וועט דיך אָנכאַפּן אַ גרויל פאַר זיך אַליין! אַ שרעק פאַר דיינע אָפּענע וואונדן; אַן עקל פאַר דיין שמוץ אויפן צעבלוטיקטן לייב... און וועסט דיך וועלן פון דיין שליחות, פון גאָטס-נאָמען-שאַלן — באַפרייען, און וועסט ניט קאָנען.“

„דעם טויט וועסטו רופן און ער וועט ניט קומען!“—

„די נעגל וועסטו אַריינשטעקן אין דיין אייגן לייב, דאָס האַרץ אַרויס־רייסן, די נשמה און גאָטס וואָרט פון דיר, — און וועסט נישט קאָנען!"

„און נאָך אַ גרעסערע שרעק וועט דיך יאָגן..."

„און ווי הייסע טראָפּן בליי וועלן פאַלן די טרערן פון דיינע אויגן איבער דיין פּנים; און פון דיינע, אייביק אָפענע וואונדן וועט זיך גיסן אָן אויפהער דיין בלוט..."

— נאָך וואָס?

פול באַרימהאַרציקייט ווערט די שטים פון מלאך:

„פון יעדער טרער, וואָס וועט פון דיינע אויגן פאַלן — אַזוי וויל גאָט! — וועט אויסשפּראָצן פון דער זינדיקער ערד אַ ווייסע ליליע —"

„און פון יעדן טראָפּן בלוט, וואָס וועט טריפן פון דיין איטלאַכער וואונד — אַ רויטע רויז! אַזוי האָט גאָט באַשטימט!"

און צוריק שטאָלערן קלינגט די שטים:

„אָבער דאָס אַלץ וועט זיין הינטער דיר; דאָס אַלץ וועלן דיינע אויגן נישט זען..."

„פאַר דיר — דערנער; שטיינער אונטער די פיס; ווי ווייט די אויגן זעען — אַ וויסטעניש — —"

„און וועסט, משוגע פאַר שרעק און פיין, אַלץ ווייטער און ווייטער לויפן... די וועלט אונטער דיר מיט בלומען פאַרזייען, די ערד אונטער דיר אין אַ גן-עדן פאַרטווישן, און וועסט עס נישט זען — ביז — —"

— ביז וואַנען, מלאך?!

„ביז דו וועסט צוריקקומען צום אָרט, פונוואַנען דו גייסט אַרויס — — אויב..."

— אויב וואָס, מלאך? — פרעגט דער ערדמאַן נאָך מער פאַרציטערט.

„אויב גאָט וועט דיר אויף אַנדערע פון זיינע וועלטן נישט שיקן..."

„צו דעם ביסטו געבענטשט און פערשאָלטן..."

„צו דעם — אויסדערוויילט!" —

---

# דער אייביקער פרידן אין ערגיץ־לאַנד.

דערציילט אַזוי דאָס מעשהלע פון ערגיץ-לאַנד:

אין ערגיץ-לאַנד איז אַ הויכער גרויסער באַרג פאַראַן. האַלטן זיך אויפן שפּיץ פון באַרג די אָדלער די גרעסטע, שפּילן אויף זיין הייך די ווינטן די שטאַרקסטע; שפּילן זיי און ראַנגלען זיך.

זעט אויך דער שפּיץ פון באַרג דאָס גרעסטע הימל-שטיק פון געוועלב איבערן ערגיץ־לאַנד, און דעם שענסטן אויפגאַנג פון דער זון יעדן מאָרגן־פרי אין ערגיץ־לאַנד...

באָדט זיך דער שפּיץ באַרג אין העלסטן, רייכסטן ליכט. עס איז דאָך דער העכסטער באַרג אין ערגיץ־לאַנד: די זון פאַרשטעלט אים קיינער גישט, פון ערגיץ פאַלט אויף אים קיין שאָטן נישט...

און שטאַרק איז ער, דער באַרג: פעלזן זיינען זיינע גלידער, קופּער און גאָלד — זיינע אָדערן... דאָס ווייס די ווילדע־ציג, וואָס שפּרינגט איבער זיין רוקן...

אָט אַזוי האָט דאָס מעשהלע פאַרציילט.—

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

שפּינט זיך און שפּינט ווייטער דאָס מעשהלע...

פון לבנה־שטראַלן שפּינט זיך עס; אין שטילע נעכט, אין לבנה־נעכט...

דערציילט עס ווייטער אַזוי:

צופוסנס ביים הויכן באַרג אין ערגיץ־לאַנד ליגן לענדער פרייע, פעט און שוואַרץ... וואַקסן וועלדער טיפע־טיפע, און שטראָמען יאָגן און טייכן פליסן... און רינגלען אַרום דעם גרויסן הויכן באַרג...

און קומען די וואַנדערער, — איינציקווייז, פאַרנווייז אָדער פאַמיליען גאַנצע — און דערגרייכן זיי דעם באַרג אין ערגיץ־לאַנד, באַזעצן זיי זיך אַרום און אַרום דעם באַרג, צופוסנס דעם באַרג...

גייט דער יעגער מיט פייל־און־בויגן אין וואַלד אַריין; זעצט זיך דער פישער מיט נעץ און ווענטקע ביים קלאָרן טייך; זוכט זיך דער פעלדמאַן זיין אַקער אויס; טרייבט דער הערט זיין פי איבער דער פעטער לאָנקע... ווערן קאָלאָניעס מיט דער צייט...

גרויס איז אָבער דער צופוסנס פון באַרג, טרעפט זיך איין קאָלאָניע מיט דער צווייטער נישט; ווייסט איינע פון דער צווייטער נישט.

בויט זיך יעדערע איר וועלט פאַר זיך, און אָרדנט זיך איין די „איינציקע“ וועלט. בויט זיך איטלאַכע איר היי. יקטום פאַר גאָט דעם „איינציקן“, און דינט דעם האַר פון דער וועלט דעם איינציקן...

און מען לעבט זיינע יאָרן אויס, און מען שטאַרבט צו דער רעכטער צייט, און אַלץ לויטן ווילן און געזעץ פון גאָט פון איינציקן...

און מען בעט גאָט, און מען רעדט אויף דער „איינאיינציק“ מענטש־לאַכער שפּראַך.

און מען אַרבעט; און מען מערט, און מען פרוכפּערט זיך, און מען הייבט זיך פאַמעלאַך, פאַמעלאַך אויפן רוקן פון הויכן באַרג, פון געגלוסטן באַרג...

לאַנגזאַם — מיט ווייץ, האָבער און קאָרן, גייט דער אַקערמאַן; מיידט אים אויס דער פלאַנצער פון ווייַן; העכער שפּרינגט דער הערט, איבער שטיין און פעלז, נאָך דער ווילדער ציג; מיט דער מעטאַלענער אָדער גייט דער בערגמאַן פעסט און טיף...

און נאָך העכער שטייגן מאַנכע...

דאָס זײַנען די, וואָס האָבן זיך, מיטן גאַנצן האָב־און־גאָב, באַרואיקן נישט געקאָנט...

שוין צו פאַרבענקטע נשמות זײַנען זײ; צו פאַרבענקטע נשמות צו דער הייך, צו דער הויכער הייך.

לייגט מען אַמאָל די ווענטקע אַוועק און דעם פייל־און־בויגן, און מען גייט פון וואַלד און טייך... פאַלט רידל און קאָסע אַמאָל פון האַנט אַרויס; פאַרלאָזט מען דעם אַקער, פאַרלירט מען שער און שניידמעסער פון האַנט, קומט מען פון ווײַנבערג אַרויס, און מען וואַרפט די האַק אַוועק, און מען קוקט פון דער מעטאַלענער אָדער אַרויס אויף דער ליכטיקער שײַן... פאַרלאָזט מען אויף גאָטס בעראָט די ווילדע ציג, און מען שטײַגט...

עס ציט דער שפּיץ פון באַרג...

האָט יעדע קאָלאָניע איר בענקענדיקן מאַן, אַנדערע — אירע בענקענדיקע לײַט — שטײַגן זײ...

שטײַגן זײ.

איז, וואָס העכער, דינער און דינער דער רוקן פון באַרג; בלאָנדזשען זײ און טרעפן זיך אַמאָל.

און טרעפט מען זיך...

און טרויעריק ווערט דאָס מעשהלע, ווען עס דערציילט דערפון.. און שרעקלאַך...

טרויעריקע געשיכטן; בלוטיקע געפעכטן...

---

עס שפּינט זיך און שפּינט דאָס מעשהלע אַזוי:

האָט יעדע קאָלאָניע איר בענקענדיקן מאַן; מאַנכע — אירע בענקענדיקע לײַט — —

צום שפּיץ פון באַרג בענקען זײ...

צו די ווינטן די שטאַרקע, צו די אָדלער די גרויסע... צום גרויסן פרײַען הימל; צום רײַכן העלסטן ליכט, צום שענסטן אויפגאַנג פון דער זון בענקען...

עס ציט דער שפּיץ פון באַרג...

און איינציקווייז גייען זײ, איבער די גרעניצן פון פעלדער גייען זײ... פון ווײַנבערג־געוועלבן קומען זײ אַרויס... בײַ די ראַנדער פון מעטאַלענע גרובן שלײַכט מען זיך...

איבער שטיין און פעלז, איבעריאָגנדיק די ווילדע ציג. —

מיט פאַרבענקטע אויגן, אין דער הויכער הייך פאַרקוקט, בלאָנדזשען זײ, זאַפּנדיק מיט אויפגעשפּיצטע אויערן די גערוישן פון דער הייך — און טרעפן זיך אַמאָל...

און טרעפן, און — דערשרעקן זיך.

און מיסטעריאיש פאַרוואונדערט, קוקט איינער אויפן צווייטן, זיך אָפּ־שטעלנדיק:

פון פאַרשיידענע ערטער געקומען, אויף פאַרשיידענע וועגן געגאַנגען און — אַנדערש געקליידט, אַנדערש געשוירן און אַנדערש דעם קאָפּ באַדעקט...

שטאַמלט מען, זיך גריסנדיק און זאָגנדיק:

— גוט מאָרגן!

זאָגט עס יעדערער אויף זיין שפּראַך, אויף זיין איינציקער שפּראַך... קלינגט עס דעם צווייטן פרעמד, האַרט, ניט מענטשלאַך און פיינדלאַך אין די אויערן... מיינט יעדערער, דער צווייטער דראָט.

„ער באַליידיקט מיך, ער שילט!"

שטייט מען זיך קעגנזייטיק צו:

— ביסטו אַ מענטש, גלויבסטו אין — —

און אָנגערופן ווערט דער נאָמען פון גאָט, פון „איינציקן" גאָט...

ווערן אין צוויי שפּראַכן גערופן צוויי נעמען פון גאָט; און יעדעדער פון צווייטן טראַכט:

— ריידן רעדט ער נישט ווי קיין מענטש און גלויבן גלויבט ער נישט אין גאָט...

גרייט מען זיך צום שטרייט...

רופט יעדערער פאַרן שטרייט זיין גאָט צו הילף...

אויף פאַרשיידענע שפּראַכן ריידן זיי, פאַרשיידענע נעמען רופן זיי.

זאָגט יעדערער: ער לאַכט פון מיר און לעסטערט נאָך מיין גאָט! —

אָדער: ער דינט אַן אַנדערן גאָט, אַ פאַלשן גאָט, אַ שלעכטן גאָט!

פלאַקערט מיטאַמאָל שטאַרקער אויף דער האַס, און מען ראַנגלט זיך אויף טויט און לעבן גייט דער שטרייט...

זיגט איין מענטש און זיין איינציקער גאָט...

און דער באַזיגטער שילט צי בענטשט זיין גאָט און—פאַלט...

קאָלערט זיך דעם באַזיגטנס קערפּער באַרג־אַראָפּ, באַרג־אַראָפּ... און צייכנט מיט בלוט זיין וועג איבערן באַרג, איבערן רוקן פון הויכן גרויסן באַרג...

און זיין גאָט אויף זיין שפּראַך דאַנקענדיק, שטייגט דער זיגער אַלץ העכער און העכער...

און די צאָל פון די בענקענדיקע אין די קאָלאָניעס, און די צאָל פון די, וואָס טרעפן זיך און ראַנגלען זיך אויפן רוקן פון באַרג, וואַקסט פון טאָג צו טאָג...

עס וואַקסט די בענקשאַפט, וואָס טרייבט אַלץ אַרויף און אַרויף... און עס וואַקסט דער צאָרן קעגן דעם ווילדן, וואָס מען טרעפט אויפן וועג; קעגן דעם

ווילדן טיר, וואָס גלויבט נישט אָן גאָט, האָט אַ שלעכטן פאַלשן גאָט און שטאַמלט אויף אַ נישט-מענטשלאַכער שפּראַך...

און וואָס אַמאָל העכער שטייגט דער מענטש מיט זיין צאָרן! און מיטן מענטש, אַלץ העכער און העכער—שטרייט און שלאַכט...

ראַנגלט מען זיך וואָס אַמאָל נעענטער צום שפּיץ פון באַרג...

און די טויטע קערפּער פון באַזיגטע קאָלערן זיך אַלץ עפּטער און עפּטער, און פון אַ העכערער הייך, באַרג-אָפּ, באַרג-אָפּ... און צעפליישן זיך, זיך קאָלערנ-דיק, אויף בלוטיקע פּעצן און פעדים, אָן שפּיצן פון שטיין און פעלז; און אַלץ עפּטער און עפּטער ריזלט דאָס בלוט באַרג-אָפּ, באַרג-אָפּ; און שטראָמט, און טרענקט, און רייטלט דעם רוקן פון באַרג...

און אַדאַנק די אַראָפּגעפּאַלענע צעפליישטע לעסטערער פון גאָט, ווערט אַלץ פעטער און פעטער די ערד צופוסנס דעם באַרג; אַלץ פולער און גע-בענטשטער—די זאַנג פון ווייץ און קאָרן; פולער און גליענדיקער—די טרויב, זיסער—דער זאַפט אין איר... און דער ווילדער ציג שפּראָצט אַלץ מער און מער גראָז פון אונטער די פיס, און אַלץ מער און פעטערע מילך גיט זי דעם הערט...

און די פאַרבענקטע זיגער דאַנקען גאָט און—שטייגן...

---

און ווייטער פאַרציילט דאָס מעשהלע:

און עס פרוכפּערן זיך צַלץ, און עס מערן זיך די קאָלאָניען צופוסנס דעם באַרג. און די פאַרבענקטע צו דער הייך וואַקסן אויך אין צאָל,—שטייגן שוין מערערע מיטאַמאָל...

און געפּערלאַך, און מיט יעדען טאָג געפערלאַכער ווערט דער וועג אַרויף; צו גרויסע אָדלער און פרייע ווינטן דער שטעג... און צום אויפגאַנג פון דער זון, און צו די ברייטע הימלען אינדערהייך...

אַלץ מער ווילדע שטאַמלער און גאָט-לעסטערער טראָגן זיך אויפן רוקן פון באַרג.

און שוין באַוואָפנט ווערט געשטיגן...

און מחנות באַוואָפנטע טרעפן זיך אָפּט און עפּטער...

און שלאַכטן ווערן ביי יעדען טרעפן-זיך געפירט, און אַלץ—אין נאָמען פון גאָט, פון איינציקן גאָט!

און דערהערט מען הינטן די קריגס-געשרייען פון דער הייך, לויפט מען אַרויף צו הילף...

קומט דער הערט פון זיין געצעלט אַרויס, דער בערגמאַן פון זיין גרוב, פון טרויבן-געוועלב לויפט דער ווינבערגער אַרויף, עס איילט אויך דער ערד-מאַן פון אַקער אַוועק, און דער פישער פון ברעג טייך, און דער יעגער פון

טיפן וואַלד... און באַוואָפנט זײַנען אַלע; דער בערגמאַן האָט פּאַר אַלע וואָפן געמאַכט...

און אַלץ עפּטער און העפטיקער ווערט די שלאַכט...

הילכט דער באַרג פון אייביקן קריג: פון העלדן־געשריי, פון געווער־געקלאַנג... און פון גאָטס נעמען, וואָס ווערען אין אַלערליי שפּראַכן געררופן...

און מאַסנווייז קאָלערן זיך די טויטע אַראָפּ, אַראָפּ, און צעפּליישן זיך אויף שטיין און פעלז, איבער וועג און שטעג... און בלוטיקע טײַכן שטראָמען באַרג־אָפּ, באַרג־אָפּ... יאָגן זיך און שטראָמען.

און, וואָס אַמאָל, ווערט אונטן פעטער די ערד, פולער די זאַנג פון ווייץ, האָבער און קאָרן. זיסער און גליענדיקער דער ווײַן און אַלץ זאַטער און זאַטער פיטערט זיך די ווילדע ציג צווישן שטיין און פעלז און גיט און מ ע ר פעטערע מילך...

---

נאָר איינמאָל—אַזוי ווערט דאָס מעשהלע דערציילט—האָבן זיך צוויי, אין צעפלאַקערטן קאַמף, אַלץ העכער און העכער געיאָגט, ביז זיי האָבן פּלוצלונג דעם הויכן שפּיץ פון באַרג דערגרייכט, און פּלוצלונג גאָר פאַרבאָדן זיך אין אַ שטראָם פון ליכט, פון העלסטן רייכסטן ליכט פון דער הייך...

און מיטאַמאָל און פּלוצלונג רייסט זיך זיי בײדע אַ גייע, גאַנץ נייע שפּראַך פון דער צונג אַראָפּ!—דאָס איז געווען די שפּראַך פ ו ן ד ע ר ה י י ך, די ליכטיקע שפּראַך,—די שטראַלן־שפּראַך.

און מיטאַמאָל און פּלוצלונג האָט איינער דעם צווייטן דערהערט און פאַרשטאַנען; האָט י ע ד ע ר ע ר אינם צווייטן אַ מענטש דערקענט, דעמזעלבן גאָטס נאָמען פון זײַנע ליפּן אַראָפּ געהערט, און זיי זײַנען זיך איבער די העלזער געפאַלן.—

און נאָך זיי זײַנען געקומען אַנדערע און אַרײַנגעפאַלן אין ליכט, און נאָך אַנדערע—און אַלע, אַלע האָבן אָנגעהויבן ריידן אויף דער איינציק־מענטשלאַכער שטראַלן־שפּראַך...

איז אַ פרייד געווען!

אָבער פּלוצלונג האָבן זיי דערהערט פון הינטן אַ קריגס-געשריי, פון אַלע זייטן באַרג אַ ליאַרם פון שלאַכטן...

אונטן איז געשעען, וואָס עס האָט געמוזט געשעען... ווי אויבן די איינצלנע פאַרבענקטע מענטשן, האָבן זיך אונטן די קאָלאָניען געטראָפן...

געמערט איבער דער צייט און געפּרוכפּערט זיך האָבן די קאָלאָניען, און פאַרשפּרייט זיך און פאַרשפּרייט, און אַלץ שמעלער און שמעלער זײַנען די פרייע פעלדער און די פרייע וועלדער געוואָרן... האָבן זיך יעגער מיט יעגער געטראָפן, דער ערדמאַן מיטן ערדמאַן; און הערטשאַפט מיט הערטשאַפט באַגעגנט, און בערגמאַן מיט בערגמאַן—אונטער דער ערד...

פרעמדע זייגען געקומען! פרעמדע אַקערן אונזער לאַנד! ווילד־פרעמדע כאַפּן פיש אין אונזערע טייכן; שטאַמלער אָן אַ שפּראַך גראָבן זיך איין אין אונזער ערד... גאָט־לייקענער האָבן אונזערע וויינבערגער פאַרנומען; דינער פון פאַלשע, שלעכטע געטער—די ווילדע ציג באַצוואונגען!—

אַזוי האָט מען גערופן.

און אויפגעפלאַקערט האָט אויף אַלע גרעניצן די שלאַכט...

לויפן די פאַרברידערטע פון דער הייך אַראָפּ:

— שטיל! געוועך צו די פיס! אַלע זייגען גלייך! פאַראַן איין איינציק מענטשלאַכע שטראַלן־שפּראַך!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

און דאָס פאַרציילט דאָס מעשהלע—איז דער אָנהייב געווען...

פון אייביקן פרידן דער אָנהייב.

פון אייביקן פרידן אין ערגיץ־לאַנד, צופוסנס דעם גרויסן, הויכן באַרג...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

און אַזוי, פאַרציילנדיק, צעשטראַלט זיך עס, דאָס מעשהלע, און צע־שמייכלט זיך...

ווי דער מזרחדיקער מאָרגן־גלאַנץ פון שפּיץ אַראָפּ געזען, פון שפּיץ פון הויכן גרויסן באַרג אין ערגיץ־לאַנד געזען...

עס ווייסט, ס'וועט ווערן אַ ליד דערפון, אַ וויגן־ליד; זינגען וועלן די מו־טער עס, איבער דער ליבסטער קינדער־וויג...

און אינם קינדס הערצל־קליין, הערצל־פיין, קלינגען, קלינגען וועט דאָס ליד, און ס'וועט דערפון אַ בענקשאַפט ווערן...

אַ בענקעניש, צום ערגיץ־לאַנד, צום הויכן באַרג אין ערגיץ־לאַנד; צום פרידן־לאַנד, מיט דער שטראַלן־שפּראַך, דער איינציק מענטשלאַכער — אַ בענקשאַפט־פיין, אַ בענקשאַפט־ריין...

---

# דער משוגענער בטלן.

## I.

ער איז געלאָפן אויף און אָפּ בייטאָג איינער אַליין אין בית־המדרש און פּלוצלונג זיך אָפּגעשטעלט.

— רבונו של עולם, ווער בין איך?

— ווער בין איך?... מען רופט מיך: בערל חנהציעס... נו, בין איך דען בערל חנהציעס? בין איך דער נאָמען? — די שילד איז נאָך נישט די קלייט! דאָס הויז, וואו דער רב וואוינט, הייסט: „פּאָד־קאַרפּיעם" און איך — בערל חנהציעס!

אין ציאַכנאָווקע קען מען מיך: מען ווייסט, ווער בערל חנהציעס איז; אָבער אין אַמעריקע? ווען איינער למשל גיט אַזוי ראַפּטום אַ זאָג אַרויס אין אַמעריקע, אין בית־המדרש: „בערל חנהציעס"... נו, וואָלט עכּיץ געוואוסט, אַז מען מיינט מיך?

שאני הכא! דאָ איז עפּעס אַנדערש, דאָ גיט יעדער אַ שמייכל, אַ שאָקל מיטן קאָפּ, מאַכט אַזוי אַ תּנועה... „אַ באַקאַנטע זאַך, בערל חנהציעס!" איינער טראַכט: דער בטלן, דער צווייטער: — דער משוגענער, דער דריטער—כּ'ווייס וואָס; דער פערטער וועט זיך דערמאָנען, אַז איך הייס נאָכן פעטער בערל.— טויבעלע, אמת, גיט אַ קרעכץ דערביי, ווייל זי ווייסט, אַז איך בין געבאָן אַ יתום. אָבער אין אַמעריקע, וואו מען קען נישט חנה די זיצערקע, און וואו מען ווייסט נישט, אַז עס איז געווען אויף דער וועלט אַ בערל חקרן, דער מאַ־מעס אַ ברודער, וואו מען ווייסט נישט, אַז איך בין, וואָס מען רופט מיך: אַ משוגענער, אַ בטלן, אַ יתום און אפשר גאָר אַ חקרן אויך. (איך בין, דאַכט זיך, געראָטן אין פעטער אַריין), וואָס פאַר אַ רושם וואָלט דאָרט געמאַכט: בערל חנהציעס?!

עפּעס ווייס איך דאָ יאָ, ווער איך בין? איך אַליין זאָג דאָך: אַ משוגע־נער, אַ בטלן... נו, דאָס בין איך!

— בין איך דען נישט משוגע? וועלכער מענטש שטעלט זיך אַנידער קלערן, ווער ער איז! אַ מענטש איז אַ מענטש! איך בין אַ מענטש און הייס: בערל חנהציעס... וואָלט איך געווען אַ הויז, וואָלט איך אפשר געהייסן: פּאָד־קאַרפּיעם, — אַן אַרעסטאַנט — וואָלט איך געהאַט אַ לאַטע אויף די אַקסל און אַ נומער... וואָלס מיין טאַטע, נישט די מאַמע, געווען דער פּאַרזאָרגער, דער „פּרנסה־געבער", נישט דער בטלן, וואָלט איך געהייסן „בערל שמערלס". עס וואָלט אַפּילו שווער געווען אַרויסצוזאָגן: „בערל שמערלס", גאָר מען וואָלט שוין געמוזט! און אפשר וואָלט איך דעריבער ווייניקער געווען ביי מענטשן אין די מיילער — ווען מיין נאָמען זאָל זיך נישט אַזוי גלאַטיק אַראָפּקאָלערן פון דעם צונג.

— אָבער, ווי איך וואָלט געהייסן — אַ מענטש בין איך...

אַ מענטש! גאָר אַ בטלן דערצו... מאַלע אַ מענטש בלייבט אַ יתום, נו, וואוינט ער אין בית־המדרש? קראַנק בין איך עפּעס צו טאָן? אין שליחות גיין, האָלץ האַקן, אַ משרת ווערן און גיין אָנגעטאָן אַ בגד, נישט קרועה בלויה, עסן ברויט, נישט זיין ביז דרייסיק יאָר ישיבה־בחור, עס זאָל מיר פעלן צוויי טעג אין דער וואָך און אַרומדרייען זיך אַלץ און קלערן: ווער איך בין?!

איך וואָלט כאָטש געוואוסט, ווער מיין קאַפּאָטע איז; ציינד, אָסור אויב איך ווייס! — אַ שטיק בענדיט, אַ שטיק חיים, אַ שטיק יונה, דריי פערטל פון מיסט! אַ מערכה, טויבעלע קען גייען, אַנישט וואָלט איך געווען אָדם באַקעט.

— איז דען דאָס אַליין נישט קיין שגעון? אַזאַ מין בטלנות, אַזאַ מין בטלנות! גאָרנישט... שמערל, חיים, יונה... עס האָט אַ שיעור, וויפיל בית-המדרשניקעס איך האָב איבערגעלעבט!.. איינער איז שוין אַ סוחר, איינער — אַ טרעגער, איינער — אַ שענקער; אַ דאגה, איינער איז שוין אַן אַלמן אַפילו, שמערל האָט שוין דאָס דריטע ווייב; נאָר אַלע האָבן קינדער, געשעפטן, עסקים; גוט, שלעכט, נאָר פאַרנומענע מענטשן, עסן נישט קיין טעג, זיינען נישט קיין בטלנים... מענטשן! איך וויל אויך זיין אַ מענטש!

— וואָס הייסט אַ מענטש?

— ווי איך בין אַ ייד, איך בין קיין מענטש נישט!

— ווי איך בין אַ ייד, איך בין אַ ייד! אמת, איך בין אַ ייד, נאָר גאַנץ ציאַכנאָוועקע זיינען אויך יידן און זיינען נישט איך! הלמאי, איך בין אַ מאַנספאַרשוין, (כאָטש אַ קלאָג צו מיין מאַנספאַרשוין, אַ ווייטאָג צו אים!) נו... אַלע מענטשן, וואָס זיינען נישט קיין נקבות, זיינען מאַנספאַרשוינען, הכלל, זיינען אַלע בערל חנהציעס!

— ניין, ברודער בערל, נאָר דיך נישט! דו ביסט אַ מאַנספאַרשוין, דו ביסט אַ ייד, אמת, נאָר נישט דו ביסט דער מאַנספאַרשוין, נישט דו ביסט דער ייד!.. דו ביסט עפעס אַנדערש; דאָס אַלץ איז נאָר אַ צולאָג, צוגעגעבענע זאַכן; אָבער נישט דו אַליין...

— איך רייד מיר איין, אַז איך בין אַ בטלן, אַ משוגענער, אַ יתום, אַ אומגליקלאַכער מאַנספאַרשוין... נאָר בטלנים, משוגעים, יתומים זיינען דאָ אַ סך, אפשר אַזוינע מאַנספאַרשוינען ווי איך בין — ווייניקער; נאָר דאָ איז, אַ דאגה, אפשר אין אַן אַנדער שטאָט, אפשר אין אַמעריקע, נו, זיינען אַלע איינס? חס ושלום, יעדערער פאַר זיך!..

— נו, ווער-זשע בין איך, צו אַלדי שוואַרצע יאָר!

— עס האָט געמוזט אין מיר אַריין אַ דבוק, עס מוז עמיץ זיצן און קלערן איבער מיר, און מיר דאַכט זיך: איך אַליין קלער! אַ והאַ ראיה, ווען איך האָב כוח (אַ גאַנצע וואָך, אויסער מאָנטאָג און דינסטאָג) האָט יענער אויף מיר קיין שליטה נישט; קלער איך ווייניקער! און באמת, די חקירה איז, אַז קיין שום מענטש אין דער וועלט קאָן נישט איבערקלערן זיך אַליין! — ווי הייסט, איך וויל מיך משיג זיין? איך וויל מיך אַרויסרייסן פון מיר אַרויס, אוועקשטעלן זיך אָדער אים אין אַ זייט, „ער" זאָל קוקן אויף מיר! איך-ער זאָל קוקן אויף ער-איך!..

כאַ, כאַ, כאַ! ווי הייסט! זאָל איך מיר נאָר באַרעכענען!.. עפעס ווערט מיר וואַרים אין קאָפּ...

(ער לויפט צו צום כיור, גיסט זיך אָפּ מיט קאַלט וואַסער, און שלעפּט אַרויס פון אונטערן אויוון אַ שמאַטע, און בינדט זיך שטייף אַרום דעם שטערן).

— צינד וועט עס גיין. נאָכאַמאָל... איך וויל וויסן, ווער איך אַליין בין...

— וואו זאָל איך קוקן, אַראָפּ צי אַרויף? רעכטס — צי לינקס?.. איך בין דאָך אין מ י ר. ווען איך, למשל, קריך אַרויף אויפן ארון קודש, בין איך אינגאַנצן אויבן; איך וועל אונטן גאָרנישט איבערלאָזן. לאָמיך לויפן אין קעלער אַריין, וועל איך זיין אינגאַנצן אונטן... נו אַזוי ווי קען איך קוקן אויף מיר?

— היכי דמי?!

— וואָס דען זיצט אין מיר און קלערט פאַר מיר?

— און עפּעס זיצט דאָך פאָרט... האַ?..

— איך ווייס דאָך, אַז ווען עס זיינען געלעגן ביי דער שמשטע אומגעצייילטע קיכלאָך און איך האָב שוין דריי טעג קיין מאכל נישט געהאַט אין מויל, האָב איך גאַנץ שטאַרק חשק געהאַט אַראָפּצושניפּן אַ קיכל... נאָר איך האָב געזאָגט: ניין! מען טאָר נישט! נישט מיין... דערנאָך האָב איך געפונען טויזנט תירוצים... „די שמשטע האָט געגוג פאַרדינט אָן מיר, זי מעג מיר געבן אַ צולאָג", „איך זאָל זי בעטן, וואָלט זי מיר אַליין געגעבן", איך וועל איר מיט גאָטס הילף אַמאָל באַצאָלן"... נאָר איך האָב אַלץ געזאָגט: „ניין, מען טאָר נישט"... און עס איז געבליבן — נישט!.. פריער איז עס געגאַנגען איינס נאָכן אַנדערן: מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך אַליין פרעג און איך אַליין ענטפער, נאָר דערנאָך, שפּעטער אַ ביסל, כאָטש תוך כדי דיבור, נאָר דערנאָך, איז עפּעס אַנדערש געוואָרן, עס איז געוואָרן צוזאַמען: יאָ און ניין, ניין און יאָ און ווייטער ניין! עס איז געוואָרן אַ מחלוקת, און נ י ש ט איז געוואָרן, נישט ווייל א י ך האָב נישט געוואָלט, אָדער דעם חשק פאַרלאָרן; ניין, נאָר די האַנט האָט זיך נישט געקענט רירן; זי האָט נישט געוואוסט וועמען צו פאָלגן... אַ והאָ ראיה, איך בין דערנאָך שטאַרק מיד געווען, טאַקע ווי נאָך אַ גרויסע מחלוקה, ווי נאָך אַ הייסן וויכוח מיט יונה לאָקש, וואָס וויל מיר אַלץ איינריידן, אַז דער גאון, ז"ל, זיצט אין גן־עדן מיט אַ פאַרראַצטער באָרד, ווייל ער האָט נישט געהאַלטן פון חסידות!

— אַזאַ פערד!.. נאָר מיד בין איך געווען; איך דערמאָן מיך גאַנץ זיכער, זיכער! דאָס אייגענע איז געווען פורים, ווען איך האָב געטראָגן פון פרץ פיינהאָלץ, פון גביר, דעם רב שלח־מנות. איך האָב געהאַט אַ פול מויל מיט וואַסער, די צונג איז מיר אַרומגעלאָפן אין מויל ווי משוגע, ווי איך לויף ציגנד אַרום אין בית־המדרש. די הענט האָבן מיר געציטערט; אַ שטיק טאָרט, מאַקאַראָנען, עפּעס נאָך עטלאַכע מינים... איך נאַשער האָב געוואָלט, איך ערלאַכער מאַן האָב נישט געוואָלט!..

— מען זאָגט: „יצר טוב", זאָל זיין אַזוי! אָבער סיי־ווי־סיי בין איך דאָך נאָר אַ דירה, וואו עס וואוינען צוויי שכנים, איינער הייסט: יצר־טוב, דער צווייטער — יצר־הרע. נישט אַזוי? ווייטער די מעשה מיט די נעמען... אָבער ווער זיינען זיי? ווער בין איך?!

— — איך בין אַ דירה, איך בין אי דער גוטער שכן, אי דער שלעכטער שכן. אַלץ איך, און דערצו וויל איך וויסן ווער איך בין?! כאַ, כאַ, כאַ! — שאַ! — נעכטן ערשט, דער עולם האָט געלאַכט, וואָס איך בין געבליבן שטיין אויף איין אָרט, אפשר אַ שעה! איך ווייס, וואָס איך בין געשטאַנען! איך האָב נישט געקענט גיין: מען האָט געהאַקט האָלץ אויפן שול-הויף, האָב איך געוואָלט גיין פּרובן, צי איך קען אַ שייטהאָלץ צעהאַקן, צי קען איך אַרבעטן... איך האָב שוין אָנגעהויבן גיין; שטייען צוויי בענק: אין דער זייט אַ באַנק, אין יענער זייט אַ באַנק. דאָ דערציילט מען, אַז מען הייצט אין באָד, הייבט מיך אָן בייסן דאָס גאַנצע לייב און איך וויל צוגיין צום קעסטל, אַרויסשלעפּן דאָס בעזימל און גיין אין באָד אַריין... קעגנאיבער האָט זרח, מלמד דערציילט יענקל קעצלען, אַז אין „בעל-עקדה" איז דאָ אויף דער היינטיקער סדרה אַ פּלאַי-פּלאימדיקער דרוש! וויל איך וויסן, וואָס זרח מלמד אין געפעלן, צו-לויפן צו דער מזרח-וואַנט און אַראָפּכאַפּן דאָס ספר... נו, בין איך טאַקע גע-שטאַנען! די פיס האָבן נישט געוואוסט וועמען צו פאָלגן: צי דעם בערל חנהציעס, וואָס וויל גיין האָלץ-האַקן, צי דעם בערל חנהציעס, וואָס וויל גיין אין באָד אַריין, ווייל עס בייסט אים, צי דעם בערל חנהציעס, וואָס וויל וויסן, וואָס זרח מלמד איז געפעלן!... איך בין טאַקע אַזוי לאַנג געשטאַנען, ביז איך האָב מיך דערמאָנט, אַז איך האָב נאָך קיין מנחה נישט געדאַווענט!

— נו, על כן? וואוינען אין מיר שוין פיר פאַרשוין! אַ האָלץ-העקער, אַ בעל-עקדהניק, אַ בעדער און דער לעצטער — אַ מנחה-דאַווענער, וועלכער האָט אַלע אַרונטערגעיאָגט אונטערן אייוון, זיי זאָלן קיין פּיפּס נישט געבן, נאָר ער האָט צו שאַפן. און די פיס מוזן אים פאָלגן. אַ והאָ ראיה, בין איך טאַקע צוגעגאַנגען צו דער וואַנט און האָב געדאַוונט!

אַ שטיקל אמת שטעקט דערינען... וואָרים זיי זיינען נישט פאַרלוירן גע-וואָרן; זיי האָבן זיך נאָר באַהאַלטן אונטערן אייוון, זיי האָבן פון דאָרטן אַרויסגעקוקט... זיי האָבן געוואונקען צו מיר, און האָבן מיך מבטל געווען! אינמיטן שמונה-עשרה האָב איך אַלץ אין זינען געהאַט: האָלץ-האַקן, שמייסן זיך אויף דער העכסטער באַנק אין באָד, און דעם בעל-עקדהס דרשות אויך!..

— נו, אַ כלל? וואָס העלפט דער יצר-טוב מיט יצר-הרע, אַז איך בין אַמאָל דריי, און אַמאָל פיר!

— אָט צינד פיל איך, אַז „איך" אַליין בין עפּעס אַ גאָרנישט! איך אַליין וואָלט גאָרנישט געלעבט. איך אַליין, ווען איך לעב אַפילו, וואָלט איך מיך אינדערפרי אַפילו פון דער באַנק נישט אויפגעהויבן, איך וואָלט געלעגן ווי אַ גולם עד סוף כל הדורות... איך בין טאַקע אַ גולם, איך האָב גאָר קיין נשמה נישט; וואָס דען? אַלץ אַרום לעבט, אַלץ אַרום האָט נשמות, די נשמות זייערע לאָזן אַרויס פון זיך אַזוינע לאַנגע, דינע, שפּיציקע פעדימלאַך, אַזוינע שטראַלן, און זיי כאַפּן זיך און צעפּען זיך אין מיר, קריכן אין מיר אַריין,

רירן מיך, שטעלן מיך אויף די פיס, הייסן מיך גיין, טאָן, לויפן... אָבער איך אַליין בין גאָרנישט!

ווער דען פאָרט קלערט? הא? ווער זיצט אין מיר און קלערט? ווי־טער אַ פרעמדער? נישט איך?

— נו, זאָל זיין אַ פרעמדער! ווער איז ער? ווי קומט ער צו מיר? צי בין איך אַ שטייג און ער — אַ פייגעלע?.. דוד המלך, עליו השלום, זאָגט: יונתי, הייסט עס מיין טייבעלע! — וויל דאָס טייבעלע האָלץ־האַקן, אין באָד אַריין גיין, אַראָפּגנבענען פון שלח־מנות, אַוועקשניפּן אַ קיכל ביי דער שמשטע, און תוך כדי דבור זען דעם בעל־עקדהס דרשה?.. פוי, טייבעלע, נישט שיין! ביסטו עס, מעגסטו זיך שעמען!

— כאַ, כאַ, כאַ! בערל חנהציעס איז אַ טייבעלע, אַ פייגעלע; בערל חנהציעס האָט אַ קליין פיסקעלע מיט פליגעלאַך, בערל חנהציעס וועט אַמאָל אַרויספליען פון דער שטייג...

— נו, בערל חנהציעס, דעמאָלט וועסטו אויך קלערן ווער דו ביסט? אויך זיין אַ יתום, אויך זיין אַ בטלן, אויך זיין משוגע?

אַוודאי! ווער דען? די שטייג איז משוגע! די שטייג איז אַ יתום?

— רבונו של עולם! ווער בין איך פאָרט?

II.

עס קומט אין בית־המדרש אַריין וואָלף סוחר.

בערל חנהציעס דערזעט אים, און אַנטלויפט אין אַ זייט. וואָלף סוחר וואַשט די הענט, ווישט אָפּ אין דער פּאָלע, נעמט אַרויס פון דער שאַנק אַ ספר און זעצט זיך אַרײַנקוקן. בערל חנהציעס לאָזט פון אים קיין אויג נישט אַראָפּ...

— ווער איז ער? פרעגט ער זיך און ענטפערט זיך באַלד:

— וואָלף סוחר! ער גיט זיך דערביי אַ שטאַרקן קניפּ אין באַק אַריין...

— בהמה! חמור! וואָלף סוחר איז אַזוי ווי בערל חנהציעס! אַזוי הייסט ער; נאָר ווער איז ער?.. צי איז ער איינער, צוויי, צי דריי? וויפיל פייגעלאַך פּישטשען אין זיין שטייג, פאַרשטייסטו, וויאַטעק!?

ער האָט זיך נאָך שטייפער צוגעצויגען דעם קאָפּ.

— לאָמיר קלערן...

— אַצונד איז ער איינער, איין וואָלף סוחר... ער זיצט און לערנט! פאַרטיפט, ער זעט מיך נישט. ער לערנט אוודאי נדרים, זיין פרק, מער קען ער נישט... אַצונד איז אַ קונה קונם קונס... אַצונד איז ער אַ לשון שבדו חכמים", אַצונד ווייס איך וואָס ער איז, אַ פרק נדרים... דערנאָך? דערנאָך וועט וואָלף סוחר אַראָפּגיין אין גאַס אַריין, וועגן תבואה אויף אַ פאַלשער וואָג, אָפּנאַרן גאַנץ קרוינפּוילן און אַהיים גיין געבן דער ווייב, דער אָרימער, דערשלאָגענער טויבע, צוועלף פעטש מיט פיר דזאָך! זעסט דאָס לעמעלע, בערל חנהציעס; זעסט דאָס שעפּעלע, זעסט ווי עס קנייטשט אַיין דעם שטערן, זעסט די פרומע

אייגעלאַך, זעסט, זעסט! און דו שוטה, דו בערל חנהציעס, דו חמור, ווילסט מיר איינריידן, אַז דאָס איז דער אייגענער גנב פון גאַס, דער אייגענער רוצח פונדערהיים? ניין, בערל חנהציעס! מיר וועסטו דאָס נישט איינריידן! ניין, ניין!— נישט אַזוי קוקט אַ גנב, נישט אַזוי זעט אויס אַ רוצח!.. שוטה!..

איך זאָג דיר, בערל חנהציעס, אַז עס זיינען דאָ דריי וואָלף סוחרים... איינער איז אַ לעמעלע, אַ כּרום לעמעלע, וואָס זיצט און לערנט נדרים און וועט אויף יענער וועלט אויך לערנען נדרים, און טאַקע מיטן רבונו של עולמס פּירוש... דער צווייטער — איז אַ גנב און וועט דאָרטן אויך כאַפּן פון די טעלער; דער דריטער איז אַ רוצח, וואָס הרגעט דאָס ווייב מכּות רצח...

— אַ רחמנות אויף איר!.. עס שניידט מיך ביים האַרץ, אָפּט חלומט זי זיך מיר... זי בעט מיך אַמאָל, ביינאַכט אין שלאָף, איר זאָל איר העלפן.. דאָס הייסט: זי בעט נישט מיטן מויל, זי רעדט נייעט, חו"ש, אַ יידישע טאָכטער רעדט נישט מיט אַ מאַנספּאַרשוין... נאָר זי קוקט אויף מיר מיט אַזאַ... מיט עפּעס אַזאַ... מין קוק...

— רבונו של עולם! קוקן מעג זי דאָך! זי מעג קוקן אויף אַ מאַנס־פּאַרשוין!..

— כאַ, כאַ, כאַ! איך אַ מאַנספּאַרשוין... וואָלף סוחר איז אַ מאַנספּאַר־שוין, פוילן זאָל ער, וואָלף סוחר! איך בין אים אַ שונא אויפן לעבן. איך האָב ביי אים אַ טאָג; נאָר אַ שונא בין איך אים: שנאת חנם טאַקע, נאָר אַ שונא... איך וואָלט אים געשטאָכן! יאָ!.. נאָר נישט דעם וואָלף סוחר, וואָס זיצט און לערנט, אַפילו דעם גנב נישט, נאָר דעם רוצח! אים וואָלט איך געשטאָכן... איך אַליין קען נישט, איך אַליין האָב נישט צו שאַפן, איך בין נאָר אַ שטייגל... איך האָב אַפילו אַ קניפּיק, אַ שאַרפן קניפּיק, גאָר אַ שאַרפן, מען קען מיט אים נעגל שניידן, אַ קאָפּ גאָלן...

— איך מאַך מיר אַפילו קיין לאַמטערן נישט, ווייל עס איז מיר אַ שאָד דער קניפּיק, ער זאָל נישט שטומפּיק ווערן...

דאָך איך אַליין קען נישט... מען דאַרף, עס זאָל מיך עמיץ הייסן; עפּעס אַ בת־קול, עפּעס איינער, אַפילו זרח מלמד! זאָל ער אַליין מיך הייסן! ווער שמועסט ווען זי זאָגט מיר, אַזוי שטיל, ביינאַכט אין חלום; נאָר זי וועט נישט זאָגן, אַ יידישע טאָכטער וועט נישט זאָגן. חס־ושלום! איך וואָלט זי פיינט געהאַט, זי זאָל מיט מיר ריידן.

— אַזוי איז בעסער, קוקן זאָל זי, און שטענדיק, און אַ גאַנצע נאַכט; בייטאָג קען נאָך עמיץ דערזען, חס־ושלום! עס איז גענוג יעדע נאַכט...

— אָ! ווי שיין וואָלט עס געווען! איך וואָלט אַרויסגענומען דעם קני־פּיק, איבערגעגאַנגען די כאַליאַווע, איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל, אין בוך!..

— כאַ, כאַ, כאַ! עס וואָלטן אַרויסגעלאָפן געדערים און געדערימלאַך. כאַ, כאַ, כאַ! און בלוט, רויט בלוט... כאַ, כאַ, כאַ!

— ניין, וואָלף סוחר, נדרים־לערנער, נישט דיך מיין איך! יענעם, יענעם, דעם רוצח... נאָר נישט דיך!

— הערסט, בערל חנהציעס, ווען דו ביסט אַ מענטש, ווען דו ביסט נישט קיין יתום, קיין בטלן, קיין משוגענער, קיין חקרן, וואָלט שוין אַלץ גוט געווען... טויבעלע וואָלט אַפילו געוויינט, זי וואָלט דאָך געוואָרן אַן אַלמנה, נאָר איך וואָלט איר אין חלום געזאָגט: טויבעלע, גענוג דו האָסט צוויי מאַנען, איינער גנבעט, דער צווייטער זיצט און לערנט, וואָס טויג דער דריטער, ווילסט דווקא דריי? דווקא מען זאָל דיך, טויבעלע, שלאָגן. דווקא דו זאָלסט וויינען גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט...

— און אפשר איז ער פאָרט נאָר איינער?..

— בערל חנהציעס! דריי זיינען זיי, לאָמיר זיך וועטן. קום אַמישנע, ווייל ער זיצט דאָ און לערנט, קום אין גאַס אַריין, וועסטו זען, ווי יענער גנבעט דערווייל אין גאַס... דערנאָך ווי ער שלאָגט. קום! וועסט זען!..

ער הייבט זיך אויף, לויפט אויף די נעגל צו דער טיר, שלעפט אַרויס דעם שליסל און פאַרמאַכט פון יענער זייט...

## III.

ער קומט צוריק, בלאַס און אין כעס...

— זיי האָבן זיך באַהאַלטן, די גנבים! וואָס האָבן זיי צו טאָן? עס איז היינט גיט קיין טאָרג! עפּעס אַ יום־טוב, עס הענגען פענער, מען קען נישט גנבענען... טויבעלע איז נישט אינדערהיים... זי האָט געמוזט גיין צו אַ שכנה. די טיר איז צו... זיי האָבן זיך אפשר ביידע באַהאַלטן! איך האָב אַריינגעקוקט דורכן פענסטער. אונטערן בעט, האָט זיך מיר געדאַכט, רירט זיך עפּעס, אויף דער פאָדלאָגע האָט זיך דער שאָטן געהוידעט, געוואָרפן, געצאַפּלט! אַ קשיא אויף אַ מעשה, ער זיצט דאָ און לערנט, און זיי ליגן אונטער די בעטן.. וואו דען זאָלן זיי ליגן!—

— און וואָלף סוחר, דער תם, דער נדרים־לערנער האָט אַפילו נישט געהערט, אַז איך האָב אויף־ און צוגעשלאָסן די טיר! ער איז אַזוי פאַרטיפט אין לערנען!

— און אפשר לערנט ער גאָרנישט? אפשר זיצט דאָ דער גנב און וויל אָפּנאַרן מיך מיטן רבונו של עולם?

— וואָלף! רופט ער אים פלוצלונג.

— וואָס איז?

— גאָרנישט!

— בטלן! —

אין אַ מינוט שפּעטער:

— וואָלף!

— וואָס איז?

— איך האָב אַ קניפּיקל!

— וואויל דיר!

— ווילסט זען?

— ניין!

— דאַרף מען נישט!

אין אַ פּאָר מינוט אַרום:

— וואָלף!

— וואָס?

— דו לערנסט, צי דו מאַכסט נאָר אַזוי?

— וואָס גייט עס דיך אָן?

— איך דאַרף נייטיק צו וויסן, כ׳לעבן, נייטיק!..

— שטיל, משוגע!

אין נאָך אַ פּאָר מינוט:

— וואָלף!

— וואָס איז?

— וויפיל ביסטו?

וואָלף סוחר ווערט בייז, מאַכט צו די גמרא און גייט אַרויס פון בית-המדרש; בערל חנהציעס בלייבט אַליין.

— צי האָב איך גערעדט מיט וואָלפן? און וואָס האָב איך מיט אים אַזוינס גערעדט? וואָס איז ער אַנטלאָפן? ווי בין איך אַרויסגעגאַנגען? האַ? וואָס טוט ביי מיר אין האַנט דאָס קניפּיקל?

ער וואונדערט זיך שטאַרק, און נאָך מער, בפרט אַז ער דערזעעט, אַז ער האָט זיך דורכגעשניטן די כאָלעווע. ער ווערט בייז.

— בערל בטלן! דו אַליין האָסט צעשניטן דיין כאָלעווע! דו האָסט אַנדערע כאָלעוועס? טויבעלע וועט דיר ווייטער שענקען אַ פּאָר שטיוול? זי האָט ווייניק געלייזט פאַר יענע שטיוול! זעסטו, בטלן, זעסטו, משוגע, זעסט, עס איז עמיץ אין דיר און נישט דו! זעסט?

— לאָמיך נאָר אַליין זען, ווי דו זעסט אויס, חמור, וואָס לאָזט זיך די שטיוול צעשניידן! לאָמיך דיך אָנקוקן, בטלן!

ער לויפט צום כיור, כאַפּט די שמאַטע אַראָפּ פון קאָפּ און הייבט אָן רייבן און פוצן דאָס מעש.

— איך זע דיך שוין אַ ביסל, בטלן, — וואַרט, וואַרט, איך וועל דיך נאָך בעסער זען. איך וועל דיין גאַנץ טריפה פּרצוף זען, דיין חמור-קאָפּ!...

ער לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער קני און רייבט מיטן גאַנצן כוח. ער בלייבט דאָך פלוצלונג שטיין.

— ווער פוצט דעם כיור? ווער? איך? איך האָב כוח? איך האָב דען היינט געגעסן, נעכטן געגעסן? וואָס איז היינט? דינסטאָג! מאָנטאָג און דינסטאָג האָב איך דאָך נישט קיין טעג. ווער רייבט?!

ער האָט זיך צוריק צוגעכאַפּט צו דער אַרבעט.

— זאָל רייבן ווער עס וויל, איך, צי דער פויגל, צי די טויב, דער יצר־הרע, צי דער יצר־טוב, נאָר דיין בטלניש טריפה פּרצוף מוז איך זען! באַלד, באַלד! און אויף אַמאָל!

ער פאַרמאַכט די אויגן און רייבט ווייטער אַ ווײַלע מיט כּוח. דערנאָך עפנט ער די אויגן און דערזעט זיך.

— כאַ, כאַ, כאַ! אַזוי זע איך אויס, אַ מת, אַ ריינער מת! צו נעמען אויף דער טהרה־ברעט, צו לייגן שערבלאַך אויף די אויגן!

— זעסט, טויבעלע, ווי איך זע אויס! זעסט! און אַזוי זע איך אויס, ווען דו דערלאַנגסט מיר אַלע מאָל אַ שטיקל ברויט... אַ נישט, ווי וואָלט איך נאָך אויסגעזען? —

ער פאַרטראַכט זיך, און דערמאָנט זיך ווייטער.

— אַ מת! דאָס בין איך, יאָ, יאָ! דאָס איז בערל בטלן, בערל יתום בערל משוגע! אָט דאָס! דאָס! און ווער בין איך פאָרט?

ער קוקט אויפן כּיור און קוקט אויף זיך.

דאָרטן זעט מען נישט די צעריסענע כאָלעוועס! וואונדערט ער זיך און ווערט בייז.

— אַ מכּה דיר! — שרייט ער פלוצלונג אויס — אַ מכּה דיר, דו כּיור־מענטש! דו דאַרפסט אויך האָבן צעריסענע כאָלעוועס! אַז איך האָב, דאַרפסטו אויך האָבן!

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן מער אויף דער פאָדלאָגע, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער ערד און אַרייַנגעשטופּט די פיס אין כּיור.

— איך זע נישט, נאָר דו האָ־ט, דו האָסט צעריסענע כאָלעוועס! זעסט! אויפצוהויבען זיך איז אים שוין שווער. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער מענטש אינעם כּיור האַלט אים צו ביי די פיס; ער האָט זיי דאָך אָפּגעריסן, אויפגעהויבן זיך, אַ ביסל פאַרוואונדערט, אַ ביסל דערשראָקן.

— כּיור־מענטש! בטלן! האָט ער זיך געגרייצט און פאָרט מורא געהאַט צו קוקן אין כּיור אַריין. ער איז צוגעלאָפן צום אויוון, אָנגענומען אויף די הענט קאַלך און פאַרשמירט דעם כּיור.

— ליג דאָרט אין דער קרענק, קוק נישט אַרויס!

דער קאָפּ האָט אים אָנגעהויבן שטאַרק ווי טאָן און די פיס האָבן אים געבראָכן, ער האָט זיך ווייטער פאַרטראַכט.

לאָמיך נאָר עפּעס דערמאָנען...

— אַצינד טוט מיר ווי דער קאָפּ... אַז דער רוצח שלאָגט טויבעלען, טוט מיר ווי דאָס האַרץ... עס ברעכן מיר די פיס. אַז איך גיב מיר אַ קניפּ אין באַק, פלאַמט מיר די באַק, ווייל איך האָב אַ באַק, איך האָב הענט און פיס, איך האָב אַ קאָפּ מיט אַ האַרץ און האָב אפשר אַ נשמה אויך—אַלץ האָב

איך, נאָר וואָס בין איך אַליין? נישט די באַק, די פּיס, נישט דאָס האַרץ, נישט דער קאָפּ, נישט די נשמה. וואָס דען? גאָרנישט...

— איך זאָל מיך קענען מאבד עצמו לדעת זיין, און אַליין זען וואָס עס וועט זיין, וואָס עס וועט בלייבן, אַז עס וועט אַוועקפאַלן דער קאָפּ, די הענט, די פיס, די בעק, די צעריסענע כאַלעוועס... דעמאָלט וואָלט איך אפשר עפּעס געוואוסט? צי וואָלט נישט אַ־יושר געווען צו פּרובן...

---

# דריי בייטאָרין.

די אויגן רויט, די ליפּן בלאָ,
קיין טראָפּן בלוט אין באַק נישטאָ,
דער שטערן בלאַס, באַדעקט מיט שווייס!
דער אָטעם אָפּגעהאַקט און הייס — —
עס זיצן דריי מיידלאַך און נייען!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

די נאָדל — בלאַנק, די לייוונט — שניי
און איינע טראַכט: איך ניי און ניי,
איך ניי בייטאָג, איך ניי ביינאַכט,
קיין חופּה־קלייד זיך נישט געמאַכט!
וואָס קומט אַרויס, איך ניי?

נישט איך שלאָף און נישט איך עס...
איך וואָלט געגעבן אויף מאיר בעל־נס,
אפשר וואָלט ער זיך געמיט:
אַן אַלמן כאָטש, אַן אַלטן ייד.
מיט קינדערלאַך אַ שאָק!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

די צווייטע טראַכט, איך ניי און שטעפּ,
און שטעפּ מיר אויס גאָר גראָע צעפּ!
דער קאָפּ — דער ברענט, די שלייף — זי האַקט,
און די מאַשין — קלאַפּט צו צום טאַקט:
— טאַ־טאַ, טאַ־טאַ, טאַ־טאַ!

איך פאַרשטיי דאָך יענעמס ווינק!
אַן אַ חופּה, אָן אַ רינג,

וואָלט געווען אַ שפּיל, אַטאַנץ,
אַ ליבע אויף—אַ יאָר אַ גאַנץ!
נאָר דערנאָך, דערנאָך?

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

די דריטע שפּייט מיט בלוט און זינט:
איך ביי מיך קראַנק, איך ביי מיך בלינד.
עס צוויקט די ברוסט ביי יעדן שטאָך...
און ער—האָט חתונה די וואָך!
איך ווינטש אים נישט קיין שלעכטס!

עט, פאַרגעסן וואָס אַמאָל!...
תכריכים וועט מיר געבן קהל,
אויף אַקליינטשיק פּיצל ערד,
איך וועל רוען אומגעשטערט,
איך וועל שלאָפן, שלאָפן!

---

# דאָס געבעט.

(נאָכאמונג).

רבונו של עולם!
נאָך ווייניק געליטן?
ווען וועסטו, רבונו
של עולם, פאַרשיטן

דעם אָפּגרונט, דעם טיפן,
וואָס טיילט דיינע קינדער
אויף שטאַרקע און שוואַכע,
אויף לעמער און שינדער?

* * *

און ברייט איז דער אָפּגרונט,
און טיף ווי אַתהום,
און זאַפּט אין זיך איין
אונזער בלוט ווי אַ שוואָם!...

* *
*

עס ווערן אין אָפּגרונט,
— וואו ס'מעסער נאָר בליצט, —
מיט בלוט אויך די רייַנסטע
אידעען באַשפּריצט...

עס ציטערט פון דאָרטן
דער ווייטאָגס-געוויין,
דאָרט ליגט די נקמה
און קריצט מיט די ציין...

דאָרט ליגט די פאַרצווייפלונג
דערשראָקן, פאַרבליפט,
מיט ליפּן ווי קוילן,
ביים בעכער פון גיפט...

* *
*

רבונו של עולם!
נאָך ווייניק געליטן?
ווען וועסטו דעם שרעקלאַכן
אָפּגרונט פאַרשיטן?

דאָרט ברעכן די פליגל
די אָדלער די גרעסטע;
דאָרט ווערן פאַרשטיינערט
די הערצער, די בעסטע...

רבונו של עולם,
צי שפּראָצט דען דיין לויב
פון פינסטערן, פוילן
אין בלוטיקן שטויב?

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

# בײַ דער פרעמדער חופּה־קלייד.

(א סצענע פון װאַרשעװער לעבן).

---

אין א מאָדע־מאגאזין.

פּערזאָנען: מאָדיסטקעס און האַנט־מײדלאך.

די ערשטע מאָדיסטקע:

אַמאָל איז געװעזן, נאָר װאו? מן הסתם,
דאָרט ערגעץ אין בױבערג, אויף יענער זייט ים!
נאָר—צי איז געװעזן? איר פרעגט נאָך, איר קלערט?
איך האָב עס אַליין פון מײן באָבען געהערט!
די מאַמע—געשטאָרבן, דער טאַטע—אַװעק,
די טרױריקע װינטער־נאַכט האָט גאָר קיין עק!
די פענסטער—פאַרשמידט, די טיר איז פאַרשנײט,
און ס'רײסט זיך דער װינט, װי אַ הונט אויף דער קייט!
הורורו—הורורו—װאָיעט און קלאָגט.
דאָס האַרץ איז דערשראָקן, עס ציטערט, עס נאָגט...
„באָבע!" זי הערט ניטשט, נאָר „דיא־דיאַם־דיאַם!"
די טויבע פאַרציילט מיר פון יענער זייט ים.

אַלע:

געננוג שוין הקדמות,
נישט פּלױדער, נישט קװײל;
פאַרגעס אָן דער באָבען,
די מעשה פאַרצייל!

די ערשטע מאָדיסטקע:

אויף יענער זייט ים איז געשטאַנען אַמאָל
אויף הינערנע פיסלאַך אַ הײזל אין טאָל,
געשטאַנען זיך אײנפּאַך, אָן עזות, אָן שטאָלץ,
אָן פוצאַכץ, אָן צירונג—פון ליים און פון האָלץ!
אַ פענסטער—אַ פּיצלס, נאָר חנעװודיק האָלד!
די זון זי באַשײט עס מאָג־טעגלאַך מיט גאָלד!
לבנה און שטערן
פאַרהאַלטן זיך גערן
און מאָלן מיט זילבער די שויבן.
דאָס האָט דער הימל די ליבע באַלױנט:
עס האָבן אין הײזל צװײ ברידער געװאױנט!

עס האַלטן צוויי הערצער צוזאַמען געטריי.
שווער איז די אַרבעט, נאָר ס'אַרבעט זיך פריי!
ווייס איז דאָס מעבל, מיט קלייען דאָס ברויט,
נאָר אַלץ איז צוזאַמען—די פרייד און די נויט!
עס האָט זיך געלעבט,
די צייט האָט געוועבט
איר לאַנגן, איר כשרן פּאָדים!

נאָר איינמאָל באַווייזט זיך אַ גאַסט אויף דער שוועל,
פול גינגאָלד, שמאַראַגדן, עס פינקלט זיין פעל!
די שלאַנג איז געקומען מיט גלאַנץ און מיט פּראַכט;
דער עלטערער ברודער דערזעט זי און טראַכט:
עס איז אויף דער וועלט דאָך רייכטום פאַראַן!
ווען איך האָב אַ שמאַראַגד, איך, אָרימער מאַן,
כ'פאַרקויף אים, וואָס ניט?
כ'וואָלט אויפן יריד
געקויפט מיר צו מעלקן אַ קו!

די שלאַנגען—זיי ווייסן, וואָס ס'טראַכט זיך ביי לייט;
זי ווינקט אים און רופט אים אַוועק אין אַ זייט
און זאָגט אים: „איי, ברודער, וואָלסטו נאָר געוואָלט,
שיטסטו דיר אָן פעסער פול גאָלד,
קרעלן, דיאַמאַנטן, ברילּיאַנטן אַ וועלט
און אַלץ, וואָס מען קען נאָר באַקומען פאַר געלט!"
איך מאַך נישט קיין שפּאָט:
פאַראַן אַזאַ סוד,
איך קאָן אים דיר זאָגן אין וואַלד!

די שלאַנג איז אַוועק, און דער יינגערער קלערט:
ווי גאָט האָט זיך יעדן זיין שענקייט באַשערט;
גיי פרעגן: דער גלאַנץ און די שענקייט וואָס טויג?
די ליידנשאַפט פלאַמט שוין אין עלטערנס אויג:
קרעלן, דיאַמאַנטן, ברילּיאַנטן—אַך, גאָט!
זי זאָל נאָר נישט נאַרן און זאָגן דעם סוד!
קוקט ער צום וואַלד,
און גנבעט זיך באַלד
פון ברודער אַרויס צו דער שלאַנג!

די זון גייט שוין אונטער, פאַרגאָלדט נאָך די זוים
פון וואָלקן אין הימל; און אונטער אַ בוים
זיצן שוין ביידע—דער מענטש און די שלאַנג;
זיי זיצן צוזאַמען און שמועסן שוין לאַנג.
ער ציטערט און ווייסט נישט—פאַר פרייד צי פאַר שרעק?
זי וויקלט דאָס האַרץ אים אַרום מיטן עק
און רעדט פון דיאַמאַנטן,
קרעלן, בריליאַנטן:
„אַלץ וועסטו האָבן גאָר גרינג!"

„באַטראַכט נאָר דיין ברודער: דאָס איז אַ פאַבריק
פון קרעלן, בריליאַנטן, דיאַמאַנטן און גליק!
עס טרעפט זיך, ער אַרבעט, און וואונדערלאַך הייס
ווערט אים, דער שטערן באַדעקט זיך מיט שווייס,
עס טריפן די טראָפּן!... ער ווישט מיט דער האַנט;
לאָז נישט! דער טראָפּן דאָס איז אַ דיאַמאַנט!
נאָר אַרבעטן הייס!
קלויב אויף דעם שווייס,
שיטסטו אָן פעסער דיאַמאַנטן!"

עס טרעפט, און אים פאַלט פון די ברעמען אַ טרער;
מיינסטו, דו נאַר, עס איז וואַסער נישט מער,
און טרייסט׳ן און האַלזט׳ן; דו האַלטסט עס נישט אויס,
און קושסט אים די טרערן פון ד׳אויגן אַרויס!
פאַרשווענדסט דיין פאַרמעגן, דו, נאַרישער קאָפּ!
לאָז וויינען, לאָז טריפן! און קלויב יעדן טראָפּ!
אַ טרער, האָב פאַרשטאַנד,
דאָס איז אַ בריליאַנט,—
רייך וועסטו זיין ווי אַ קיניג!"

„דערנאָך—האָט דיין ברודער אַן איידעלע פעל,
אַ שטאָך מיט אַ נאָדל—דו האָסט שוין אַ קרעל!
בלוט—זאָגסטו—איז עס, בלוט—זאָגסטו—אַ קאַפּ?
דו נאַר! עס איז קרעלן, דו צאַפּ נאָר און צאַפּ!
זאָל ער נאָר בלוטן און בלוטן נישט קאַרג!
אָנשיטן וועסטו שוין קרעלן אַ באַרג!
דו האָסט אַ פאַבריק,
און מאַך דיר דיין גליק,
ביסט שטאַרקער און ווייסט שוין דעם סוד!

די ליפּן פאַרביסן, די פויסטן געבאַלט,
גייט שוין דער עלטערער ברודער פון וואַלד;
די אויגן זיי ברענען און זיימען זיך שוואַרץ,
דאָך צאַפּלט די ליבע צום ברודער אין האַרץ;
ער טרייסט זיך: „איך וועל דאָך נאָר מאַכן אַ פּרוב,
אַ שטאָך וועל איך געבן אַ קליינעם, נישט טיף;
מיין ברודער? איך ווייס!
נאָר טרערן און שווייס
זיינען בריליאַנטן, בריליאַנטן!"

---

עס הערט די לבנה נאָך ד'אייגענע נאַכט,
ווי ס'האָט אינם שטיבל געוויינט און געלאַכט.
עס קוקן די שטערן אין פענסטער אַריין:
ווי לאַכט עס אַ ברודער ביים ברודערס געוויין?!
די זון האָט צומאָרגנס געוואונדערט זיך שטאַרק:
ווי שלאָגט עס אַ ברודער דעם צווייטן אין קאַרק?
עס וואונדערט צוגלייך
דעם וואַלד און דעם טייך:
וואָס איז עס אין שטיבל געשען?

---

און עס איז געקומען אויף ביידע גאָטס שטראָף!
דאָס גליק איז פאַרשוואונדן, עס וויכט זיי דער שלאָף,
אַוועק איז די ליבע, דער פרידן אַוועק!—
דער שלאָפט ניט פאַר וויטאָג, דער צווייטער—פאַר שרעק;
דער שרייט: ס'איז מיין עשרות, מיין רייכטום, מיין גוט;
און יענער: ס'איז טרערן, מיין שוויס און מיין בלוט!
דיאַם, דיאַם, דיאַם!
אויף יענער זייט ים
רייסט מען זיך שוין ביי די האָר!

אַלע (כאָר):

מען שלאָגט זיך, מען רייסט זיך,
טראַך-טראַך, טראַך-טראַך!
נאָר וואָס איז געוועזן
דער סוף פון דער זאַך?

דער סוף פון די ברידער
פון שרעקלאַכן הויז?
פאַרצייל שוין און צי נישט
די הערצער אַרויס.

ד י   ע ר ש ט ע   מ אָ ד י ס ט ק ע :

אוי, ס'איז געווען אַ שרעקלאַכע נאַכט!
איך ליג ביי דער באָבען אין שויס און איך טראַכט:
„וואָס לייגט זיך דער שאָטן אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט?
וואָס רייסט זיך דער ווינט, ווי אַ הונט אויף דער קייט?
וואָס ברעכן די מויערן, וואָס רייסט זיך דער דאַך?
צי הער איך די באָבען, צי בין איך נאָך וואַך?"

איך ליג ביי דער באָבען אין שויס און איך טראַכט:
„צי זע איך אין חלום די שרעקלאַכע נאַכט?
צי הער איך אַ מעשה? צי בין איך דען וואַך?
וואו ברעכן די מויערן? וואו רייסט זיך דער דאַך?
וואו רייסט זיך דאָס הייזל אַוועק פון זיין אָרט?
הורורו—הורורו—דאָ אָבער דאָרט?"
שטענדיק געקלערט
און קיינמאָל געהערט
דעם סוף פון דער שרעקלאַכער זאַך!

---

# מ אָ נ י ש.

איר ווייסט — מן הסתם —
די וועלט איז אַ ים,
מ י ר זיינען פיש;
(טייל זיינען העכט,
שלינגען ניש'-שלעכט...
זאָגט, אפשר ניש'?).

די וועלט איז אַ ים,
ברייט אָן אַ שיר;
די פיש זיינען מיר,
די פישער איז ס"ם.

* *
*

ער האָט זיך אַלס פישער
ביים לעבן געשטעלט!
די תאוה — דאָס ווערמל! —
פירט איבער די וועלט?

עס כאַפּט וואויל די אַנגל
אַ פיש נאָך אַ פיש;
עס דאַכט זיך, אַ ווערמל —
אַ בליק נאָר, אַ קיש...

נאָר באַלד נאָכן ווערמל
גייט — האַקן און שטריק;
געענקט מיטן לעבן,
אַ סוף פונם גליק;

* *
*

און יעדערער ווייסט עס,
און יעדערער קען אים,
דעם שמדניק, דעם שטן,
דעם שר פון גיהנם;

און זעלטן איז עמיץ
באַשירמט און באַהיט...
אָט, אַייך צו וואָרענען,
זינג איך מיין ליד!

## א.

ס'איז געווען אַמאָל אַן עילוי,
נישט געקענט די וועלט אַפילו,
נ י ש ט געווען אין קלאַס;
פרום דער טאַטע, פרום די מאַמע,
די משפחה — לומדים סאַמע,
גאָר פון עקסטן פאַס!

סאַמע גאונים און למדנים,
מיט אַן „אלף־בית רבנים”,

ס׳קלינגט מיט איר די וועלט;
און מבינים גרויסע זאָגן:
זיי וועט אַלע איבעריאָגן,
מאָניש אונזער העלד!

מאָניש איז אַ וואוילער יונג,
ר׳האָט אַ קעפּל פייער פלינק,
אָנגעפילט מיט תּורה!
טרעפט אויך באַלד אַריין אין קאַרב,
מעג דער רמב״ם זיין ווי האַרב,
און דערצו נאָך אַ בעל־קורא!

און אַ שיינער יונג — אַ פּראַכט!
שוואַרצע לאָקן ווי די נאַכט,
קאַרמען־ליפּן — רויזן צוויי!
שוואַרצע ברעמען ווי די בויגן,
ווי דער הימל בלאָע אויגן,
און אַ פייער ברענט אין זיי!

יעדעס ביינדל אין אים לעבט,
און ער גייט נישט, נאָר ער שוועבט;
אָנצוקוקן איז אַ פרייד!

* * *

געלעבט האָבן דעמאָלט
נאָך ד׳אַלטע בעלי־בתּים,
מיט מעשענע ברילן
און זילבערנע בתּים.

גאָלד׳נע עטרות
און אייזערנע מחות;
אַנדערע יאָרן,
גאָר אַנדערע כּחות.

פול ס׳בית־המדרש
מיט קאַרפּענע קעפּ!
מען לערנט נאָך אין פּאָליש,
מען זיצט אויף די טרעפּ,

עס ווערט נישט פאַר חצות
קיין ליכטל פאַרלאָשן;
און פראָזשבעס צו רענדלאַך,
און תורה מי־גראָשן!

און דעמאָלט האָט מאָניש
אַלס עילוי געשמט;
די גרעסטע רבנים,
פון ווייט, פון דער פרעמד:

דער פטיש פון לאַשטשעוו,
דער „סיני" פון קאָזיץ,
דער מאור הגדול
פון קליין־מאַזעלבאָזיץ,

זיי קומען אַמישנע
פאַרהערן דעם עילוי!
און טאַנצן פאַר שמחה:
„אַתחלתא־דגאולה".

— „וואויל איז דעם טאַטן, וואָס האָט אַזאַ זון,
וואויל איז דער מאַמען, וואָס וועט׳ן ערצי׳ן,
וואויל איז דעם דור, וואָס אים פאַרמאָגט!
אין משיחס צייטן ווערט אַזוינס געבאָרן!
אָ, ירושלים, עפן אויף דיינע טוירן!"
דאָס האָבן אַלע רבנים געזאָגט!

ב.

אויפן באַרג אַרַרַט,
אויפן הויכן באַרג,
וואָס עס טראָגט דעם אייביקן
שניי אויפן קאַרק, —

אויפן באַרג אַררט —
לויט עס איז באַשריבן —
איז מיט דער תיבה
נח שטיין געבליבן.

און איז אַרויס פון קאַסטן
מיט שם, חם און יפת,
און מיט אַלע חיות,
בהמות און עופות..

און זיי אַלע זעען
מיט ד׳אייגענע אויגן,
ווי עס הענגט אין הימל
גאָטס פיילנבויגן!

און הערן גאָטס שבועה:
„דאָ שווער איך דיר, וועלט!
עס וועט דיר נישט פעלן
קיין היץ און קיין קעלט!

כאָטש רצחע און הרגע,
כאָטש גנבע און מסר,
איך וועל דיך נישט טאָפיען
שוין קיינמאָל אין וואַסער!״

געטאַנצט האָבן חיות,
חם האָט געלאַכט,
און נח האָט די ערשטע
כוסע געמאַכט.

---

געשטאָרבן שוין אַלע...
אַ פעקל מיט יאָרן!
עס שטייט דאָך די תּיבה
ביז היינט לזכּרון

דאָרט אונטער די שנייען!
און ס׳הענגט אויף דער וואַנט
עד היום דער צהר
דער גרויסער ברילּיאַנט.

און דאָרט, אין דער תּיבה,
אין שנייען און פרעסט,
דאָרט האָט זיך ס מ א ל
געפלאָכטן אַ נעסט.

און גענגן דעם צהר
קעמט אַל׳ אין דער פרי
לילית די גאָלדענע
לאָקן זיך צו.

זי קעמט זיי און קרייזלט,
און פלעכט זיי קאָקעט,
און ס מ א ל ליגט זיך
און רייכערט אין בעט;

זיי שמועסן פאַרטרויט
פון דעם און פון יענעם,
וועמען צו פאַקן
אַריין אין גיהנם;

וועמען צו שמייסן
מיט אַייזערנע ריטער,
וועמען צו פרעגלען
צום פרישטיק אויף פוטער!

---

ב׳אַ שיינעם מאָרגן
קלינגלט עס שטאַרק,
עס ציטערט די תּיבה,
עס צאַפּלט דער באַרג,

עס שפרינגט שיר סמאל
אַרויס פונם בעט,
„העריין!״ עס באַוויזט זיך
דערשראָקן אַ שד.

---

מיטגעבראַכט האָט ער
אַן עקסטרע־„ראַפּאָרט",
קוים וואָס ער שלוקערצט
אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט: —

— „אַך, גרויסער מלך!
עס ציטערט דיין טראָן..."
— „וואָס איז געשען?
געשווינד, הער באַראָן!"

— „אין קיניגרייך פּוילן,
האַרט ביי דער גרעניץ,
ליגט זיך אַ שטעטעלע
גרויס ווי אַ געניץ.

און קוים וואָס מען זעט עס,
מען הערט עס אויך זעלטן;
הייזלאַך ווי ביסלאַך,
פון שמות געצעלטן....

אינגאַנצן אַ צענדליק,
צו ציילן אויף פינגער!
עס בייסן די ציגן
די דעכער פאַר הונגער!

און שטיל ווי אַ קברות;
מענטשן ווי מתים.
קיין גאוה, קיין תאוה,
מע' לעבט פון תעניתים;

קיין חסידים, קיין דייטשן —
האָט תורה אַ קיום,
וואַקסן רבנים,
מע' פּאַשעט עילוים...

ציינד וואַקסט נאָך אַ גאון,
וואָס וועט נאָך פאַרשעמען
גאַנץ פּוילן און ליטע,
און זאַמוט און בעמען!

און לאָזטו אים וואַקסן,
און לאָזטו אים פריי,
ביסטו — חלילה! —
הוד מלכות, פאַרביי!

האָסטו פאַרלאָרן
גאַנץ פוילן און ליטע...
איז — חס־ושלום! —
אַן עק פון נישט־גוטע;

וועט ער אונז יאָגן
מיט שרעקלאַכן האַס,
און ברענגען משיחן —
חלילה וחס!" —

---

דער ימח־שמו,
ווי ר'האָט עס דערהערט —
איז אים די שמחה
געוואָרן געשטערט.

ליגט ער און טראַכט,
טאָג אַזוי נאַכט,
און רייבט זיך, און רונצלט דעם שטערן.
— גוואַלד! לילית קרוין!
אַן עצה גיב! שוין!
אַזוינס קען די וועלט איבערקערן!

— די נוס איז האַרט!
נאַר, מיין מאַן, וואַרט,
זי קנאַקט דאָך אונטער די ציין.
נצחון איז זיס!
גרייט אָן די שפיז,
דער בראַטן וועט קומען אַליין.

---

אָ גאָט, האָב רחמנות,
זיי זוכן נקמה!
האַלט, יידן, תענית
פאַר דער נשמה!

עס שווינדלען די אויגן,
הייס ווערט און קאַלט...
זי הענגט אויף אַ הערל,
אָט, אָט, אָט, זי פאַלט!

ג.

טראַ-ראַ-ראַ, טראַך!
וואָס איז געשען?
צי האָט נישט דאָרט עמיץ
משיחן געזען?

ווען בלאָזט מען שופר?
דאָך אלול נישט תמוז!
צי איז ער משוגע
געוואָרן, דער שמש?

וואָס בלאָזט עס און פייפט,
וואָס דונערט און קנאַלט?
צי פּלאַצן די דעמבעס
און סאָסנעס אין וואַלד?

עס פייפט און קנאַלט,
עס זעצט און עס קנאַקט...
עס יאָגט אַן עקסטרע
פּאָסט פון טראַקט!

אַך, ווער האָט אַזאַ
קלינגען געהערט?
עס פליען ווי רוחות
נאַשפּיץ די פערד!

עס קלינגען די גלעקלאַך
וואָס אַמאָל פרייער!
עס שפּריצן די פּאָדקאָוועס
פונקן און פייער,

עס שלענגלט זיך, קנאַקט
אָן רחמים די בייטש,
מען שטייט מיט אָפענע
מיילער: וואָס טייטש?

---

צו זעען דאָס וואונדער
זיינען אַרויס
קראַנקע פון בעטן,
לומדים — פון קלויז,

קינדער פון חדר —
איינס אין דער מיט,
אין האַנט די תחתונים —
פון אונטער דער רוט.

דאָרט לויפט אַ שוחט,
בלייך ווי די וואַנט,
אַ נישט־דערקוילעטער
האָן אין דער האַנט.

ער האָט אינמיטן
דאָס פייפן געהערט,
און — במקום דעם האָן —
דעם חלף — אויף דר'ערד!

און פליט אויפן רבל
אַרויף, ווי אַ קויל
אַריין מיטן חוטם
אין אָפענעם מויל!

און דאָ לויפט אַ טויבע
און ברעכט זיך די הענט:
„שרייט, יידן, העכער —
יידן, וואו ברענט?"

---

אויסגעלאָזט האָט זיך
די מעשה גאָר פּראָסט:
אַ דייטש איז געקומען
פון דאַנציג מיט פּאָסט!

מיטגעברענגט האָט ער
נאָר אוצרות מיט געלט!
גיין וועט אַ מסחר!
זיין וועט אַ וועלט!

און גאָט האָט דאָס שטעטל
מיט מחיה באַגליקט,
ער האָט זיי פון הימל
אַן אוצר געשיקט.

---

עס האַנדלט דאָס דייטשל
מיט כּלערליי תבואות,
קויפט גאָלד און טאָלער!
און מאַכט נישט קיין שהיות!

אַלץ ווערט מיט גאָלדענע
רענגדלאַך געוואויגן;
דעם סוחר ווערט פריילאַך
און ליכטיק אין ד׳אויגן!

הייבן אָן האַנדלען
די שוחטים... דיינים...
עס לויפן, עס קויפן
מלמדים, בטלנים...

אַז אַלעס איז סחורה,
און פּאָרשוס — אַ רעגן!
און פויערן מיט פורן
פּאַרלייגן די וועגן!

און אַלץ איז אַ סחורה,
געקויפט און געשטעלט!
שיטן אָן יידעלאַך
פּעסלאַך מיט געלט!

אַך, ווער געדענקט
אַזאַ גאָלדענע צייט?
מען טראָגט אין דער וואָכן
נאָר אַטלעס און זייד!

און חתונות מאַכט מען
טאָג־טעגלאַך כסדר:
באַוואָרפן די שניידער
מיט חתונה־קליידער.

עס זיינען אָן הענט שוין
די קלעזמער געבליבן,
די חופּה צעריסן,
די שטאַנגען צעריבן,

עס האָט שוין דער בדחן
קיין כּוח צו לאַכן;
מען קריגט שוין קיין וואַקס נישט,
הבדלות צו מאַכן.

לעקאַך פאַר ברויט־שטאָד!
און ניס, פאָמעראַנצן!...
עס קאָכט ווי אַ קעסל
דאָס שטעטל אין גאַנצן!

---

נאָר דער דייטש האָט מיטגעבראַכט
אַ בת־יחידהלע אַ פּראַכט:
גאָלד׳נע לאָקן ביז די פיס!
אויגן בלישטשען ווי די שטערן,
און אַ קול — אַ פרייד צו הערן!
און אַ שטימע — צוקערזיס!
און זי גייט נישט, נאָר זי שפּרינגט,
און זי רעדט נישט, נאָר זי זינגט,
פריילאַך, לוסטיק טאָג און נאַכט!
און לאָזט אַרויס איר קול מאַריע,
העלפט דאָס גאַנצע הויז איר צו,
קנאַקט פאַר לאַכן, ווען זי לאַכט!

כאַ! כאַ! קלינגט עס ווי אַ גלאָק!
יעדעס שטיינדל, יעדער טשוואָק,
וואַנט און דאַך! דאָס הויז אינגאַנצן!
עס לייגט די אָל אַוועק דער שוסטער,
און דער מאַרשאַלעק דער וויסטער
כאַפּט זיין „גרונע” טאַנצן!

און אַז מאָניש גייט כּסדר
יעדן מאָרגן פרי אין חדר,
בלייבט ער שטיין ביים טויער...
דעמאָלט זינגט אַ פּראַכט מאַריע,
און איר טרעלן-מעלאָדיע
דרינגט אים טיף אין אויער!

עס דרינגט אַריין אין האַרץ אים טיף!
און אויפן אייגענעם מאָטיוו,
מיט דער זעלבער מעלאָדיע,
זינגט דערנאָך ער די גמרא,
און איז מטעים יעדע סברא,
דרייט נאָך מיטן פינגער צו!

נאָר אַ שווייס ליגט אויפן שטערן,
און די אויגן — פייכט פון טרערן,
און דאָס פּנים בלאַס, ווי קרייד.
דער רבי זיינער זיצט פאַרגוקט,
ס'שטייט די רביצין און קוקט:
„אוי, ווער ווייסט, וואָס דאָס באַטייט!

* *
*

דער פאָטער — פאַרנומען,
אין אַלעם פאַרגעסן;
אינדערהיים — זעלטן
אַ שבת געזעסן.

עס זעט דאָך די מוטער
ווי מאָניש פאַרשווינדט;
זי שרעקט זיך און פרעגט אים:
וואָס איז דיר, מיין קינד?

וואָס לאָזט זיך דיין קול
אַזוי וויינענדיק הערן?
וואָס האָסטו אין ד'אויגן
נאָר טרערן און טרערן?

וואָס ביסטו אַזוי בלאַס,
מיין איינציקעס קינד?
ווער האָט דיר פאַרלאָשן,
זאָג, וואָס פאַר אַ ווינט.

די אייגעלאַך דיינע,
די שיינע הבדלות?
וואו האָסטו גענומען
ניגונים — יללות?

* *
*

אָן אַן ע י ן ־ ה ר ע,
געזונט זיי און שטאַרק,
דו פלעגסט דאָך צו זינגען,
פונקט אַ קאַנאַר'ק,

אַ שטייגער, אַ וואָלאַך,
צי אַנדערע זאַכן!
עס פלעגט דאָך פאַר תענוג
דאָס האַרץ אין מיר לאַכן,

אַז דו פלעגסט זינגען
די זמירות ביים עסן; —
היינט האָסטו גאָר יענע
ניגונים פאַרגעסן!

היינט זינגסטו גאָר אַנדערש,
היינט זינגסטו ניש' גוט,
עס קלעמט מיר דאָס האַרץ צו,
עס קילט מיר דאָס בלוט;

עס שניידט, ווי מיט מעסער,
אין האַרץ דיין געזאַנג!
וואָס איז פאַר אַ שטייגער,
וואָס איז פאַר אַ גאַנג?

. . . . . . . . . . . . . .

פלעגסט אַמאָל העלפן
דעם חזן אין שול...
גאָר אַנדערע קולות,
אַן אַנדער געפיל;

אַצונד עמיץ אַנדערש
זינגט פון דיר אַרויס!
וואָס איז דיר, מיין לעבן,
דער מאַמען זאָג אויס!

. . . . . . . . . . . . . .

— צי ווייס איך דען, מאַמע,
וואָס ס'זינגט דאָרט אין מיר?
איך ווייס נאָר, אין האַרץ איז
גאָר אַנדערש ווי פריער!

איך ווייס נישט, וואָס ס'איז מיר,
עס נאָגט דאָך אין האַרץ;
און פלוצלונג פאַר ד'אויגן
ווערט פינסטער און שוואַרץ...

עס הייבט אָן צו ברענען
ווי פייער אין מוח;
עס רייסן זיך קולות
פון האַלז אויס מיט כּוח!

און אָטעם פאַרפעלט מיר,
ס'איז ענג אין דער ברוסט,
איך וויל זיי פאַרהאַלטן,
די טענער, אומזיסט!

זיי פליען ווי פייגל
אַרויס פון אַ נעסט...
און — אַזוי זינגט זיך...
אָט, ווי דו זעסט!...

ד.

אינם שטעטל איז געוועזן
פון קדמונים אַ מפּולת!
דאָרטן פלעגן לצים וואוינען,
מוזיצירן, מאַכן קולות.

קרייען, מיאַוציען, קוויטשען, בילן,
אָדער סוויִשטשען ווי דער ווינט,
אויפן דאַך גייט אויף דער וואַך
אַרום אַן אַלטער שוואַרצער הונט!

ס׳פלעגט אַרויס צו וואַרפן שטיינער,
גאַנצע פודן אויף דער וואָג,
און עס פלעגן זיך באַווייזן
די נישט־גוטע טאָג אויף טאָג!

ווייבער, מענער, יידן, קריסטן
וויכן לאַנג די גאַנצע גאַס;
און מיט הויכן גראָז באַוואָקסן
שטייען הייזלאַך פוסטע־פּאַס!

דאָרט ביינאַכט באַווייזט זיך מאָניש,
צו דער חורבה גייט ער צו,
ס׳קלאַפּט דאָס הארץ ווי ביין אַ גזלן:
דאָרטן וואַרט אויף אים מאַריע!

אים באַגלייטן צוויי מלאָכים:
אין דער לינקער זייט אַ שלעכטער,
און, מיט טרערן אין די אויגן,
גייט דער גוטער אין דער רעכטער!

און דער גוטער מלאך רוימט אים
אין דעם רעכטן אויער אַריין:
„האָב רחמנות! דיין נשמה
זאָל פאַר גאָט נישט זינדיק זיין!“

„וויס, די וועלט האָט ער באַשאַפן,
„וואָס אין הימל, וואָס אויף דר׳ערד!
„זון, לבנה, אַלע שטערן,
„אַלע אָקסן, אַלע פערד,

„ער פאַרזאָרגט אויך לייבן, בערן,
„גיט פרנסה שאָף און רינדער...
„האָט דעם מענטש זיך אויסגעקליבן,
„ער זאָל לויבן זיינע וואונדער.

„און דעם תּמצית פון די אומות
„האָט ער יידן אויסגעצויגן,
„און זעקס־הונדערט־דרייצן מצוות
„אָפּגעמאָסטן, אַפּגעוואויגן!

„טו נאָר תּשובה, און ער וועט דיך
„מיט ש״י עולמות פאַרגעלטן!
„אוי, באַרעכן! איז מאַריע דען
„ווערט דריי הונדערט מיט צען וועלטן?״

חוזק מאַכט דער שלעכטער מלאך
רוימט אין לינקן אויער אַריין:
האָסט נאָך צייט אויף עולם הבא!
און ער וועט דיר מוחל זיין!

צי האָט ראובן נישט געזינדיקט?
אָדער דוד און בת שבע?
אַלע זיינען אין גן־עדן...
וויל ער האָט אַ גוטע טבע!

און אַ ליאַדע קרים, אַ טרער,
אין אַ ווינטער־טאָג אַ תּענית,
און אַ וואָרט, „איך וועל נישט מער!״
און ער גלייבט דיר אויף נאמנות!

אַזוי טענהן די מלאכים.
און דער ישוב דויערט נישי לאַנג...
אָט זי ווייזט זיך שוין אין פענסטער,
און עס הערט זיך איר געזאַנג.

פלאַמען ברענען איר אין ד׳אויגן,
אַלע תּאוות—אין איר ליד!
און ער פליט שוין פייל פון בויגן,
און דאָס בלוט עס קאָכט און זידט!

---

טויזנט גרילן, טויזנט שפּינען,
פלעדערמייז און איילן הערן,
זייער זינגען, לאַכן, קושן,
זייער קושן, האַלזן, שווערן...

און ער שווערט איר הייסע ליבע
בײַ זײַן לעבן, ביים געזונט;
דאָך זי שמייכלט: אַזאַ שבועה
טראָגט אַוועק דער לײַכטסטער ווינט!

און ער שווערט איר בײַ די ציצית,
בײַ די פּאות, בײַ די תּפילין,
און בײַ שופר של משיח...
—„זאָג, וואָס נאָך? אום גאָטעס ווילן!"

---

און ער שווערט איר הייסע ליבע
אַלץ פאַרברענטער און פאַרשייטער,
און זי שמייכלט, און זי בעט זיך:
שווער נאָר ווייטער, ווייטער, ווייטער...

און ער שווערט איר בײַ זײַן טאַטן,
בײַ דער גוטער פרומער מאַמען;
בײַ דער באָבען, בײַ דעם זיידן,
און בײַ אַלע נאָך צוזאַמען...

---

אויף איר ליפּל שפּילט אַ שמייכל
און די אויגן אירע גלאַנצן,
און זי בעט זיך: ווייטער, ווייטער!
זי וויל זיכער זײַן אינגאַנצן!

ווײַל אַ בחור קאָן פאַרפירן,
קען פאַרגעסן, האָט זי מורא...
און ער שווערט איר ביים פּרוכת,
בײַ דעם כּתר, בײַ דער תּורה!

און זי בעט זיך: העכער! העכער!
זי וויל זיכער זײַן אינגאַנצן!
און זי כּישופט מיט איר אָטעם
און די אויגן בלישטשען, גלאַנצן...

און ער גרייפט אַלס העכער, העכער,
האָט גאָטס נאָמען אויסגערופן!..
. . . . . . . . . . . . . .

פונם הימל קנאַלט אַ דונער;
פון גיהנום פונם טיפן

אַ געלעכטער, אַ גערודער.
און ער פליט שוין „פאָד קאָנוואָיעם״
אויף אַ בעזים אין דער הייך.

---

אויפן באַרג אררט דאָרטן
איז אַ לעבן, אַ געפילדער,
ס'איז אַ באַל דאָרט אין דער תּיבה,
און אַ שרעקלאַכער, אַ ווילדער!

און קאַפּעלן (יענע ווערלטי־
קע ציגיינער) מוזיצירן,
און שאַמפּאַניער—ווי וואַסער,
און די רוחות קאַנקאַנירן!

לאָמפּן — טויזנט פּעסער סמאָלע,
די רשעים זיינען קנויטן;
ס'גייט אַרום אַן עקסטרע־שדל
מיט אַ שערל צו די צויטן!

---

און די קיניגין איז לילית!
אין די אויגן האָט זי בליצן;
און סַמאל טראָגט איר לאַנגע
שלעפּ מיט בראַבאַנדער שפּיצן.

. . . . . . . . . . . . . .

אין דער טיר דאָרט שטייט געשלאָסן
אונזער מאָניש אויף אַ קייט...
און מען לייגט שוין אָן אַ פייער
און די שפּיז איז צוגעגרייט!

---

# אויב נישט נאָך העכער.

א חסידישע דערציילונג.

און דער נעמיראָווער פלעגט סליחות-צייט יעדן פרימאָרגן נעלם ווערן, פאַרשווינדן!

מען פלעגט אים נישט זען אין ערגעץ: ניט אין שול, ניט אין ביידע בתי-מדרשים, נישט ביי א מנין, און אינדערהיים אוודאי און אוודאי נישט. די שטוב איז געשטאַנען אָפן. ווער עס האָט געוואָלט, איז אַריין און אַרויסגעגאַנגען; געגנבעט ביים רבין האָט מען נישט, אָבער קיין לעבעדיק באַשעפעניש איז אין שטוב נישט געווען.

וואו קען זיין דער רבי?

וואו זאָל ער זיין? מן הסתם אין הימל! ווייניק געשעפטן האָט א רבי פאַר ימים-נוראים צו פאַרזאָרגן? יידעלאַך, קיין עין-הרע, דאַרפן פרנסה, שלום, געזונט, גוטע שידוכים, ווילן גוט און פרום זיין, און די זינד זיינען דאָך גרויס, און דער שטן מיט זיינע טויזנט אויגן קוקט פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער, און ער זעט, און פאַרקלאָגט, און מסרט... און—ווער זאָל העלפן, אז נישט דער רבי?

אַזוי האָט דער עולם געטראַכט.

איינמאָל איז אָבער אָנגעקומען א ליטוואַק, לאַכט ער! איר קענט דאָך די ליטוואַקעס: פון מוסר-ספרים האַלטן זיי ווייניק, דערפאַר שטאָפן זיי זיך אָן מיט ש״ס ופוסקים. ווייזט דער ליטוואַק א בפירושע גמרא—די אויגן שטעכט ער אויס. אפילו משה רבינו, ווייזט ער, האָט ביים לעבן נישט געקאָנט אַרויף אויפן הימל, נאָר געהאַלטן זיך צען טפחים אונטערן הימל! נו, גיי שפּאַר זיך מיט א ליטוואַק!

— וואו-דען קומט אַהין דער רבי?

— מיין דאגה! — ענטפערט ער און ציט מיט די אַקסל, און תוך כדי דבור (וואָס א ליטוואַק קען!) איז ער זיך מיישב, צו דערגיין די זאַך.

---

נאָך דעמזעלבן פאַרנאַכט, באַלד נאָך מעריב, גנבעט זיך דער ליטוואַק צום רבין אין חדר אַריין, לייגט זיך אונטערן רבינס בעט, און ליגט. ער מוז אָפּוואַרטן די נאַכט און זען, וואו דער רבי קומט אַהין, וואָס ער טוט סליחות-צייט.

אַן אַנדערער וואָלט אפשר איינגעדרעמלט און פאַרשלאָפן די צייט; א ליטוואַק טוט זיך אַן עצה: לערנט ער זיך אויסנווייניק א גאַנצע מסכתא!

פאַרטאָג הערט ער, ווי מען קלאַפּט צו סליחות.

דער רבי איז שוין נישט געשלאָפן א צייט. ער הערט אים שוין אפשר א גאַנצע שעה קרעכצען.

ווער עס האָט געהערט דעם נעמיראָווער קרעכצען, ווייס, וויפיל צער פאַר כל ישראל, וויפיל יסורים עס האָט געשטעקט אין זיין יעדן קרעכץ... די נשמה פלעגט אויסגיין, הערנדיק דאָס קרעכצען! אַ ליטוואַק האָט דאָך אָבער אָן אייזן האַרץ, הערט ער צו און ליגט זיך ווייטער! דער רבי ליגט זיך אויך: דער רבי, זאָל לעבן, אויפן בעט, דער ליטוואַק אונטערן בעט.

---

דערנאָך הערט דער ליטוואַק, ווי די בעטן אין הויז הייבן אָן סקריפּען... ווי די בני־בית כאַפּן זיך אַרויס פון די בעטן, ווי מען מורמלט אַ יידיש וואָרט, מען גיסט וואַסער אויף די נעגל, עס קלאַפּן אויף און צו די טירן... דערנאָך איז דער עולם אַרויס פון שטוב. עס ווערט ווייטער שטיל און פינסטער, דורכן לאָדן שיינט קוים אַריין אַ קליין ביסל ליכט פון דער לבנה...

מודה האָט ער געווען, דער ליטוואַק, אַז ווען ער איז געבליבן איינער אַליין מיטן רבין, איז אים באַפאַלן אַן אימה. די הויט איז שוין אים אויפגעלאָפן פאַר שרעק, די וואָרצלען פון די פאות האָבן אים געשטאָכן אין די שלייפן ווי נאָדלען.

אַ קלייניקייט: מיטן רבין, און סליחות־צייט, פאַרטאָג, אַליין אין שטוב!..

אַ ליטוואַק איז דאָך אָבער איינגעשפּאַרט, ציטערט ער ווי אַ פיש אין וואַסער און ליגט.—

---

ענדלאַך, שטייט דער רבי, זאָל לעבן, אויף...

פריער טוט ער וואָס אַ ייד דאַרף טאָן... דערנאָך גייט ער צו צו דעם קליידער־אַלמער און נעמט אַרויס אַ פּעקל... עס באַווייזן זיך פויערשע קליידער: לייוונטענע פּלודערן, גרויסע שטיוול, אַ סערמיעגגע, אַ גרויס פוטערן היטל מיט אַ ברייטן לאַנגן לעדערנעם פּאַס, אויסגעשלאָגן מיט מעשענע בעגעלאַך.

דער רבי טוט עס אָן...

פון דער קעשענע, פון סיערמיעגגע, שטאַרט אַרויס אַן עק פון אַ גראָבן שטריק... פון אַ פויערשן שטריק!

דער רבי גייט אַרויס; דער ליטוואַק—נאָך!

דורכגייענדיק, טרעט אָפּ דער רבי אין קיך, בויגט זיך איין, פון אונטער אַ בעט נעמט ער אַרויס אַ האַק, פאַרלייגט זי אונטערן פּאַס און גייט אַרויס פון שטוב.

דער ליטוואַק ציטערט, נאָר ער טרעט נישט אָפּ.

---

אַ שטילער, ימים־נוראימדיקער פחד וויגט זיך איבער די טונקעלע גאַסן. אָפּט רייסט זיך אַרויס אַ געשריי פון סליחות פון ערגעץ אַ מנין, אָדער אַ קראַנקער קרעכץ פון ערגעץ אַ פענסטער... דער רבי האַלט זיך אַלץ אין די זייטן

פון די גאַסן, אין די שאָטן פון די הייזער... פון איין הויז צום אַנדערן שווימט ער אַרויס און דער ליטוואַק נאָך אים...

און דער ליטוואַק הערט, ווי זיין אייגן האַרץ־קלאַפּן מישט זיך צוזאַמען מיטן קול פון רבינס שווערע טריט; אָבער גיין גייט ער, און קומט צוזאַמען מיטן רבין אויס דער שטאָט אַרויס.

---

הינטער דער שטאָט שטייט אַ וועלדל.

דער רבי, זאָל לעבן, נעמט זיך אין וועלדל אַריין. ער מאַכט אַ דרייסיק־פערציק טריט און שטעלט זיך אָפּ ביין אַ ביימל און דער ליטוואַק ווערט נבהל ומשתומם, זעענדיק, ווי דער רבי נעמט אַרויס פון פּאַס די האַק און שלאָגט אין ביימל אַריין.

ער זעט, ווי דער רבי האַקט און האַקט, ער הערט ווי דאָס ביימל קרעכצט און קנאַקט. און דאָס ביימל פאַלט, און דער רבי שפּאַלט עס אויף ליפּעס... די ליפּעס—אויף דינע שייטלאַך; און ער מאַכט זיך אַ בינטל האָלץ, נעמט עס אַרום מיטן שטריק פון קעשענע, ער וואַרפט דאָס בינטל האָלץ איבער די פּלייצעס, שטעקט צוריק אַריין די האַק אינם פּאַס, לאָזט זיך אַרויס פון וואַלד און גייט צוריק אין שטאָט אַריין.

אין אַ הינטערגעסל שטעלט ער זיך אָפּ ביי אַן אָרים, האַלב איינגעבראָכן הייזל און קלאַפּט אָן אין פענסטערל.

— ווער איז? פרעגט מען דערשראָקן פון שטוב אַרויס. דער ליטוואַק דערקענט, אַז עס איז אַ קול פון אַ יידענע, פון אַ קראַנקער יידענע.

— יאַ! ענטפערט דער רבי אויף פּויעריש לשון.

— קטאָ יאַ? פרעגט מען ווייטער פון שטוב.

און דער רבי ענטפערט ווייטער, אויף מאַלאָראָסיש לשון: וואַסיל!

— וואָס פאַר אַ וואַסיל און וואָס ווילסטו, וואַסיל?

— האָלץ, זאָגט דער פאַרשטעלטער וואַסיל, האָב איך צו פאַרקויפן! זייער ביליג... בחצי חנם האָלץ!

און, ניט וואַרטנדיק אויף אַ תשובה, נעמט ער זיך אין שטוב אַריין.

---

דער ליטוואַק גנבעט זיך אויך אַריין און, ביים גרויען ליכט פון פריען מאָרגן, זעט ער אַן אָרימע שטוב, צעבראָכן, אָרים כלי־בית... אין בעט ליגט אַ קראַנקע יידענע, פאַרוויקלט מיט שמאַטעס, און זי זאָגט מיט אַ ביטער קול:

— קויפן? מיט וואָס זאָל איך קויפן? וואו האָב איך, אָרימע אַלמנה, געלט?

— איך וועל דיר באָרגן! ענטפערט דער פאַרשטעלטער וואַסיל, אינגאַנצן זעקס גראָשן!

— פונוואַנען וועל איך דיר באַצאָלן? קרעכצט די אָרימע יידענע.

— נאַריש מענטש — מוסרט זי דער רבי, — זע, דו ביסט אַן אָרימע קראַנקע יידענע און איך געטרוי דיר דאָס ביסל האָלץ, איך בין בטוח, אַז דו וועסט באַצאָלן; און דו האָסט אַזאַ שטאַרקן, גרויסן גאָט, און געטרויסט אים נישט... און האָסט אויף אים, אויף נאַרישע זעקס גראָשן פאַרן בינטל האָלץ, קיין בטחון נישט!

— און ווער וועט מיר אײַנהייצן? קרעכצט די אלמנה, — איך האָב דען כוח אויפצושטיין? מיין זון איז אויף דער אַרבעט געבליבן.

— איך וועל דיר אײַנהייצן אויך — זאָגט דער רבי.

---

און, אַריינלייגנדיק דאָס האָלץ אין אויוון, האָט דער רבי, קרעכצענדיק, געזאָגט פון סליחות דעם ערשטן פזמון...

און, אַז ער האָט עס אונטערגעצונדן, און דאָס האָלץ האָט פריילאַך געברענט, האָט ער געזאָגט, שוין אַ ביסל לוסטיקער, פון די סליחות דעם צווייטן פזמון...

דעם דריטן פזמון האָט ער געזאָגט, ווען עס האָט זיך אויסגעברענט און ער האָט די בלעך פאַרמאַכט...

---

דער ליטוואַק, וואָס האָט דאָס אַלץ געזען, איז שוין געבליבן אַ נעמיראָווער חסיד.

און שפּעטער, אויב אַ חסיד האָט אַמאָל דערציילט, אַז דער נעמיראָווער הייבט זיך אויף, סליחות צייט, יעדן פרימאָרגן, און פליט אַרויף אין הימל אַרײַן, פלעגט שוין דער ליטוואַק נישט לאַכן, נאָר צוגעבן שטילערהייט:

— אויב נישט נאָך העכער!

---

# צווישן צוויי בערג.

פון בריסקער רב און ביאַלער רבין האָט איר אוודאי געהערט. דאָך נישט אַלע ווייסן, אַז דער ביאַלער צדיק, ר' נחקע, איז פריער געוועזן דעם בריסקער רבס אַ תלמיד מובהק, אַז ער האָט ביי אים געלערנט אַ שיינע פּאָר יאָר און דערנאָך ערשט איז ער נעלם געוואָרן, אָפּגעהאַלטן אַ פּאָר יאָר „גלות״, און איז נתגלה געוואָרן אין ביאַלע.

און אַוועק איז ער מהאי טעמא: מען האָט געלערנט תורה, נאָר די תורה, האָט דער רבי געפילט, איז טרוקענע תורה... מען לערנט, למשל, אַ דין פון שאלות-נשים, פון בשר-בחלב, צי דיני ממונות... זייער וואויל! קומט ראובן ושמעון האָבן אַ דין-תורה, קומט אַ משרת אַ שאלה פרעגן, אָדער אַן אשה האָט אַ שאלה, — קריגט באותו הרגע דאָס לערנען אַ חיות, לעבט עס אויף און עס האָט אַ

ממשלה אויף דער וועלט. אָבער אַ״וי, אָן זיי, פּילט דער רבּי, אַז די תּורה, דאָס הייסט: דער גוף פון דער תּורה, דער נגלה, דאָס, וואָס עס ליגט פ ן אויבנ־אויף — איז טרוקן. נישט דאָס, האָט ער געפילט, איז תּורת חיים! — תּורה דאַרף לעבן! לערנען אַנדערע קבלה־ספרים האָט מען אין בּריסק נישט געטאָרט. דער בּריסקער רב איז געוועזן אַ מתנגד און בּטבע אַ „נוקם ונוטר כּנחש". האָט עמיץ אָנגערירט אַ זוהר, אַ פּרדס, פלעגט ער שעלטן, אין חרם אַריינלייגן! איינעם האָט מען געכאַפּט בּיי אַ קבלה־ספר, האָט ער אים געלאָזט אָפּגאָלן די בּאָרד דורך ערלים! וואָס קלערט איר? דער מענטש איז יצא מדעתו געוואָרן, אין מרה־שחורה אַריינגעפאַלן. און, וואָס מער חידוש איז, עס האָט אים שוין קיין גוטער ייד נישט געהאָלפן! — איר שפּילט אייך מיטן בּריסקער רב! און פונדעסטוועגן, ווי פאָרט מען עס אַוועק פון בּריסקער רבס ישיבה?!

אַ צייט לאַנג האָט ער זיך טאַקע געשלאָגן מיט דער דעה.

נאָר איינמאָל האָט מען אים געוויזן אַ חלום. עס האָט זיך אים געחלומט, אַז דער בּריסקער רב איז צו אים אַריינגעקומען און געזאָגט: קום, נח, וועל איך דיך פירן אין גן־עדן התחתון אַריין. און ער האָט אים אָנגענומען בּיי דער האַנט און געפירט. זיי זיינען געקומען אין אַ גרויסן פּאַלאַץ אַריין. אין פּאַלאַץ איז נישט געוועזן, נישט קיין טיר און נישט קיין פענסטער, אויסער די טיר, דורך וועלכער זיי זיינען אַריינגעגאַנגען. ליכטיק איז דאָך אין פּאַ־לאַץ געוועזן, ווייל די ווענט, ווי עס האָט זיך דעם רבּין געדאַכט, זיינען גע־ווען פון קריסטאַל און האָבן געשלאָגן פון זיך אַליין אַ ליכטיקן גלאַנץ.

און זיי גייען אַזוי, און גייען און מען זעט נישט קיין סוף.

— האַלט דיך אָן מיין יופּעצע, — מאַכט דער בּריסקער רב — דאָ איז פאַראַנען סאַליעס אין לשער ואין לספר. און קוים רייסטו דיך אָפּ פון מיר, וועסטו פאַרבּלאָנדזען אויף אייבּיק...

דער רבּי טוט אַזוי, און זיי גייען אַלץ ווייטער און ווייטער, און אויפן גאַנצן וועג זעט ער נישט קיין בּענקל, קיין שום כּלי־בּית, גאָרנישט!

— דאָ זיצט מען נישט, פאַרטייטשט אים דער בּריסקער רב, נאָר מען גייט אַלץ ווייטער און ווייטער! — און ער איז אים נאָכגעגאַנגען. און איין זאַל איז גרעסער און ליכטיקער געוועזן פון דעם צווייטן, און די ווענט האָבן געשיינט דאָ מיט דער, דאָ מיט אַן אַנדערער קאָליר; דאָ מיט עטלאַכע, דאָרט מיט אַלערליי קאָלירן... נאָר קיין מענטשן האָבן זיי נישט געטראָפן אויפן אויפן וועג...

דער רבּי איז מיד געוואָרן גייענדיק. עס האָט אים בּאַגאָסן אַ שווייס, אַ קאַלטער שווייס. קאַלט איז אים אויך געוואָרן אין אַלע אברים. דערצו הייבן אים בּאַך אָן די אויגן ווי צו טאָן פון בּאַשטענדיקן גלאַנץ...

און עס איז אים אָנגעפאַלן אַ שטאַרקע בּענקשאַפט, אַ בּענקשאַפט צו יידן, צו חברים, צו כּל ישראל! אַ קלייניקייט—מען זעט קיין ייד נישט פאַר זיך!...

— בענק נישט צו קיינעם, — מאַכט דער בריסקער רב — דאָס איז אַ פּאַלאַץ נאָר פאַר מיר און פאַר דיר... דו וועסט אויך אַמאָל זיין בריסקער רב!

און דער רבי האָט זיך נאָך מער דערשראָקן און אָנגעכאַפּט זיך אָן דער וואַנט, נישט אומצופאַלן. און די וואַנט האָט אים אָפּגעבריט! נאָר נישט ווי פייער בריט, נאָר ווי אייז בריט!

— רבי! — האָט ער אַ געשריי געטאָן, — די ווענט זיינען אייז, נישט קריסטאַל! פשוט אייז!

דער בריסקער רב שווייגט.

און דער רבי שרייט ווייטער:

— רבי, פירט מיך אַרויס פון דאַנען! איך וויל נישט זיין אַליין מיט אייך! איך וויל זיין צוזאַמען מיט כל ישראל!

און קוים האָט ער עס אַרויסגעזאָגט, איז דער בריסקער רב נעלם געוואָרן און ער איז געבליבן איינער אַליין אין פּאַלאַץ.

קיין וועג, ווי אויס און ווי איין, ווייסט ער נישט; פון די ווענט שלאָגט אויף אים אַ קאַלטער פחד; און דאָס בענקשאַפט, צון אַ ייד, צו דערזען אַ ייד באַדיי אַ שוסטער, אַ שניידער, איז אַלץ ביי אים שטאַרקער און שטאַרקער געוואָרן. האָט ער אָנגעהויבן שטאַרק צו וויינען...

— „רבונו של עולם, האָט ער זיך געבעטן, — נעם מיך אַרויס פון דאַנען! בעסער אין גיהנם מיט כל ישראל צוזאַמען, איידער דאָ איינער אַליין!"

און באותו הרגע, האָט זיך אים באַוויזן אַ פּראָסט יידל, מיט אַ רויטן בעל־עגלהשן גאַרטל אויף די לענדן, און אַ לאַנגער בייטש אין ד״ר האַנט. דאָס יידל האָט אים, שווייגנדיק, אָנגענומען ביים אַרבל, אַרויסגעפירט פון פּאַלאַץ, און איז — פאַרשוואונדן געוואָרן. אַזאַ חלום האָט מען אים געוויזן!

אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פאַרטאָג, קוים וואָס עס האָט אָנגעהויבן גראָען, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז עס איז נישט קיין פּראָסטער חלום געווען. ער האָט זיך געשווינד אָנגעטאָן און געוואָלט לויפן אין בית־המדרש אַריין, לאָזן זיך פותר חלום זיין פון די לומדים, וואָס נעכטיקן אין בית־המדרש. דורכגייענדיק דעם מאַרק, האָט ער אָבער דערזען אַ שטייענדיקע בויד, אַן איינגעשפּאַנטע גרויסע, פאַרצייטישע בויד, און ביי דער בויד איז געשטאַנען אַ בעל־עגלה, מיט אַ רויטן גאַרטל אַרום די לענדן, אַ לאַנגע בייטש אין דער האַנט, און פונקט אַזאַ יידל, ווי דער, וואָס האָט אים אין חלום אַרויסגעפירט פון פּאַלאַץ.

שטויסט ער זיך, אַז „דברים בגו"; גייט ער צו און פרעגט:

— וואו אַהין פאָרט אַ ייד?

— נישט דיין וועג! ענטפערט דער בעל־עגלה גאָר גראָב.

— פאָרט? — בעט ער זיך, — אפשר וועל איך מיטפאָרן!

דער בעל־עגלה האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט און דערנאָך געענטפערט:

— און צו פוס, — זאָגט ער, — קען אַזאַ בחור נישט גיין? גיי דיר דיין וועג!

— און וואו אַהין זאָל איך גיין?

— וואו די אויגן וועלן דיך טראָגן, — ענטפערט דער בעל-עגלה און דרייט זיך אָפּ, — מיין דאגה!

דער רבי האָט פאַרשטאַנען, און האָט זיך געלאָזט אין גלות אַריין!

ווי געזאָגט, נתגלה איז ער געוואָרן עטלאַכע יאָר שפּעטער אין ביאַלע. (עד מפי עד, ווי אַזוי עס איז געוועזן, דערציייל איך נישט, כאָטש עס איז מויל און אויערן אויפצושטעלן!) און, לערך אַ יאָר נאָך זיין התגלות, האָט מיך אַ ביאַלער באַלעבאָס, ר׳ יחיאל האָט ער געהייסן, אַראָפּגעבראַנגט צו זיך פאַר אַ מלמד.

לכתחילה האָב איך אַפילו נישט געוואָלט אָננעמען דאָס מלמדות. ר׳ יחיאל מוזט איר וויסן, איז געוועזן אַן עושר, אַ פאַרצייטישער, אָנגעשטאָפּטער עושר. די טעכטער פלעגט ער געבן צו טויזנט רענדלעך נדן און טאָן מיט די גרעסטע רבנים, און זיין לעצטע שנור איז געוועזן טאָקע דעם בריסקער רבס טאָכטער!

פאַרשטייט איר דאָך אַליין, אַז אויב דער בריסקער רב מיט די רעשט מחותנים זיינען חולקים, מוז ר׳ יחיאל אויך זיין אַ חולק... און איך בין דווקא אַ ביאַלער חסיד, נו — ווי לאָזט מען זיך אין אַזאַ הויז אַריין?

האָט עס מיך אָבער פאָרט געצויגן קיין ביאַלע! אַ קלייניקייט — מיטן רבין אין איין שטאָט! געקלערט אַהין, געקלערט אַהער, איך פאָר!

און ר׳ יחיאל אַליין, האָט זיך אויסגעוויזן, איז אַן אמת פשוטער, כשרער ייד, איך בין אייך אַפילו ערב, אַז זיין האַרץ האָט געצויגן צו אַ רבין ווי מיט צוואַנגען. ווארים באמת, קיין למדן איז ער נישט געוועזן, אויפן בריסקער רב פלעגט ער אַוודאי קוקן ווי אַ האָן אויפן בני אדם! ווערט ער מיר נישט צו האַלטן זיך אין ביאַלער רבין, נאָר ער אַליין איז זיך מתרחק. אַז איך דערציייל עפּעס פון רבין, מאַכט ער זיך געניצן, כאָטש די אויערן, זע איך, שפּיצט ער אויף. נאָר דער זון זיינער, דעם בריסקער רבס איידיב, דער קנייטשט איין דעם שטערן, קוקט אויף מיר מיט כעס און ליצנות צו־זאַמען, נאָר שפּאַרן שפּאַרט ער זיך נישט; ער פלעגט בטבע ווייניק ריידן.

ויהי היום — ר׳ יחיאלס שנור, דעם בריסקער רבס טאָכטער, דאַרף גיין צו קינד! דאַכט זיך, מאַלע אַ ווייבל גייט צו קינד? איז אָבער אַ מעשה דערביי! געוואוסט האָט מען, אַז דער בריסקער רב, ווייל ער האָט אַ חסיד אָפּגעגאָלט, דאָס הייסט: געהייסן אָפּגאָלן באָרד און פאות, איז ניזוק געוואָרן פון די צדיקי הדור. ביידע צוויי זין זיינען אים, לא עליכם, במשך אַ 5—6 יאָר נפטר געוואָרן, און אַלע זיינע דריי טעכטער האָבן קיין בנים זכרים נישט געהאַט. דערביי איז נאָך יעדע פון זיי געוועזן, רחמנא ליצלן, אַ מקשה לילד, בשעת מעשה געוועזן יעדעס מאָל מער דאָרטן ווי דאָ! אַז מען האָט אָבער מן השמים געוואָלט, עס זאָל זיין מחלוקת, האָבן אַלע געזען און געוואוסט

אַז עס איז אַן עונש פון די צדיקי הדור אויפן בריסקער רב, נאָר ער אַליין, מיט זיינע ליכטיקע אויגן, האָט עס נישט געזען! און אפשר — נישט געוואָלט זען! ער האָט ווייטער געפירט זיין התנגדות ביד חזקה — מיט חרמות און תקיפות פון אנשי חייל, ווי אין יענע צייטן...

מיר איז גיטעלע (אַזוי האָט זי, דעם בריסקער רבס טאָכטער, געהייסן) באמת אַ שאָד געווען, זייער אַ שאָד געווען. ערשטנס — אַ יידישע נשמה; צווייטנס — אַ יידישע, כשרע נשמה; עס איז נאָך אַזאַ צדקת, אַזאַ כשרע זאַך אויף דער וועלט נישט געווען...

קיין אייניציקע אָרימע כלה האָט אָן איר הילף נישט חתונה געהאַט; אַזאַ זיידענע בריאה! און דאָס דאַרף געשטראָפט ווערן פאַרן פאָטערס כעס! און דעריבער, אַזוי ווי איך האָב נאָר באַמערקט, אַז די באָבע הייבט זיך אָן דרייען אין שטוב, האָב איך שוין אָנגעהויבן אַרבעטן אויף אַלע כלים, מען זאָל שיקן צום ביאַלער רבין... זאָל זיין אַ קוויטל אָן אַ פדיון, באשר — ער דאַרף נייטיק פדיונות!...

דער ביאַלער רבי האָט גאָר ווייניק געהאַלטן פון פדיונות!

מיט וועמען אָבער רעדט מען?

איך פּרוב מיטן בריסקער רבס איידים, און, איך ווייס — אַז ממש נפשו קשורה בנפשה, וואָרן, ווי ער האָט זיך נישט באַהאַלטן, האָט עס דאָס שלום־בית אַרויסגעשמעקט פון יעדן ווינקעלע, פון אַלע זייערע תנועות און הויות, — איז ער דאָך אָבער דעם בריסקער רבס איידים! שפּייט ער אויס, גייט ער אַוועק און לאָזט מיך שטיין מיט אַן אָפן מויל.

נעם איך מיך צו ר' יחיאלן אַליין, ענטפערט ער מיר: עס איז דעם בריסקער רבס טאָכטער! איך וועל עס אים, דעם בריסקער רב, נישט טאָן, אפילו ביי סכנות־נפשות, חס ושלום! פּרוב איך מיך מיט זיין פלוניתטע — אַ כשרע יידענע, נאָר אַ פּראָסטע, — ענטפערט זי מיר כהאי לישנא: זאָל מיין מאַן הייסן, שיק איך באַלד צום רבין מיין יום־טובדיק שטערנטיכל מיט די אוירינגלאַך; אַ מטמון מיט געלט האָט עס געקאָסט! נאָר אָן מיין מאַן, נישט קיין פּחות משוה פרוטה — נישט אַ פּיפּיץ!

— אָבער אַ קוויטל... וואָס שאַדט אייך אַ קוויטל?

— אָן מיין מאַנס וויסן, גאָרנישט! ענטפערט זי, טאַקע ווי אַ כשרע יידענע דאַרף ענטפערן, און דרייט זיך אָפּ פון מיר און איך זע, אַז זי וויל נאָר באַהאַלטן די טרערן, — אַ מאַמע! לב יודע — איר האַרץ האָט שוין געפילט די סכנה...

אַז איך האָב אָבער געהערט דעם ערשטן געשריי, בין איך אַ ל יין געלאָפן צום רבין.

— שמעיה, — ענטפערט ער מיר, — וואָס זאָל איך טאָן? איך וועל מתפלל זיין!

— גיט מיר, רבי, — בעט איך, — פאַר דער יולדת, וואָס עס איז — אַ שמירהלע, אַ מטבע, אַ קמיעלע... וואָס עס איז גיט מיר...

— עס וועט, חס ושלום, ערגער מאַכן, — ענטפערט ער, — אָן אמונה שאַדט̃ן אַזוינע זאַכן, און זי האָט דערינען קיין אמונה נישט...

וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? עס איז די ערשטע טעג סוכות, זי איז מקשה לילד, העלפן קען איך נישט, בלייב איך שוין בעסער ביים רבין אין שטוב. אַ בן־בית בין איך געווען, טראַכט איך מיר, איך וועל קוקן יעדער רגע מיט געבעט צום רבין, אפשר וועט ער זיך מרחם זיין...

הערן הערט זיך, אַז עס איז נישט גוט. דעם דריטן טאָג שטייען שוין די ווייען... מען האָט שוין אַלץ געטאָן, וואָס מען האָט געקאָנט: די שול איינגעריסן, קברים געמאָסטן, הונדערטער פונט ליכט אויסגעברענט אין שול, אין בתי־מדרשים, היינט צדקה — אַ מטמון!... עס איז דען נאָכצודערציילן? אַלע קליידער־שענק זיינען געשטאַנען אָפן; אַ באַרג מיט אַלערליי מטבעות איז געלעגן אויפן טיש, און אָרימעלייט זיינען אַריינגעקומען און גענומען, ווער עס וויל, וואָס ער וויל, וויפיל ער וויל!

עס האָט מיך שטאַרק אָנגעכאַפּט דאָס האַרץ.

— רבי — זאָג איך, עס שטייט דאָך: צדקה תציל ממות.

און ער ענטפערט מיר, שלא ממין הטענה, דאַכט זיך:

— אפשר וועט קומען דער בריסקער רב!

און באותו הרגע קומט אַריין ר׳ יחיאל! צום רבין רעדט ער נישט, גלייך ער וואָלט אים נישט געזען, נאָר —

— שמעיה, זאָגט ער צו מיר, און כאַפּט מיך אָן ביים לאַץ, הינטן שטייט אַ פור, גיי זעץ דיך אויף און פאָר צום בריסקער רב, זאָל ער קומען..

און געפילט האָט ער שוין, אפנים, אין וואָס עס גייט, וואָרים צוגע־געבן האָט ער:

— זאָל ער אַליין זען, וואָס עס טוט זיך! זאָל ער זאָגן, וואָס צו טאָן!

און אפנים האָט ער געהאַט, וואָס זאָל איך אייך זאָגן, — מתים זיינען שענער פאַר אים!

---

מילא, פאָר איך! טראַכטן, טראַכט איך מיר, אַז אויב דער רבי ווייסט, אַז ער וועט קומען, וועט שוין עפּעס דערפון אַרויס! אפשר נאָך אַ שלום! דאָס הייסט: נישט צווישן בריסקער רב מיטן ביאַלער רבין, זיי אַליין האָבן קיין מחלוקת נישט געפירט, נאָר צווישן די צדדים בכלל! וואָרים באמת, אַז ער וועט קומען, וועט ער דאָך זען! אויגן האָט ער דאָך!

נאָר מן השמים, אפנים, לאָזט מען אַזאַ זאַך אַזוי געשווינד נישט צו. מן השמים האָט מען מיט מיר מלחמה געהאַלטן. קוים בין איך אַרויסגעפאָרן פון ביאַלע, גיט זיך איבערן הימל אַ יאָג אַ כמאַרע, אָבער ווי הייסט אַ כמאַרע!

אַ שוואַרצער שווערער וואָלקן, ממש ווי אַ סמאָלע, און אַ בלאָז האָט פּלוצים געטאָן, גלייך עס וואָלטן רוחות געפלויגן און פון אַלע זייטן מיטאַמאָל אַ פויער, להבדיל, פאַרשטייט זיך אויף אַזוינע זאַכן, צלמט ער זיך און זאָגט, אַז עס וועט זיין, חס-ושלום, אַ שווערער וועג, און ווייזט מיר מיט דער בייטש אין הימל אַריין... תּוך כּדי-דבור מאַכט זיך נאָך אַ שטאַרקערער ווינט, ער צערייסט די כמאַרע, ממש ווי מען צערייסט אַ שטיק פּאַפּיר, און הייבט אָן צו יאָגן און צו טרייבן איין שטיק כמאַרע אויף דער צווייטער, איינע אויף דער צווייטער, גלייך ער וואָלט קריעס געטריבן אויף אַ טייך. איך האָב שוין איבערן קאָפּ צוויי שטאָק און דריי שטאָק כמאַרע. לכתחילה האָב איך אַפילו קיין מורא נישט געהאַט: אויסגעזעצט ווערן איז ביי מיר קיין נייס נישט געוועזן און פאַר דונערן שרעק איך מיך נישט. ערשטנס, דונערט נישט סוכות-צייט, און צווייטנס — נאָכן רבינס שופר-בלאָזן! מיר האָבן אַ קיימא-לן, אַז נאָך אַזאַ שופר-בלאָזן האָט אַ גאַנץ יאָר קיין דונער קיין שליטה נישט! אַז עס האָט אָבער ראַפּטום געגעבן אַ פלאָסק מיר אין פּנים אַריין, ווי מיט אַ בייטש... איין מאָל, דאָס צווייטע מאָל, דאָס דריטע מאָל... איז מיר טאַקע דער מוטערס מילך אַנטפאַלן! איך האָב געזען בחוש, אַז דער הימל פּאַטשט מיך, אַז מען טרייבט מיך צוריק!

און דער פויער, להבדיל, בעט זיך אויך: לאָמיר צוריקפאָרן.

איך ווייס אָבער, עס איז סכנות-נפשות. איך זיץ אויף דער פור, און, אינם שטורים, הער איך, ווי די יולדת קרעכצט, ווי דעם בריסקער רבס איידימס פינגער קנאַקן; ער ברעכט זיך די הענט; אויך זע איך פאַר מיר ר׳ יחיאלס שוואַרץ פּנים מיט די איינגעפאַלענע, ברענענדיקע אויגן! פאָר, בעט ער מיך, — פאָר — און מיר פאָרן.

און דאָ גיסט און גיסט, עס גיסט פון אויבן, עס שפּריצט פון אונטער די רעדער, און פון אונטער די פערדס פיס. און דער וועג ווערט אינגאַנצן פאַרגאָסן, ממש באַדעקט מיט וואַסער. איבערן וואַסער גייט אַ פּיאַנע. די פור, דאַכט זיך, הייבט שוין אָן שווימען — — וואָס זאָל איך אייך דערציילן? מיר האָבן נאָך דערצו געבלאָנדזשעט... נאָר אויסגעהאַלטן האָב איך!

מיטן בריסקער רב בין איך געקומען אויף הושענא-רבה!

נאָר, דעם אמת צו זאָגן, אַזוי ווי דער בריסקער רב האָט זיך אַרויסגעזעצט אויף דער פור, איז שטיל געוואָרן! די כמאַרע האָט זיך איבערגעריסן, פון שפּאַלט האָט זיך אַרויסגעוויזן די זון, און מיר זיינען בשלום שיין און טרוקן אַריינגעפאָרן קיין ביאַלע. דער פויער, להבדיל, האָט עס אַפילו באַמערקט און געזאָגט אויף זיין לשון: וועלקי ראַבין צי דיוזשי ראַבין!...

נאָר דער עיקר איז געוועזן אונזער אַריינקומען!

ווי די היישעריקן זיינען צו אים צוגעפאַלן די ווייבער, וואָס זיינען אין שטוב געוועזן... כמעט אויפן פּנים זיינען זיי פאַר אים געפאַלן און געוויינט... די יולדת פון דער צווייטער שטוב הערט מען נישט, אָדער דורכן געוויין פון

די ווייבער, אָדער, טראַכט איך, זי האָט שוין, חס־ושלום, קיין כוח נישט צו קרעכצען... ר׳ יחיאל האָט אונז אַפילו נישט געזען, ער איז געשטאַנען אַריינ־געדריקט מיטן שטערן אין אַ שויב, דער קאָפּ האָט אים אַפּנים געברענט...

דעם בריסקער רבס איידים דרייט זיך אויך נישט איבער. דערלאַנגען שלום, ער שטייט מיטן פנים צו דער וואַנט, און איך זע בחוש, ווי דער גוף זיינער ציטערט און ווי דער קאָפּ קלאַפּט אָן דער וואַנט!...

איך האָב געמיינט, איך פאַל! אַזוי האָט מיך דער צער און די שרעק דורך און דורך גענומען. עס איז מיר קאַלט געוואָרן אין אַלע אברים, איך האָב געפילט, אַז די נשמה ווערט אין מיר קאַלט!...

נאָר צי האָט איר געקענט דעם בריסקער רב?

דאָס איז געווען אַ מענטש — אַן עמוד ברזל, זאָג איך אייך!

אַ הויכער־הויכער ייד, טאַקע „משכמו ומעלה"... אַן אימה האָט ער גע־וואָרפן, ווי אַ מלכות! — אַ ווייסע לאַנגע באָרד, איין שפּיץ, געדענק איך גאָך ווי היינט, האָט זיך אים אַריינגערוקט אונטערן גאַרטל, דער צווייטער שפּיץ־באָרד ציטערט איבערן גאַרטל...

ברעמען — ווייסע, דיקע, לאַנגע — אַ האַלב פנים האָבן זיי אים פאַר־שטעלט. און, אַז ער האָט זיי אויפגעהויבן — רבונו של עולם! די נשים זיינען ממש צוריקגעפאַלן, ווי פון אַ דונער צוריקגעוואָרפן, אַזוינע אויגן האָט ער געהאַט! — חלפים, בלאַנקע חלפים האָבן אין זיי געבליצט! און אַ געשריי האָט ער געטאָן ווי אַ לייב: אַוועק, נשים!

דערנאָך האָט ער שטילער און איידעלער געפרעגט:

— און וואו איז מיין טאָכטער?

מען האָט אים געוויזן.

ער איז אַריינגעגאַנגען, און איך בין געבליבן שטיין ממש אַרויס פון די כלים: אַזוינע אויגן, אַזאַ בליק, אַזאַ קול! עס איז גאָר אַן אַנדערער דרך, אַן אַנדערע וועלט! דעם ביאַלער רבינס אויגן לייכטן אַזוי גוט, אַזוי שטיל, עס קומט אַריין אַ חיות אין האַרץ; ער וואַרפט אויף דיר אַ בליק, האָט ער דיך מיט גאָלד באַשיט... און זיין קול, דאָס זיסע קול, דאָס סאַמעטן זיסע קול — רבונו של עולם — ביים האַרץ כאַפּט עס אָן, ביים האַרץ גלעט עס אַזוי שטיל, אַזוי מחיהדיק... נישט קיין מורא, חס ושלום, האָט מען פאַר׳ן, נאָר די נשמה צעגייט אין ליבשאַפט, אין מתיקות פון ליבשאַפט. זי וויל אַרויס פון גוף און באַהעפטן זיך מיט זיין נשמה... זי רייסט זיך, ווי, להבדיל, אַ זומערפליגעלע צו אַ העלער פלאַם!... און דאָ — רבונו של עולם: אימה ופחד! אַ גאון, אַ פאַרצייטישער גאון! און ער גייט אַריין צו אַ יולדת!

„ער וועט פון איר מאַכן, — שרעק איך מיך — אַ גל־של־עצמות!"

לויף איך צום רבין.

און דער רבי באַגעגנט מיך באַלד אין טיר מיט אַ שמייכל:

— האָסט געזען, מאַכט ער, כבוד התורה? ריינעם כבוד התורה?

איך האָב מיך באַרואיקט. אַז דער שמייכלט, טראַכט איך, איז גוט! —

---

און עס איז טאַקע גוט געוועזן. שמיני עצרת איז זי איבערגעקומען. שמחת־תורה האָט שוין דער בריסקער רב געזאָגט תורה ביים טיש. איך האָב געוואָלט אַפילו ערגעץ אַנדערש זיין ביים טיש, נאָר איך האָב מורא געהאַט. בפרט, אַז מיט מיר איז געוועזן אַ מנין... מען וועט בענטשן נברך אלהינו...

מילא, וואָס זאָל איך אייך דערציילן? דעם בריסקער רבס תורה? אויב די תורה איז אַ ים, איז ער געוועזן דער לויתן אין ים, — מיט איין תנועה גיט ער אַ שווים דורך צען מסכתות; מיט איין תנועה מישט ער אויס ש"ס ופוסקים! אַז עס הילכט און שפריצט, זידט און קאָכט, טאַקע, ווי מען דער־ציילט פון אמתן ים... דעם קאָפּ האָט ער מיר צעשרויפט... נאָר „לב יודע מרת נפשו"! דאָס האַרץ מיינס האָט פאָרט נישט געהאַט קיין שמחת יום־טוב! און דעמאָלט האָב איך מיר דערמאָנט אין רבינס חלום... און איך בין פאַר־שטאַרט געוואָרן! די זון איז געלעגן אין פענסטער, ווייַן האָט ביים טיש נישט געפעלט, דער גאַנצער עולם, זע איך, שוויצט, און מיר? מיר איז גע־ווען קאַלט, קאַלט ווי אייז! און דאָרטן, האָב איך געוואוסט, זאָגט מען אַנדערע תורה... דאָרטן איז ליכטיק און וואַרים... יעדעס וואָרט איז דורכגע־וועבט און דורכגעווייקט מיט אַהבה און דבקות... מלאכים, פילט מען, פליען אַרום שטוב; ממש מען הערט, ווי עס רוישן די גרויסע, ווייסע פליגל... אַי, רבונו של עולם! נאָר אַוועקגיין טאָר מען נישט!

פּלוצלונג האַקט ער איבער, דער בריסקער רב, און גיט אַ פרעג:

— וואָס פאַר אַ רבין האָט איר עס דאָ?

— איינעם, אַ נח, ענטפערט מען אים.

מילא, שניידט עס מיך ביים האַרץ! „איינעם, אַ נח" — אַך, די חנופה, די חנופה!

— אַ בעל־מופת? פרעגט ער ווייטער.

— ווייניק, מען הערט נישט... ווייבער אַפילו דערציילן, נאָר ווער הערט זיי?

— ער נעמט אַ זוי געלט, אָן מופתים...

זאָגט מען אים שוין דעם אמת, אַז געלט נעמט ער ווייניק און גיט אַ סך אַוועק.

דער בריסקער רב פאַרקלערט זיך.

— און לערנען קען ער?

— מען זאָגט — אַ גדול!

— פונוואַנען איז ער, דער נח?

קיינער ווייסט נישט, און איך מוז ענטפערן. מאַכט זיך שוין אַ שמועס צווישן מיר מיטן בריסקער רב.

— איז ער ג׳ישט, דער נח, אַמאָל אין בריסק געוועזן? פרעגט ער.

— צי דער רבי, שטאַמל איך, איז געוועזן אין בריסק? דאַכט זיך—יאָ!

— אַ! מאַכט ער — אַ חסיד זיינער! און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן ווי אויף אַ שפין.

אין ער האָט זיך איבערגעריט צום עולם:

— ביי מיר, — זאָגט ער, — איז אַמאָל געוועזן אַ תלמיד „נח"... אַפילו אַ גוט קעפל, נאָר עס האָט אים געצויגן אין יענער זייט אַריין — — איך האָב אים איינמאָל געזאָגט, צוויי מאָל... איך האָב אים געוואָלט זאָגן צום דריטן מאָל, מזהיר זיין, איז ער מיר נעלם געוואָרן... צי איז עס נישט דער?

— ווער ווייסט?

און ער הייבט אָן אויסמאָלן: אַ דאַרער, אַ קליינער, אַ שוואַרץ בערדל, שוואַרצע געקרייזלטע פאות, אַ פאַרטראַכטער, אַ שטיל קול און דערגלייכן.

— עס קען זיין, זאָגט דער עולם, אַז דאָס איז ער; קרוב לאמת!

איך האָב שוין גאָט געדאַנקט, אַז מען האָט אָנגעהויבן בענטשן.

נאָר נאָך דעם בענטשן איז געשען אַזוינס, וואָס עס האָט זיך מיר גאָר נישט געקאָנט חלומען.

דער בריסקער רב הייבט זיך אויף פון בענקל, רופט מיך אַוועק אין אַ זייט און זאָגט מיר שטילערהייט: פיר מיך צו ד י י ן רבין און מ י י ן תלמיד. נאָר, הערסט, — קיינער זאָל נישט וויסן!

מן הסתם פאָלג איך, נאָר אויפן וועג פרעג איך אים מיט שרעק:

— בריסקער רב, זאָג איך, מיט וואָס פאַר אַ כונה גייט איר?

און ער ענטפערט מיר פשוט:

— עס איז מיר איינגעפאַלן ביים בענטשן, אַז איך בין ביז אַהער געוועזן אַ דן שלא בפניו... זען וויל איך, איך וויל אַליין זען, און אפשר — האָט ער שפעטער צוגעגעבן — וועט מיר גאָט העלפן, איך וועל אַרויסראַטעווען מיינס אַ תלמיד.

— ווייסט, שייגעץ — מאַכט ער ווייטער מיט הלצה, — אַז אויב דיין רבי איז דער נח, וואָס האָט ביי מיר געלערנט, קען ער זיין אַ גדול בישראל, אַ בריסקער רב אַמאָל!

אַצונד האָב איך שוין זיכער געוואוסט, אַז דאָס איז ער, און דאָס האַרץ האָט ערשט אָנגעהויבן צאַפלען...

* *
*

און די צוויי בערג האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן... אַז איך בין אין דער מיט נישט געבליבן אויפן אָרט, איז טאַקע אַ נס מן השמים.

דער ביאַלער רבי, זכרונו לברכה, פלעגט שמחת־תורה אַרויסשיקן די חסידים שפּאַצירן אַרום דער שטאָט, און ער אַליין איז זיך געזעסן אויפן גאַניקל, און געקוקט, און מקבל נחת געוועזן...

עס איז נישט געווען היינטיק ביאַלע. עס איז געווען דעמאָלט גאָר אַ קליין שטעטל. סאַמע קליינע, נידעריקע, געבויטע הייזלאַך; אויסער דער שול מיטן רבינס בית-המדרש. דעם רבינס גאַניקל איז געווען אויפן צווייטן שטאָק און מען האָט פון גאַניקל אַלץ געזען ווי אויף דער האַנט — די בערגלאַך פון מזרח-זייט, דעם טייך פון מערב... — — און דער רבי זיצט אויפן גאַניקל און קוקט. דערזעט עטלאַכע חסידים וואָס גייען און שווייגן, וואַרפט ער זיי אַראָפּ פונדערהויך אַ התחלה פון אַ ניגון. זיי כאַפּן אונטער און גייען שוין ווייטער זינגענדיק — — און כיתות, כיתות גייען פאַרביי, און לאָזן זיך אַרויס פון שטאָט, מיט געזאַנג, מיט אמתער פרייד, מיט אמתער שמחת-תורה... און דער רבי פלעגט זיך נישט רירן פון גאַניקל.

דעמאָלט אָבער האָט דער רבי, אַפּנים, דערהערט אַנדערע טריט, האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַקעגן געגאַנגען דעם בריסקער רב.

— שלום עליכם, רבי, מאַכט ער מיט עניוות און מיט זיין זיס קול.

— עליכם שלום, נח! — האָט דער בריסקער רב געענטפערט.

— זיצט, רבי!

דער בריסקער רב זעצט זיך און דער ביאַלער רבי שטעלט זיך פאַר אים.

— זאָג נאָר, נח! — מאַכט דער בריסקער רב מיט אויפגעהויבענע ברעמען, — וואָס ביסטו עס אַנטלאָפן פון מיין ישיבה? וואָס האָט דיר דאָרטן געפעלט?

— עס האָט מיר, רבי — ענטפערט ער געלאַסן, — אָטעם פאַרפעלט... איך האָב נישט געקאָנט דעם אָטעם כאַפּן...

— ווי הייסט? וואָס רעדסטו, נח?

— נישט מיר, — פאַרטייטשט דער רבי מיט אַ שטיל קול, — נאָר מיין נשמה האָט אָטעם פאַרפעלט...

— פאַרוואָס, נח?

— אייער תורה, רבי, איז סאַמע דין, אָן רחמים איז זי! אָן אַ פונק חסד איז אייער תורה! און דעריבער איז זי אָן שמחה, אָן פרייען אָטעם... סאַמע ברזל ונחושת, אייזערנע חוקים, קופערנע דינים... און סאַמע הויכע תורה, פאַר לומדים, פאַר יחידי סגולה!...

דער בריסקער רב שוויגט און דער רבי זאָגט ווייטער: און זאָגט מיר, רבי, וואָס האָט איר פאַרן כלל-ישראל? פאַרן האָלץ-העקער, פאַרן קצב, פאַרן בעל-מלאכה, פאַרן פּראָסטן ייד?... בפרט — פאַר אַ זינדיקן ייד? וואָס, רבי, האָט איר פאַר נ.י.ש.ט לומדים?

דער בריסקער רב שוויגט, גלייך ער פאַרשטייט נישט, וואָס מען רעדט צו אים. און דער ביאַלער רבי שטייט אַלץ פאַר אים און זאָגט ווייטער מיט זיין זיס קול:

— זייט מ'ר מוחל, רבי, נאָר דעם אמת מוז איך אייך זאָגן... האַרט איז געווען אייער תורה, האַרט און טרוקן, ווייל זי איז נאָר דער גוף און נישט די נשמה פון דער תורה!

— די נשמה? פרעגט דער בריסקער רב און רייבט זיך דעם הויכן שטערן.

— אוודאי! אייער תורה, רבי, האָב איך געזאָגט, איז נאָר פאַר יחידי סגולה, פאַר למדנים, נישט פאַר כל ישראל. און די תורה מוז זיין פאַר כל ישראל! די שכינה מוז רוען אויף כל ישראל! וואָרן די תורה איז די נשמה פון כל ישראל!

— און דיין תורה, נח?

— איר ווילט זי זען, רבי?

— תורה — זען? וואונדערט זיך דער בריסקער רב.

— קומט, רבי, איך וועל זי אייך ווייזן!... איך וועל אייך איר גלאַנץ ווייזן; די שמחה, וואָס שטראַלט אַרויס פון איר אויף אַלע, אויף כל ישראל!

דער בריסקער רב רירט זיך נישט.

— איך בעט אייך, רבי, קומט, נישט ווייט!

ער האָט אים אַרויסגעפירט אויפן גאַניקל. שטילערהייט בין איך זיי נאָכגעגאַנגען.

דער רבי האָט דאָך דערפילט: מעגסט נאָכגיין, — מאַכט ער, — שמעיה, היינט וועסטו אויך זען... דער בריסקער רב וועט אויך זען... שמחת תורה וועט איר זען... איר וועט זען, אמתע שמחת תורה!

און איך האָב געזען דאָס אייגענע, וואָס אַלע שמחת-תורה, נאָר איך האָב אַנדערש געזען... ווי אַ פאָרהאַנג איז מיר אַוועקגעפאַלן פון די אויגן.

אַ גרויסער, ברייטער הימל — ממש אין-סוף, און בלאָ, אַזוי העל-בלאָ איז דער הימל געווען, אַז עס האָט מחיה געווען דאָס אויג. איבערן הימל זיינען געשוואומען ווייסע, ממש זילבערנע, וואָלקנדלאַך, און אַז מען האָט זיך אין זיי איינגעקוקט, האָט מען געזען, ווי זיי ציטערן ממש פאַר פרייד, ווי זיי טאַנצן אונטער מיט שמחת תורה! הינטן ווייטער האָט אַרומגענומען די שטאָט אַ גרינער, ברייטער גאַרטל, אַ טונקל-גרינער, נאָר דאָס גרינס איז געווען לעבעדיק גרין, אַזוי לעבעדיק, גלייך עס וואָלט אַ "חיות" אַרומגעפלויגן צווישן די גראָזן; וואָס אַ מאָל, האָט זיך געדאַכט, פלאַמט ערגעץ אַנדערש אויס אַ חיות, אַ געשמאַק, אַ לעבן; — מען האָט געזען בחוש, ווי די פלעמלאַך שפרינגען און טאַנצן צווישן די גרעזעלאַך... גלייך זיי האַלזן זיי און קושן זיי...

און אויף די לאַנקעס מיט די פלעמלאַך האָבן זיך אַרומגעדרייט כיתות און כיתות פון חסידים... די אַטלעסענע און אַפילו די לאַסטינגענע קאַפּאָטעס האָבן געבלאַנקט ווי די שפיגל, די צעריסענע ווי די גאַנצע... און די פלעמלאַך, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון צווישן די גרעזלאַך, האָבן זיך געכאַפּט און געציפּעט אָן די שפיגלדיקע בגדי יום-טוב, און עס האָט זיך געדאַכט,

אַז זיי טאַנצן אַרום יעדן חסיד, מיט התלהבות, מיט ליבשאַפט... און אַלע כּיתות חסידים האָבן געקוקט מיט וואונדערלאַך דאָרשטיקע אויגן אַרויף צום רבינס גאַניקל... און די דאָרשטיקע אויגן, האָב איך געזען ממש בחוש, זויגן פון גאַניקל, פון רבינס פּנים, די ליכט, און וואָס מער ליכט זיי האָבן געזויגן, העכער געזונגען האָבן זיי... אַלץ העכער און העכער... אַלץ לוסטיקער, אַלץ הייליקער...

און יעדע כּיתה האָט זיך געזונגען איר ניגון, נאָר אין דער לופט האָבן זיך די אַלע ניגונים מיט אַלע קולות אויסגעמישט; און צום רבינס גאַניקל איז צוגעקומען א י י ן זמר, א י י ן ניגון... גלייך אַלע זינגען איין זמר. און אַלע זינגען — דער הימל זינגט, די גלגלים זינגען, און די ערד פון אונטן זינגט, און די נשמה פון דער וועלט זינגט — — — אַלץ זינגט!

רבונו של עולם! איך האָב געמיינט איך צעגיי אין מתיקות...

עס איז אָבער נישט באַשערט געוועזן.

— מען דאַרף מנחה דאַווענען! — האָט פּלוצים דער בריסקער רב אַרויסגעזאָגט שאַרף; און אַלץ איז פאַרשוואונדן געוואָרן...

שטיל — — דער פאָרהאַנג איז מיר צוריקגעפאַלן פאַר די אויגן: אויבן — אַ פּשוטער הימל, אונטן — פּשוטע פאַשע, פּשוטע חסידים אין צע־ריסענע קאַפּאָטעס... אַלטע צעריסענע שטיקלאַך ניגונים... אויסגעלאָשן די פלעמלאַך — איך קוק אויפן רבין, זיין פּנים איז אויך חושך — — —

---

זיי האָבן זיך נישט אויסגעגלייכט; דער בריסקער רב איז געבליבן אַ מתנגד ווי פריער; מיט דעם איז ער אַוועקגעפאָרן!

דאָך אַ פּעולה האָט עס געהאַט! גערודפט האָט ער שוין נישט. —

---

# פון „אַ גלגול פון אַ ניגון“.

— אַ טאַלנער נ י ג ו ן ווילט איר?

דאַכט זיך, אין פלוג אַ קלייניקייט — נעמען אַ ניגון פון אַ טאַלנער שלש־סעודות און נאָכזינגען! עס איז אָבער נישט אַזוי ווי עס דאַכט זיך!

דער טאַלנער ניגון מוז געזונגען ווערן ברב עם, ח ב ר ה מוז אים זינגען! אונטערהעלפן ווילט איר? ניין, ברודער! מיט דער הילף פון פוילישע חסידים זינגט זיך נישט קיין טאַלנער ניגון!

איר האָט גאָר קיין השגה, קיין ידיעה אין נגינה!

איך הער דאָך אייערע כּלי־זמרים, אייערע חזנים! עס גרימפּלט זיך, נישט עס שפּילט און ביים זינגען רייסט איר אייך, ווי געקוילעטע הענער!

אַפילו די סיני־ניגונים קומען ביי אייך אַרויס משונה ווילד... און אייערע מאַרשן, אייערע קאָזאַקלאַך? זיי זיינען נאָך ווילדער ווי אייערע תּנועות און הויות! איר זאָגט, עס איז חסידות!... ביי אונז זיינען אַנדערע חסידים!...

פון וואַנען מיר האָבן נגינה? אפשר קומט עס שוין בירושה און אפשר ליגט עס אין דער געגנט!

אין אונזער קיעווער געגנט איז אין בית אָן אַ פידעלע!

אַ באַלעבאַטיש קינד, אָדער, ווי מען זאָגט אין יענע קאַנטן: אַ טאַטנס אַ קינד, מוז האָבן אַ פידעלע, מוז קענען שפילן...

איר ווילט וויסן, וויפל מאַנסלייט עס געהערן צו אַ שטוב? קוקט אויף די ווענט! וויפל עס הענגען פידעלאַך, אַזויפיל מאַנסלייט!

אַלע שפּילן: עס שפּילט דער זיידע, עס שפּילט דער פאָטער, עס שפּילט דער זון...

עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס יעדער דור שפּילט אַנדערש, שפּילט באַזונדער!

דער אַלטער זיידע שפּילט סיני־ניגונים אָדער אַזוי חזנישע זאַכן: אַ „כל־נדרי“, „שושנת יעקב“, אַ „גדי קשור־ידים“—אַ דאגה וואָס? דער פאָטער, אַ חסידישער מענטש, צעגייט זיך אין אַ גוט־יידישן שטייגער! דער זון ווייטער—שפּילט שוין פון נאָטן! מען שפּילט שוין גאָר פון טעאַטער!

אַזוי ווי דער דור, אַזוי איז דער ניגון!

— וואָס טוען חסידים, אַז עס פעלט אַ ביסל בראָנפן? רעדט מען פון בראָנפן!... זינגען אייגער אַליין, אָן חברה, אָן אַ ברען פון עולם, קען מען נישט; ווען מיר ריידן פון נגינה...

נגינה, מוזט איר וויסן, איז אַ גרויסע זאַך! גאַנץ טאַלנע איז געשטאַנען אויף מלוה־מלכהס, און דער עיקר מלוה־מלכה איז געווען דער ניגון!

עס ווענדט זיך נאָר, וועֶר עס זינגט און וואָס ער זינגט...

מיט די אייגענע ציגל קען מען שטעלן אַ שול און אַ קלויסטער, אַ פּאַלאַץ און אַ תּפיסה, און גאָר אַ הקדש!

מיט די אייגענע אותיות שרייבט מען סודות התּורה און, להבדיל, דאָס גרעסטע אפּיקורסות! און מיט די אייגענע קולות קען מען אַרויף צו דער העכסטער מדרגה פון התלהבות און דבקות. און מען קען אַראָפּ ביזן שאול תּחתּיה און וואַלגערן זיך דאָרט ווי אַ וואָרים אין בלאָטע!

אַ בריוול—ווי מען לייענט עס; אַ ניגון—ווי מען זינגט אים!

נעמט, למשל, אַ „פריילאַכס“; קען עס זיין אַ טאַלנער שבת־שירהדיקע מלוה־מלכה,—אַ שמחה פון מצוות און מעשים־טובים; און עס קען זיין די פרייד פון אַן אויסגעלאַסענעם פויגל אין אַ הפקר־וועלט!

אַ ניגון ברענט, טאַקע „תּוכו רצוף אהבה“—אויסגעוויקט איז ער מיט ליבשאַפט; נאָר ליבשאַפטן זיינען פאַראַנען אַ סך: עס איז פאַראַנען אהבת המקום, אהבת הבריות, אַ ליבשאַפט צו כל־ישראל... איינער אָבער האָט גאָר זיך אַליין ליב.

אַ ניגון קלאָגט זיך, אַ ניגון וויינט, נאָר איינער וויינט אויפן נחש, אויפן פאַרלאָרענעם גן־עדן, אַ צווייטער — אויף גלות השכינה, אויף חורבן בית־המקדש, אויף אונזער דלות און שפלות!... „ראה עמידתנו...״ קלאָגט ער זיך, דער ניגון... און נאָך אַ ניגון וויינט, אַז עמיצן איז אַ יפה־פיה אַנטלאָפן!

נעמט כאָטש דאָס לידל:

ר׳ דודל האָט געוואוינט אין וואַסילקאָוו — אין וואַסילקאָוו
און היינט וואוינט ער אין טאַלנע;
ר׳ דודל, ר׳ דודל, האָט געאוינט אין וואַסילקאָוו,
היינט וואוינט ער אין טאַלנע!...

עס זינגען עס טאַלנער, עס זינגען עס וואַסילקאָווער! נאָר אַז די טאַלנער זינגען, איז עס אַן אמת „פריילאַכס״, שפריצט עס און ברענט מיט שמחה, מיט תענוג; זינגען עס אָבער וואַסילקאָווער, איז עס אויסגעווייקט מיט צער און מרה־שחורה! און ווענדן ווענדט זיך עס אין דער נשמה, וואָס מען גיט אַריין אין ניגון..

---

דער ניגון, מוזט איר וויסן, איז אַ סך־הכל פון קולות, אָדער, ווי יענע זאָגן — טענער.

די קולות אָדער די טענער נעמט מען פון דער טבע; זיי איז קיינער ישט מחדש, און אין דער טבע פעלט נישט קיין קולות. אַלץ האָט אַ קול, יין אייגענעם קלאַנג, אויב נישט גאָר אַ גאַנצן ניגון!

די גלגלים, האָבן מיר אַ קימא לן, זינגען; טאָג און נאַכט — „יום ליום... לילה ללילה״... האָבן זייער זמר... מענטשן און פייגל זינגען, חיות ובהמות זאָגן שירה... אַ שטיין אָן אַ שטיין קלאַפּט, מעטאַל קלינגט... וואַסער, אַז עס לויפט, שווייגט עס ניט; היינט אַ וואַלד! ביין קלענסטן ווינטל, זינגט ער דאָך אַ „וואָלאַך״, אַן אמתן, שטילן, זיסן וואָלאַך! און די באַן, למשל, — די חיה־רעה, מיט די רויט־בלאַמענדיקע אויגן, אַז זי לויפט, באַטויבט זי ישט מיט איר געזאַנג? אפילו די שטומע פיש, האָב איך אין אַן אַלט ספר געזען, גיבן אויך אַמאָל אַרויס פון זיך אַ קול נגינה. טייל פיש, שטייט אין ספר, שווימען פון צייט צו צייט צו צום ברעג, קלאַפּן מיט די עקן אין זאַמד, אויף אַ שטיין און זייבען זיך דערמיט מחיה!

וויפיל קולות? מען דאַרף נאָר האָבן אַן אויער, עס זאָל די קולות אויפכאַפּן ווי אַ נעץ, איינזאַפּן ווי אַ שוואָם!

נאָר פון טענער אַליין איז נאָך קיין ניגון נישט!
אַ הויפן ציגל איז נאָך נישט קיין הויז!
דאָס איז ערשט דער גוף פון ניגון; ער דאַרף נאָך אַ נשמה!
און די נשמה פון אַ ניגון איז שוין אַ געפיל פון אַ מענטש:
זיין ליבשאַפט, זיין צאָרן, לייטזעליקייט, נקמה, האַרצבענקעניש, חרטה, צער, —

אַלץ, אַלץ, וואָס אַ מענטש פילט, קאָן ער אַריינגעבן אין אַ ניגון און דער ניגון — לעבט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואָרים איך, רבותים, גלויב, אַז דאָס, וואָס מיך איז מחיה, מוז אַליין האָבן אַ חיות, לעבט אַליין!

און היינט, אַז אַ ניגון איז מיך מחיה, אַז איך באַקום פון אַ ניגון אַן אמת חיות, אַ נייע נשמה, זאָג איך, אַז אַ ניגון לעבט...

און והאָ ראיה: נעמט אַ ניגון און צעשניידט אים, זינגט אים קאַפויר, כאַפּט פריער אַרויס די מיט און דערנאָך זינגט די התחלה מיטן סוף, נו, האָט איר אַ ניגון? בסך־הכל האָט איר אַלע קולות, עס פעלט אייך קיין איינציקער טאָן, נאָר די נשמה איז אַרויס! איר האָט אַ לעבעדיקע ווייסע טויב געקוילעט און אונטערן מעסער איז אַרויס די נשמה!

עס איז געוואָרן אַ מת, אַ בר־מנן פון אַ ניגון!

אין טאַלנע איז ברור כשמש, אַז ניגון לעבט!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אַ ניגון לעבט, און אַ ניגון שטאַרבט; און מען פאַרגעסט אַ ניגון, ווי מען פאַרגעסט אַ שוכן־עפר!

יונג און פריש איז ער אַמאָל געווען, דער ניגון! מיט פריש לעבן האָט ער געשפּריצט... מיט דער צייט איז ער אָפּגעשוואַכט געוואָרן, ער האָט אָפּגע־לעבט זיין צייט און די כוחות זיינען אים אויסגעגאַנגען... עבר־ובטל איז ער געוואָרן... דערנאָך איז זיין לעצטער הויך אַריין אין דער לופט און ערגעץ פאַרשטיקט געוואָרן — ואיננו!...

נאָר אַ ניגון קען אויפשטיין תחית המתים...

פלוצים דערמאָנט מען זיך אַן אַלטן ניגון, ער שווימט פלוצים אַרויס און רייסט זיך פון מויל אַראָפּ... נישט ווילנדיק, לייגט מען אין אים אַריין אַ ניי געפיל, אַ נייע נשמה, און כמעט אַ נייער ניגון לעבט...

דאָס איז שוין אַ גלגול פון אַ ניגון...

---

# וואָס אַמאָל ווייניקער.

זאָגט יוחנן המלמד:

די בין, וואָס נאָגט זאַפט פון גראָזן און בלומען, גיט האָניק; און איך, וואָס האָב מיך אין לעבן אַ סך אָנגעזען — בין מחוייב צו דערציילן.

און איך וויל אייך דערציילן, וואָס איך האָב מיך דערמאָנט, בשעתן קנעלן ...

געקומען דערצו בין איך דורך מיין תלמיד איציקל, וואָס האָט ליב צו האָבן מיט מיר וויכּוחים! אַז איך פאַרשווייג אים, מחמת ביטול תורה, מיינט איציקל, אַז איך בין אים מודה! זאָל אים השם יתברך העלפן...

און דער בחור, איציקל, האַלט שטאַרק פון הייַנטיקע צייטן...

— אַ שפּאַס, — זאָגט ער, — אַ וועלט! סאַמע מאַשינען (דער פאָטער זייַנער האָט אַ פאַבריק), אַלץ גייט אויף פאַרע און עלעקטרי; דאָס זייַנען — זאָגט ער, — אונזערע משרתים: זיי מאָלן אונז מעל, באַקן ברויט, מאַכן זייף, פירן איבער פון איין עק וועלט צו דער צווייטער, ריין קפיצת הדרך!...

און ער איז בטוח, אַז די בעלי-המצאות וועלן נאָך כאַפּן אַמאָל די ווינטן און וועלן זיי אייַנשפּאַנען צום וואַרשטאַט; מען וועט נאָך צוזאַמענ-נעמען די שטראַלן פון דער זון, און הייסן זיי, למשל, שטיוול פוצן! און דער עיקר — מען וועט נאָך אַמאָל אויף באַלאָנען פליען אין דער לופט, ווי מלאכי השרת, להבדיל...

מילא, בנוגע צו דער מלאכה, צו די מאַשינען, איז נאָך צו דערליידן... איין דור ירשנט המצאות פון צווייטן — ווערט, וואָס אַמאָל, מער המצאות; דאָס קינד אויפן פאָטערס אַקסל איז העכער פאַרן פאָטער...

מיין תלמיד איציקל זאָגט אָבער, אַז בכלל דער מענטש ווערט וואָס אַמאָל קליגער, פייַנער, הן אין דעות, הן אין מדות טובות...

— וואָס אַ יאָר, — זאָגט ער, — וואַקסט מען מיט אַ קאָפּ אינדערהויך. אפשר קומט עס דערפון, וואָס מיין תלמיד, איציקל, איז בטבע אַ בעל מזג טוב, און, אגב, איז ער טאַקע צופרידן פון דער וועלט!

— דער שלום — זאָגט ער — פאַרשפּרייט זיך אין אַלע לענדער, מדת הרחמים וואַקסט פון טאָג צו טאָג (מען גיט גוזמות צדקה; דער טאַטע זייַנער, דער גביר, גיט אויך אַ סך!), און באַלד, באַלד, — זאָגט ער, — וועט מקויים ווערן ישעיה הנביאס ווערטער, וגר זאב עם כבש, — עס וועט וואוינען אַ וואָלף צוזאַמען מיט אַ שעפעלע, און ווי ווייטער שטייט...

און אָט אין דעם בין איך מסופק!...

איך דערמאָן מיך אָן שלמה המלכס שאלה: ווער ווייסט, צי שטייגט דער גייסט פון מענטש אַרויף?... וואָרן ווייסן ווייס איך, אַז עס איז פאַראַן אומריין וואַסער, וואָס פליסט אין זאַמד, און, פליסנדיק, ווערט עס וואָס אַמאָל רייַנער, ווייל עס לאָזט איבער דאָס אומרייַנקייט אין זאַמד; צום סוף קען מען אפשר דאָס גאָר טרינקען! עס איז אָבער אויך פאַראַן קוואַל-וואַסער, וואָס פליסט פון אַ פעלז, גאָר פון אַ ריין, גאָר פון אַ הויך אָרט, נאָר עס פליסט איבער אַ מושב, און וואָס ווייטער עס גייט, שמוציקער ווערט עס; סם ווערט עס?

צו וועלכן וואַסער זייַנען מיר גלייך?

איך זיץ און טראַכט, און עס שטעלן זיך מיר פאַר די אויגן: ר' זישעלע, זכר צדיק לברכה — דער באַוואוסטער גאון עולם, וואָס איז געזעסן אַ יאָר

צוואַנציק על כסא הרבנות אין זאַמושץ, און דער זון זיינער, ר' יחיאל, עליו השלום, אַ ייד אַ גביר, וואָס מען האָט מיט'ן געטאָן אַ שידוך מיט אַ לובלינער גביר, און ער איז דאָרט געזעסן על התורה ועל העבודה, און וואָס זיינע צדקות ומעשים טובים האָבן געשמט אויף דער וועלט!

און אַ דריטער, אויך נישט מיט דער האַנט אָוועקצומאַכן, ר' יחיאל, עליו השלומס, אַ זון, דעם גאונס ר' זישעלעס אַן אייניקל, להבדיל בין החיים והמתים, הגביר הנכבד ר' יוסף, איצקלס, מיין תלמידס, פאָטער, וואָס וואוינט דאָ אין וואַרשע, האָט אַ גרויסע פאַבריק און איז אַן איש מכובד אין דער גאַנצער שטאָט.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

לאָמיר צוריקגיין צו ר' זישעלען.

עס איז ידוע לכל, אַז ר' זישעלע איז געווען איינער פון די גדולי הדור!...

ר' זישעלע איז געווען, ווי מען זאָגט, אַ גייענדיקע שאַנק מיט ספרים,— אַ גריילאַכער זכרון, אַ קלאָרער שכל, — אַ גאון מיט אַלע מעלות.

און פאַרוואָס דען האָט מען אים גערופן: ר' זישעלע, פאַרוואָס נישט ר' זישע?

ע ר ש ט נ ס — פאַר גרויס ליבשאַפט:

ער איז אַ גרויסער עניו געווען, אַ גרויסער מרוצה לבריות... אַ לייב אין תורה ועבודה, אין קהל־זאַכן; נישט געקוקט אויף באַלעבאַטים תקיפים, אויף גבירים גרויסע... און געשטעלט אויף זיך; ביי אַ הפסד מרובה, האָט ער אפילו אויף אַ קדמון אַ מחמיר נישט געקוקט. קוים איז געגאַנגען אין יידיש געלט, פלעגט ער זאָגן: דער קדמון איז געווען רב אין זיין צייט און אין זיין שטאָט, און איך בין מרא דאתרא אין מיין צייט און אין מיין שטאָט.

און דער אייגענער ר' זישעלע האָט געפירט זיין רבנות — די קהילה מיט דייטשן, באַלעבאַטים, אַלערליי כיתות חסידים און בעלי־מלאכות, טאַקע ווי אַ גוטער פאַסטוך פירט די שאָף...

פאַר דעם האָבן אַלע מורא געהאַט, קיין הויך וואָרט נישט גערעדט!
ער האָט נאָר געדאַרפט זאָגן: איך מיין אַזוי און אַזוי...
און עס איז גענוג געווען!

וואָרן, אַז נישט, — „וועט ר' זישעלען פאַרדריסן!" און ר' זישעלען זאָל נישט פאַרדריסן, וועט דער, וואָס האַלט די פאַכט, נישט הויבן דעם מקח פון פלייש.

ר' זישעלען זאָל נישט פאַרדריסן, וועט דער וואָכערניק נישט פאַרקויפן דעם אביונס משכון...

ר' זישעלען זאָל נישט פאַרדריסן, וועט די חברה־קדישא נישט באַליידיקן די נושאים, און די חברה נושאים וועלן זיך נישט שטעלן קעגן די־

גבאים פון חברה־קדישא... עס ווערן זיך אַפּילו די חסידים קיין באַזונדערן שוחט נישט אויפנעמען!

און, ווען אַלע ציטערן פאַר ר׳ זישען, וואָס איז שטיל ווי אַ טויב, ציטערט ער נישט מער, גאָר פאַר חמץ בפסח!

אַ גאַנץ יאָר איז כּוחא דהיתּרא עדיף... כּשר און כּשר; ביי הפסד מרובה — אַוודאי כּשר!

און פּסח — אַלץ טרפה! טרפה און טרפה; אסור באַכילה, אסור בהנאה, מען צעברעכט די כּלים — סכּנת־נפשות!

און פאַרוואָס שרעקט ער זיך? פאַר דער „משהו" שרעקט ער זיך! אַ קליינינקייט, זאָגט ער: אַ משהו! און וואָס קומט? כּרת! דער עונש איז: „ונכרתה הנפש ההיא מעדת ישראל!"

און ער זאָגט: בעסער אַלע מדורות פון גיהנם, — דאָס נעם איך אויף מיר, פאַר אַ יידישן גראָשן, — אַלס כּרת, אַרויס פון כּלל ישראל!

אַ טיפער ענין!

דאָס איז ערשטנס...

און צווייטנס (רופט מען אים ר׳ זישעלע), ווייל ער איז געווען גאָר קליין געוויקסיק.

די גרויסע נשמה האָט געשטעקט אין אַ גוף, וואָס האָט געקאָנט שפּאַצירן אונטערן טיש!

אַז ר׳ זישעלע זיצט אויבן־אָן אויף אַן אסיפה פון די באַלעבאַטים, זעט מען אים נישט אַרויס; כאָטש אַ ספּאָדיק האָט ער געטראָגן אַ הויכן...

אַז אַ באַלעבאָס פאַרשפּעטיקט זיך, פרעגט ער: שוין דאָ אונזער ר׳ זישעלע? אומקוקן זיך העלפט נישט.

פאַר דאָס אָבער, אַז ער זעט, אַז עס איז שטיל, אַז דער עולם האַלט די קעפּ אָן אַ זייט און הערט זיך איין — ווייסט ער שוין, אַז ר׳ זישעלע איז דאָ.

שמייכלט ער, דער באַלעבאָס, און טראַכט: „עס שיטן זיך שוין פּערל פון ר׳ זישעלעס מויל... דער עולם שווייגט און שלינגט זיינע ווערטער... לעבן זאָל ער, ר׳ זישעלע!"

דער עיקר האָט ר׳ זישעלע זיך צוגעלאָזט צו קינדער! ער האָט זייער ליב געהאַט קינדער.

דער יונגער עולם אין בית המדרש האָט עס געוואוסט, און קוים האָט זיך ר׳ זישעלע געוויזן אין בית־המדרש אַריין, פאַר יום־כּיפּור־קטן, צי פאַר אַן אסיפה, פלעגט אים חברה אַרומרינגלען פון אַלע זייטן, מיט אָפענע גמרות, מיט אַלערליי שאלות, פון דער סוגיא, פון יענער סוגיא, פון אַ רמב״ם. און ער פלעגט שמייכלען, יעדן ענטפערן מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן, מיט שמחה און ליבשאַפט אין די קינדישע אויגן, וואָס ער האָט געהאַט עד יום פטירתו, און זיין זיס קולכל, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ זילבערן גלעקל!

נאָר אַרויסגעזען פון צווישן דעם קליינעם עולם האָט מען אים נישט!

איינמאָל האָט זיך געטראָפן אַ מעשה, שעבערשין — דריי מייל פון זאַמושץ — האָט זיך אַראָפּגעבערענגט אַ נייעם רב, פון ערגעץ פון דער פרעמד; ער האָט ר׳ זישעלען פון פּנים נישט געקענט, און באַלד נאָכן ערשטן שבת, נאָך דער ערשטער דרשה איז ער געקומען קיין זאַמושץ צו ר׳ זישעלען...

טרעפט ער אים נישט אינדערהיים, גייט ער דערווייל אין בית־המדרש אַריין; וואו־דען זאָל גיין אַ שעבערשינער רב?

זעט ער אַ רעדל יינגלאַך, און איינער אין דער מיט קלינגט מיטן קול איבערן גאַנצן בית־המדרש און ענטפערט אַלע תּוך־כּדי־דבור, כּלאַחר־יד.

גייט ער צו; ווערט ער נבהל ומשתּומם, און פרעגט: וואָס איז עס דעם יינגל געשען, וואָס ער איז גרוי געוואָרן ווי אַ טויב?...

מוסף ראש-השנה פלעגט ר׳ זישעלע דאַווענען פאַרן עמוד אין שול. אין שול פאַרן עמוד איז דאָך טיפער, „ממעמקים קראתיך ה׳״, זעט מען דאָך ר׳ זישעלען אַוודאי און אַוודאי נישט אַרויס... דער עולם וויל דאָך אָבער זען, ווי זיין קליין זיס קעפל הוידעט זיך, און דער שווערט זיך נאָך, אַז אין די תּנועות פון זיין קעפל, צוזאַמען מיט זיינע זיסע ניגונימלאַך, פאַרטייטשן זיי אַלע תּפילות... שטייען זיי טאַקע גאַנץ מוסף אויף די בעגל; אַנדערע שפּרינגען אַרויף אויף די בענק.

און אַ שונא־בצע איז ער געווען גאָר אַן אויסטערלישער...

כּמעט יעדעס יאָר קומען שלוחים פון די גרעסטע שטעט און בעטן זיך, ר׳ זישעלע זאָל אָננעמען דאָרט דאָס רבנות!

מען וויל ר׳ זישעלען אָפּגילטן.

ער וויל נישט הערן און געדענקען...

און ער מאַכט זיך אַן הלצהלע: איך האָב עמיצן, — זאָגט ער — חס־ושלום, געהרגעט, איך זאָל דאַרפן זיין נע-ונד?!

בעט זיך ביי אים די שטאָט: רבי זישעלע קרוין, רבי לעבן, לאָזט אייך כאָטש מוסיף זיין אויף די שכירות...

בייזערט ער זיך: וואָס ווילט איר מאַכן פון מיר אַ פרעסער אויף דער עלטער? זאַט בין איך אַזוי אויך!

און וויפיל נעמט ר׳ זישעלע שכירות? פופציק פּוילישע גילדן אַ וואָך! און קיין רח״ש נעמט ער נישט.

ר׳ זישעלע זאָגט, אַז ער איז אַ רב, נישט קיין מקבל! פּסק־געלט גיט ער אַוועק די דיינים.

זיין תּורה, — זאָגט ער, — פאַרקויפט ער נישט; אַפילו זיין שכל הישר ביי אַ פּשר האָט ער אויך נישט צו פאַרקויפן...

יום־טוב־געלט — פאַרשענקט ער די שמשים.

דאָ זוכט ער שוין קיין תּירוץ נישט; גלאַט — אָרימע יידן!

שלח־מנות ווייטער טוישט ער... וואָס ער באַקומט פון רייכע, שיקט ער אָפּ אביונים; פון די אביונים, וואָס ער באַקומט, שיקט ער אָפּ די רייכע. און ער עסט, וואָס די רביצין באַקט...

„אדם רוצה בקב שלו!"

נאָר דאָס אַלץ האָב איך אַייך דערציילט אגב אורחא... אַז מען דער־מאָנט ר' זישעלען, מוז מען כאַטש אַ ביסל דערציילן!

דער עיקר איז דער מנהג, וואָס ר' זישעלע האָט געהאַט.

עס פלעגט זיך אים טרעפן אַרויסצוגיין דער לעצטער פון שטוב און צו פאַרשליסן די טיר. זעענדיק, אַז די טיר איז אַלט, דער שלאָס נישט ייִנגער, און אַז מיט אַ ליאַדע קלאַפּ צעברעכט מען ביידע, טראַכט ער, אַז עס איז אים לייכט צו באַגנבענען, און —

— רוב גנבי ישראל ניגהו! — זיפצט ער.

און ר' זישעלע וויל נישט, אַ ייִד זאָל, חס־ושלום, נכשל ווערן דורך דעם, וואָס ער פאַרגעסט צו פאַרריכטן די טיר...

וואָס טוט ר' זישעלע?

זאָגט ער:

— רבונו של עולם, זײַ דו מײַן עדות, אַז איך בין מפקיר, אַז איך ציִ אויס פון מײַן רשות מײַן גאַנץ האָב־און־גאָב, הן מטלטלין פון שטוב, הן באַרעס געלט, וואָס איך ווייס, און וואָס איך ווייס נישט.

און אַז ער איז צוריק אַהיים געקומען, האָט ער צוריק זוכה געווען מן ההפקר!

---

איך האָב מאריך געווען ביי ר' זישעלע, זכרונו לברכהן, וועל איך שוין ביי זײַן זון מיטן אייניקל מקצר זײַן...

ווי אויבן איז געשטאַנען, האָט ר' זישעלע געטאָן מיט ר' יחיאלן אַ שידוך פון לובלין. אַ צייט לאַנג האָט ר' יחיאל געגעסן קעסט, דערנאָך איז ער געוואָרן אַ באַלעבאָס פאַר זיך. אַן עושר במזומן איז ער געווען, כל ימי האָט ער זיך מפרנס געווען פון פּראָצענט, און איז זיך געזעסן על התורה ועל העבודה, און האָט עוסק געווען אין מצוות ומעשים־טובים.

קיין וואָכערניק, פאַרשטייט זיך, איז ער נישט געווען...

און איין מדה האָט ער גערירשנט פון פאָטער ר' זישעלע — נישט מבייש זײַן קיין שום בן־אדם! און — ענוות!

ר' יחיאל מישט זיך שטאַרק אין קהל־זאַכן, נאָר קיין התמנות נעמט ער בשום־אופן נישט אָן; ער איז קיין דאָזאָרצע, קיין גבאי נישט, גאָרנישט!

צדקה הייסט ביי אים נאָר מתן בסתר...

ער גייט ווינטער גאַנץ פרי אין גאַס אַריין; זעט ער פויערים פירן האָלץ (פון שטיינקוילן האָט מען נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט), — קויפט ער

אַ פּורל האָלץ, — צוויי־דריי פורלאַך האָלץ, און זאָגט דעם פויער, וואו ער זאָל אָפּפירן... ער ווייסט שוין, וואו אַ געפּרוירענער קבצן וואוינט! ער פלעגט פאַר יעדן יום־טוב אָפּשיקן נדבות מיט דער פּאָסט — אַ ספרא־רבה איז ער געווען, — נאָר די אַדרעסן פלעגט ער שרייבן מיט דער לינקער האַנט, מען זאָל זיין כתב־יד נישט דערקענען, ווייל ער פלעגט אַמאָל שרייבן צו גרויסע שררות וועגן יידישע זאַכן...

דערפון האָט זיך געמאַכט אַ מאמר, אַז די נדבות דורך דער פּאָסט שיקט אַ באַהאַלטענער בעל־תשובה, וואָס האָט אַוודאי עמיצן באַגזלט און קאָן די גזלה נישט אָפּגעבן... ערשט נאָך ר' יחיאלס פטירה, איז מען געוואָר געוואָרן, ווער דער „גזלן" איז געווען...

און אויסער אין חברה־פּושקעס אריין, פלעגט ער מיד־ליד קיין נדבה נישט צו געבן... אַלץ געבאָרגט — כשרע הלוואה הייסט עס! „ווען גאָט וועט העלפן, וועסטו אָפּגעבן, מיטאַמאָל, ביסלאַכווייז; מיר אָדער פאַר מיר אַן אַנדערן נויטבאַדערפטיקן"...

און איינמאָל האָט זיך פּאַסירט אַזאַ מעשה: ר' יחיאל קומט אַהיים פון גאַס און טרעפט עמיצן ביי זיך אין שטוב. יענער האָט דערזען און איז געבליבן ווייס ווי אַ קאַלך.

ר' יחיאל קוקט, פון אונטערן יידס פּאָלע שטאַרט עפּעס בולט אַרויס.

אין יידנס פּנים האָט ר' יחיאל דערקענט, אַז ער האָט פאַר זיך קיין פּשוטן גנב נישט... ער שטויסט זיך באַלד, אַז עס איז אַן עני הגון, אַז ער איז געקומען עפּעס בעטן, און, אַז ער האָט קיינעם נישט געטראָפן, איז ער נישט עומד געווען בנסיון, האָט'ן דער יצר־הרע גובר געווען...

גייט ר' יחיאל צו אים צו גאַנץ פריינדלאַך און זאָגט מיט אַ שמייכעלע:

— איר האָט אַוודאי געוואָלט לייען אויף אַ משכון? ווייזט נאָר דעם משכון...

דעם אָרימאַן קלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

— וואָס איז די חרפה? פרעגט ר' יחיאל געלאַסן: דאָס מזל דרייט זיך ווי אַ רעדל, געלט איז קיילאַכדיק! היינט באָרגט איר ביי מיר, מאָרגן — איך ביי אייך...

און אַזוי ריידנדיק, נעמט ער אים אַפּער פון אונטער דער פּאָלע זיין אייגענע פּאָר זילבערנע לייכטער!

און ר' יחיאל שטעלט זיי געלאַסן אַנידער פאַר זיך אויפן טיש, גלייך ער זעט זיי באמת דאָס ערשטע מאָל, און וויל אָפּשאַצן, וויפל ער מעג אויף זיי באָרגן.

דער ייד, נעבאַך, וויל דערוויל אַנטלויפן, זיינען אים אָבער די פיס ווי צוגעשמידט.

— הכלל, ר' קרוב, — פרעגט ר' יחיאל, וויפל ווילט איר באָרגן?

און דער קאָן, נעבאַך, נישט די צונג איבערדרייען.

— איר זענט, ר׳ קרוב, אַ גרויסער בושת פּנים... נו, וואָס קען מען מאַכן? „את פתח לו" שטייט, וועל איך פאַר אייך ריידן:

עס גייט צו פּסח, — הערט, צי איך בין מיך נישט טועה — איך בין שטאַרק מסופק, צי איר האָט אויף מצות... נו, שאָקלט מיטן קאָפּ: יאָ צי ניין!

יענער, נעבאַך, שאָקלט אויף ניין.

— וואָס דען! מען דאַרף דערצו קיין נביא נישט זיין! דאָס פּנים אייערס מסרט! נאָר — איר האָט אפשר נאָך אַ טאָכטער צו פאַרקנסן? יאָ?

נו, שאָקלט מיטן קאָפּ — יאָ צי ניין?

דעם אָרימען ייד האָבן זיך שוין אָבער געעפנט די קוואַלן פון די אויגן, ער האָט זיך שטאַרק צעוויינט.

— נאַרישער מענטש! — מאַכט ר׳ יחיאל, — וואָס וויינט איר? איך האָב דאָך אייך געזאָגט, גלגל חוזר!

דער ייד קאָן זיך אָבער נישט איינהאַלטן; ווערט ר׳ יחיאל, מכלומרשט, ברוגז, ער האָט פאַריבל.

— על־פּי דין — זאָגט ער — בין איך אייך, ר׳ קרוב, מחוייב צו העלפן; „עזוב תעזוב" שטייט, פאַרפאַלן! אָבער וואו שטייט עס, איך בעט אייך, אַז איך בין מחוייב אויסצוהערן אייער געוויין, האַ?

דער ייד האַלט זיך איין מיט די לעצטע כוחות, און ר׳ יחיאל זאָגט ווייטער:

— ווייסט איר וואָס, ר׳ קרוב, איך וועל אייך געבן לויט דעם משכון...

אין מיינע אויגן איז דאָס משכון, עובר לסוחר — אויף פּחות — ווערט ק"ן קערבלאַך... וועל איך אייך באָרגן פינף־און־זיבעציק, — אַכציק! צען רובל אויף יום־טוב, זעכציק אויף נדן פאַר דער טאָכטער, און נאָך צען — אַ התחלה אויף חתונה־קליידער, חתונה־הוצאות; די רעשט וועט גאָט העלפן.

און אַז גאָט וועט העלפן, גיט ער צו, ווי זיין מנהג איז געווען, — וועט איר באַצאָלן... איך בין בטוח, איר וועט באַצאָלן!

---

צונד גייען מיר איבער צו ר׳ זישעס איינִיקל.

איינמאָל, אַ יומא דפגרא איז עס געווען, האָט מיך איציקל מיין תלמיד שטאַרק געבעטן, איך זאָל מיט׳ן גיין באַקוקן דעם פאָטערס פאַבריק. ער וויל מיר ווייזן די טייערע און קונציקע מאַשינען...

איך האָב אים נישט געקענט אָפּזאָגן; אַ יומא דפגרא איז, גיי איך.

אין פאַבריק אַריין גייען מיר דורך אַ שמאָל פעדערהייזל, וואו צוויי מענטשן קענען נישט צוזאַמען דורכגיין, נאָר איינער נאָכן אַנדערן; פון דאָרט זיינען מיר געקומען אויף אַ גאַנץ גרויסן הויף אַרויס, פון הויף ערשט אין פאַבריק אַריין. אין פאַבריק איז נאָך מער רחבות ווי אויפן הויף.

און די פּאַבריק איז פול מיט וואַרשטאַטן, און ביי יעדן וואַרשטאַט שטייט אַ פּועל. דער וואַרשטאַט וואַרפט זיך, און דער פּועל וואַרפט זיך מיטן וואַרשטאַט, און דער פּועל מיטן וואַרשטאַט זעען אויס ווי איין גוף, ווי איין חולה־נופל, וואָס וואַרפט זיך, שאָקלט זיך און זעצט...

און וואָס איז די נשמה פון דעם גוף? די פּאַרע! זי רודערט עס מיט אַלעם דורך לעדערנע רימען, מיט וועלכע יעדער וואַרשטאַט איז אַרומגענומען...

אויסער דער פּאַרע האָט דאָ קיין גוף קיין אַנדערע נשמה נישט, נישט דער וואַרשטאַט, נישט דער פּועל, וואָס טוט נאָך דעם וואַרשטאַט; זיי האָבן קיין נשמה נישט, קיין רצון נישט, קיין ידיעה נישט...

אַזוי דאַכט זיך מיר!

און מיין תּלמיד וויל מיר אַלץ פּאַרטייטשן, געבן צו פאַרשטיין, וואָס דאָ טוט זיך, וואָס מען אַרבעט, ווי אַזוי מען אַרבעט; נאָר, — איך הער נישט, איך שרעק מיך פאַר די קלאַפּנדיקע גולמות...

די אויערן ווערן מיר טויב פון גערויש און קלאַפּעריי...

אַ ים קולות, אַ מבול קלעפּ און שלעג... און עס קראַצט, און רייבט, און קריצט מיט די ציין...

און אַ וואונדערלאַכע מחשבה פליט דורכן מוח:

און ווען עס קומען אַהער, אין דעם גיהנם אַריין, די גרעסטע נביאים... ישעיה, ירמיה... און ווען משה רבינו אַליין, — ווען זיי עפענען די מיילער, און — זיי ווילן ריידן — צי וואָלטן זיי איבערגעשריען דאָס גיהנם? צי וואָלט זיי עמיצער פון די געפּייניקטע נשמות געהערט?

ניין, זיכער נישט! טראַכט איך און לויף אַרויס, באַגאָסן מיט קאַלטן שוויס פאַר שרעק!

און מיר גייען ווייטער דורכן שמאָלן פּעדערצימער, און איך מיט יצחקן קאָנען צוזאַמען נישט דורכגיין...

— נאָך וואָס איז דאָ אַזוי ענג? פרעג איך.

— דאָ רעווידירט מען די אַרבעטער, — ענטפערט יצחקל — איינעם נאָכן צווייטן רעווידירט מען...

— נאָך וואָס?

— מען גנבעט פון פאַבריק... כלים... סחורה...

— גנבים זיינען זיי, גנבים?

— נישט אַלע, חס־ושלום! נאָר אויף טייל פאַלט אַ חשד!...

— און אַז אויף אַ טייל פאַלט אַ חשד, רעווידירט מען אַלע?

— דער טאַטע זאָגט, אַז מען קאָן נישט מבייש זיין, רעווידירט מען אפילו די מייסטער אַליין...

---

אויך „שלא לבייש", נאָר אויף אַ גאַנץ אַנדערן נוסח!

# הכנסת־כלה.

ר׳ עוזר האַפּנדשטאַנד איז, קיין עין־הרע, אַ ייד — אַ גביר; אפשר אַ מיליאָנער; ער האָט שוין עפּעס צו זאָגן אויף דער וועלט, אויף יענער — אַוודאי!

אָט, זיצט ער ביים טיש, ביים „וואַרימעס״.

אַ טיש — וואָס מיט גוטס גיגט! די סעודה הייבט זיך אָן מיט הערינג, קילקעס, סאַרדינען...

זילבער — ווי האָלץ! עס בלאַנקט אויפן טיש, אינם אָפענעם קרעדענץ; אַרום אויף די ווענט הענגען אַ צען זילבערנע טאַצן, וואָס קענען שוין אין קרעדענץ נישט אַריין. פון איבער דעם שאַנק בליצט אַראָפּ אַ גרויסער חנוכה־לאָמפּ מיט אויסגעשניצטע בלומענרערן, און אין ביידע זייטן שטייען, ווי אויף דער וואַך, צוויי אומגעהייערע שבתניקעס.

ער אַליין, ר׳ עוזר, איז אַ קליין, דאַר יידל, און ווערט אינגאַנצן פאַר־לאָרן אינם גרויסן, מיטן רויטן סאַמעט אויסגעבעטן פאָטערשטול. קוים איבער דעם אָנלען גלאַנצט דאָס גרין־סאַמעטענע הויך, ברייט און שטייף אויפגע־שטעלטע היטל, די פאָרם איז זיין אייגענע ערפינדונג! דערמיט וועט ער איבערגיין אין דער חסידישער מויל־געשיכטע איש־מפּי־איש אויף אייביק!

עסן עסט ער שווייגנדיק, מיט ערנסט־איינגעצויגענע שטערן און ברע־מען, אָן אַ בליק פאַר די ביי‌זיצער.

און דער לאַנגער טיש איז באַזעצט. רעכטס — אַ שורה נקבות: דאָס ווייב, צוויי טעכטער, אַ שנור מיט דריי אייניקלאַך; אין דער לינקער האַנט — מאַנספּערזאָנען: צוויי זין, איין איידים און זייערע דריי חדר־ייגלאַך.

דאָס ווייב זיינס טראָגט אַן אויסגעשטיקט האָר־באַנד אונטער אַ טיפּע קאָפּקע, מיט פלאַטערדיקע ברייטע, פלאַמענדיק רויטע בענדער, — די טעכטער טראָגן שייטלען, די שנור האָט שוין דערגרייכט צו פריזירטע „קרעפּינקעס״.

די מיידלאַך דאַרפן זיך די האָר נישט פאַרשטעלן. די „גרזיוווקעס״ יאָגן זיך פריי אַרום איבער די שמאָלע שטערן.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, איז נאָך אויבנאָן ר׳ עוזרס מוטער געזעסן! אַ יידענע אין אַ שטערנטיכל, אַראָפּגעהאַנגענע אויירינגלאַך און אַ ברוסטטיכל מיט אַן אויבל, — איז זי שוין אויפן עולם אמת...

די מענער טראָגן זיך אויך פאַרשיידן. ר׳ עוזר אַליין זיצט אין זיין חסידישן „צילינדער״. דער זון — אין אַ שפּיציקע, די איידימס — אין פלאַכע, קאַנטיקע יאַרמולקעס. די חדר־ייגלאַך טראָגן שוין „קאַשקעטלאַך״, אויף וועלכע ר׳ עוזר וואַרפט אַלעמאָל אַ בייז אויג; דער היטלמאַכער האָט פאַרשמעלט און פאַרקירצט די פאָרם!

יענע וואָך איז נאָך דאָ געזעסן אַ מלמד אין אַ קאַפּטאַן מיט סטראָקעס; האָט מען אים ערגעץ אויפגענומען פאַר אַ רב אין אַ שטעטל, דאַרף ערשט

ר׳ עוזר פאָרן צום רבין פרעגן אויף אַ נייעם מלמד. גלאַט אַזוי לאָזט ער נישט אין שטוב אַריין!

„הייַנטיקע צייטן", טראַכט ער, און זיפצט.

ער קוקט אַרום און זעט, ווי די צייט רייסט אַלע מינוט אָפּ אַ שטיין פון דעם מויער, מיט וועלכער ער האָט זיך אַזוי קונציק אַרומגעבויט, אָפּצוטיילן זיך פון דער אַפּיקורסישער גרויסער וועלט, צו וועלכער ער געהערט לויטן פאַרמעגן. זי, די נייע צייט, גנבעט זיך אַריין ווי אַ וואַסער אין זיין אַלטער תּיבה, אין וועלכער ער האָט געוואָלט איבערשווימען דאָס „דייטשע מבול", אַז קיינער פון זיין משפּחה זאָל זיך אַפילו קיין פוס נישט איינגעצן; אָבער עס גייט נישט!

אַן אייניקל אַ מיידל — האָט מען נאָר געלערנט אַ ביסל שרייבן, האָט מען זי שוין געכאַפּט לעזן אַ ראָמאַן; אַ שנור האָט זי פאַרמסרט, מן הסתּם איז „ראָמאַנען" ניט קיין גוטס.

אין צווייטן אייניקל — אַ ייִנגל — איז פּלוצלונג אַריין אַ דיבוק — ער האָט זיך איינגעשפּאַרט: אין שקאָלע אַריין. עס האָט נישט געהאָלפן קיין ריידן, קיין בעטן, קיין חלשן, קיין שלאָגן אַפילו. מען האָט אים קוים איינגענומען מיט אַ גאָלדן זייגערל!

ער ציט איין נאָך פעסטער די ברעמען — ער זעט בחוש, מיט זיינע אויסגעוויינטע, אַלטע אויגן, מיט וועלכע ער האָט אַזויפיל תּהלים געזאָגט, אַזויפיל געלט געציילט און אַזויפיל וועלט געזען, אַז די צייט האָט קיין רחמנות נישט, אַז זי ווישט און ווישט אָפּ דאָס אַלטע, דאָס פאַרשימלטע, דאָס הייליקע!

---

עס עפנט זיך די טיר.

עס קומט אַריין אַן איבערגעבויגענער ייִד מיט אַ ווייַסער צעפּלאָשעטער באָרד, וואָס פלאָנטעט זיך צוזאַמען מיט די פעדים פון דער אַלטער אָפּגעריבענער קאַפּאָטע, אַ בלייך פּנים אונטער אַן אויסגעפּעצט היטל.

דער דלות אַליין איז אַריינגעקומען.

— שלום עליכם, מענדל, — רופט צו אים דער מיליאָנער.

— עליכם שלום, עוזר, — ענטפערט מענדל־דלות.

ער גייט צו צום טיש, דער באַלעבאָס וויקלט זיך אַרום די האַנט אין אַ סערוועט און דערלאַנגט אים „שלום־עליכם".

דאָס אייגענע טוען די איידימס, די אייניקלאַך, א י י נ ס נאָך פאַרקרימט זיך. —

מען זאָל אים נאָך אַ ברעלאָק קויפן צום זייגערל, וואָלט ער זיך אפשר נישט פאַרקרימט אויך.

מענדל אָבער באַמערקט עס נישט, און שמייכלט:

— עפּעס האָסטו, עוזר, צו פיל ווייבער ביים טיש!

— סאַמע אייגענע! ענטפערט עוזר ערנסט און מיט אַ זיפץ.
אין האַרצן איז ער מסופק, אויב אַ שנור איז אַן אייגענע.
— ווייסטו וואָס, עוזר, מאַכט ווייטער מענדל, איך וועל נעמען אַ טרונק בראָנפן.

— נו!

— נו, שקצימלאַך, לאָזט!

און דער „דלות" רוקט זיך אַריין צווישן צוויי אייניקלאַך־שטולן און נעמט אַ ביסל בראָנפן.

— און פאַרבייסן? פרעגט ער, אויפהייבנדיק די פייכטע אויגן צו דער באַלעבאָסטע.

עוזר גיט אַ וואָרף אַן אויג, שוין מיט אַ גרימצאָרן, אויף דער גאַנצער שורה ווייבער: וואָס איז, זיי זענען נישט, אַז מען דאַרף צו פאַרבייסן?

דאָס ווייב פאַרשטייט דעם וואונק. עס גלוסט איר דאָך, אַ פנים, נישט אויפצוהויבן —

— כאַפט אַ שטיקל פּאָלקע! — מאַכט זי.

— אָבער גאָר לא — ענטפערט מענדל, צו דעם וועל איך זיך ערשט וואַשן, כדבעי! דערווייל — לעקאַך, לעקאַך קומט מיר.

— זאָג נאָר, שרה — פרעגט ער איבער די באַלעבאָסטע — האָסט דען גאָרנישט חתונה געמאַכט איבער דער צייט, האַ?

איינע פון די מיידלאַך פאַרקרימט זיך און טראָגט דאָך צו אַ שטיקל לעקאַך פון קרעדענץ.

מענדל־דלות טרינקט לחיים און פאַרבייסט.

— צונד, גיי איך מיך וואַשן.

ער קוקט זיך אום, זוכט אָפּ דאָס האַנטפּאַס, און גייט צו.

אַ דינסט טראָגט דערווייל אַריין אַ קאָכעדיקע וואַזע.

עוזר שיקט ווייטער צום ווייב אַ צאָרנדיקן בליק.

— טראָג דערווייל צוריק! קאָמאַנדירט דאָס ווייב, געקומען אַ גאַסט.

די דינסט וואַרפט אַ קרום אויג אויפן דלות און גייט צוריק.

---

נאָכן עסן און נאָכן בענטשן מזומן, האָט מענדל־דלות אַרויסגעיאָגט די ווייבער פון שטוב מיטן בייסנדיקן רויך פון זיין ליולקע־ציבעק. ער שמייכלט פאַרגעניגט און קוקט זיך אום און דערזעט וואָס ער זוכט — די קאַנאַפּע. דער קאָפּ איז אים שווערלאַך; שוין לאַנג אַזאַ שווערן מאָגן נישט געהאַט. ער הייבט זיך שווער אויף פון שטול, וואַקלט זיך צו און ציט זיך אויס אויף דער קאַנאַפּע.

עוזר פרעגט:

— ווילסט אַ ביסל שלאָפן?

— יאָ, איך וועל דערנאָך מיט דיר ריידן. ער געגעצט אָפּ און גיט צו: איך וועל, אם ירצה־השם, בײַ דיר זיין אַ פּאָר טאָג.

— נו, שלאָף — מאַכט עוזר אַרויסגייענדיק; די רעשט בני־בית גייט אים נאָך.

---

אין אַ פּאָר שעה אַרום איז עוזר צוריקגעקומען און געטראָפן שוין מענדלען ליגן מיט אָפענע אויגן.

— נו, וואָס מאַכסטו, מענדל? פרעגט ער אים און זעצט זיך אים צו־קאָפּנס אויף אַ שטול.

— אַזוי, ענטפערט מענדל, האָסט נישט אַ גלאָז טיי?

עוזר קלינגט און באַשטעלט בײַם ווייב, וואָס ווייזט זיך אין טיר, דעם סאַמאָוואַר.

מענדל געגעצט.

— וואָס טוסטו, אייגנטלאַך, דאָ? פרעגט דער גביר.

— וואָס איך טו דאָ, ווילסטו וויסן? חזרט מענדל־דלות איבער די שאלה — כ'מאַך חתונה! —

— דיין שמערלען?

— ניין, כ'האָב נאָך אַן עלטערע טאָכטער...

— אַזוי?

— ווי דען...

— נו?

— נו נו! דאַרף מען... פאַרשטייסטו, נדן...

— בײַ מיר האָסטו שוין אַ פינף און צוואַנציקער!

מענדל זעצט זיך אויף:

— איך לאַך אויס דיין טאַטן!

— וויפיל דען, מיינסטו?...

— וויפיל איך מיין? איך דאַרף פינף הונדערט רובל!

— פינף הונדערט רובל? וואונדערט זיך דער מיליאָנער.

— כ'האָב צוגעזאָגט!

— נו? און אַז מען זאָגט צו?

— שוטה! דאָס האָב איך שוין בײַם צוזאָגן געמיינט, מאַכט זיך אָבער אַ מעשה... הער, וואָס עס קען זיך טרעפן! מיין טאָכטער ווערט... עפעס נישט בקו הבריאה... נאַ דיר אַ שמעק טאַבאַק פאַרן גאַנצן עסק... ווייס איך וואָס! נאָר — דו קענסט דאָך מאָטע שייגעץ? — איך האָב מיך מיט'ן צעווערטלט — זענ'מיר בוררים געווען — גייט ער, ימח־שמו, און שרייבט צום מחותן...

— וואָס רעדסטו? פאַרקרימט זיך ר' עוזר.

— אַזוי ווי דו הערסט!

— טאַקע אַ פושע ישראל!

— פאָר איך טאַקע אַצונד צום רבין — אַ פּסק וועט ער שוין האָבן... אָבער אָפּגעטאָן האָט ער, און ווייסט, וואָס ער האָט, ימח־שמו, געשריבן? „חולי נופל" האָט ער געשריבן! מיר מעגסטו גלויבן — געוואָרפן האָט זי זיך אינגאַנצן איינמאָל, אפשר צוויי מאָל, מער, בהן צדקי, נישט!

מענדל רוט זיך אָפּ און פּיקט אַ ביסל פון דער קאַלטער לולקע.

— נאַ דיר אַ ציגאַר, מאַכט דער גביר.

מענדל נעמט, פאַררויכערט און גיט צו:

— און אַצונד, פאַרשטייסטו מיך, זאָגט דער מחותן, אַז ער וויל דאָס גאַנצע געלט.

— ס'אַ העזה פון אים! בייזערט זיך דער גביר.

— אוודאי! דער כלב, כמובן, וויל אָפּלאָזן דעם שידוך! וויל ער נאָך מיינער פּטור ווערן אָן חצי־נדן־קנס!

— קיין נאַר נישט! שפּאַסט דער גביר.

— איך הער אים, ווי די קאַץ! נאָר פאַרשטופּן דעם טרפהנעם פּיסק מוז איך. דאַרף איך טאַקע די גאַנצע פינף הונדערט קאַרבוינעס!

— און פאַרוואָס נאָר ביי מיר?

— חוץ מזה — פּירט מענדל־דלות ווייטער זיין זאַך — דאַרף מען חתונה־הוצאות, ווי דער סדר עולם איז... חתונה־קליידער האָב איך שוין.

— און אַלץ איך? — פרעגט נאָכאַמאָל ר' עוזר נישט זייער צופרידן — פאַרוואָס גייסטו נישט צו בערלען, צו חיימען?...

דלות ווערט בייז:

— כ'בעט דיר זייער, וואָס ווילסטו פון מיין לעבן האָבן? איך האָב כוח צו אייערע שטיינערנע גאַסן, צו אייערע טרעפּ? איך זאָל אויף דער עלטער קלינגען אונטער די טירן!

ער שטעלט זיך אויף:

— מענטשן — שפּריצט ער מיט אַ כעס — וואוינען אין גאַסן, וואָס זיינען לאַנג ווי דאָס גלות... מער טרעפּ ווי הויז... און איך לייד אויף אַסטמאַ, זאָל איך גיין! גיי דו! גענוג אומגעגאַנגען... מיין דאגה?! אַז איך האָב געהאַט, האָב איך געגעבן!

עוזר שווייגט, און מענדל זעצט זיך צוריק.

— און וואו איז דיין טיי? פרעגט ער אומגעדולדיק.

עוזר קלינגט נאָכאַמאָל און פון דער צווייטער שטוב הערט זיך דעם ווייבס תשובה, אַז עס וועט באַלד זיין.

מענדל געזעצט ווייטער.

— איך מיין באמת — מאַכט ווייטער עוזר — פאַרלאַנגסטו, איך זאָל אינגאַנצן געבן! דאַרפסט דאָך האָבן „יהדות"!

— חס ושלום — ענטפערט מענדל — נעם וואו דו ווילסט, נאָך איך גיין קאָן נישט!

— בין איך שולדיק?

— הער, עוזר! איך דאַרף 500 רובל נדן און אַ 50 רובל חתונה־הוצאות; אַ ביסל חתונה־קליידער, ווי געזאָגט, האָב איך... מיט דער רעשט וועל איך אים שוין אָנפייפן דעם אַלטן תּרח... איז בסך־הכּל — 550 רובל... פון דעם טאָר שוין קיין דרייער נישט פעלן!

עוזר שאָקלט מיטן קאָפּ; ער איז כּמעט מודה: אָבער...

— און דערויף — לאָזט אים מענדל צום וואָרט נישט קומען — האָב איך דאָס!

ער וואַרפט אַרויס פון בוזים אויף עוזרס שויס אַ פאַרפּעצט לייוונטן בייטעלע.

— ציילט, מאַכט ער.

עוזר נעמט זיך צום בייטל, קראַצט אַרויס אַ פּעקל פאַרקנוילטע באַנקאָ־צעטלען און ציילט אויס 164 רובל.

— איך האָב פאַרקויפט — פאַרטייטשט אים מענדל — די שטוב מיינע, האָב איך דאָס געלט!

עוזר פּאַקט צוריק דאָס געלט אין בייטל אַריין און וויל עס צוריקגעבן מענדלען.

— ניין — ווערט זיך מענדל אָפּ — איך האָב געשוואָלענע פיס... גיין וועל איך נישט... דאָס געלט האַלט שוין ביי דיר... איך האָב ביי דיר 550 רובל! און צייט גיב איך דיר. איך וועל דאָ זיין עטלאַכע טעג, וועסט האָבן גענוג צייט! אגב — וועל איך מיר ביי דיר אַ ביסל אָפּרוען און אָנעסן זיך — פאַרשטייסט! הכּלל — צייט האָסטו גענוג!... פאַרן אַוועקפאָרן וועסטו מיר געבן דיינס אַ שלישית אויף 500 רובל, 50 רובל מזומן אויף חתונה־הוצאות און אַ פינפער רובל צו פאָרן קיין גער. — נעמען מעגסטו ביי וועמען דו ווילסט... נישט מיין דאגה!

— נו! ברומט עוזר —

— און אין גער — מאַכט מענדל — וועל איך שוין בלייבן... ווען זיך מיר גלוסטן, וועל איך אַמאָל אַריינפאַלן צו דיר אויף אַ פּאָר וואָכן.

— נו! ברומט ווייטער ר׳ עוזר.

— שלאָפן — מאַכט מענדל — וועל איך טאַקע, אויב איך וועל קומען, דאָ, אויף דער קאַנאַפּע, אַ וואוילע קאַנאַפּע...

---

# מקובלים.

אין די שלעכטע צייטן פאַלט אַפילו תּורה — די בעסטע סחורה — אויך. פון דער לאַשציוער ישיבה איז מער נישט געבליבן נאָר דער ראש־ישיבה — ר׳ יעקל — מיט איין איינציקן תּלמיד.

דער ראש־ישיבה איז אַן אַלטער דאַרער ייד, מיט אַ לאַנגער צעשויבער־טער באָרד, מיט אַלטע, אויסגעלאָשענע אויגן; למך, זיין געליבטער תּלמיד, איז אַ יונגערמאַן, אויך אַ דאַרער, אַ הויכער, אַ בלאַסער מיט שוואַרצע געקרייזלטע פּאות, ברענענדיקע, שוואַרצע, אונטערגעשלאָגענע אויגן, פאַרברענטע ליפּן, און אַ ציטעריקן שפּיציקן גאָרגל; ביידע — מיט „אויפגעכראַשעטע" הערצער, אָן העמדער, ביידע — אין לאַכעס; דער ראש־ישיבה שלעפּט קוים נאָך אַ פּאָר פויערשע שטיוול, דעם תּלמיד אָן זאָקן פאַלן די שוסטער־שיך אַראָפּ פון די פיס. —

דאָס איז געבליבן פון דער באַרימטער ישיבה!

דאָס פאַראָרימטע שטעטל האָט אַלע מאָל ווייניקער געשיקט עסן, געגעבן טעג; זיינען זיך די אָרים־בחורים צעקראָכן! ר׳ יעקל אָבער וויל שוין דאָ שטאַרבן, און זיין תּלמיד — לייגן אים די שערבלאַך אויף די אויגן.

און זיי ביידע ליידן אויך אַמאָל הונגער. פון ווייניק עסן קומט ווייניק שלאָפן, פון גאַנצע נעכט נישט שלאָפן און נישט עסן — אַ חשק צו קבלה!

ממה נפשך — דאַרף מען אויף זיין גאַנצע נעכט און הונגערן גאַנצע טעג, — לאָז מען כאָטש דערפון אַ נוצן האָבן, זאָל כאָטש זיין: תּעניתים מיט סיגופים, זאָלן זיך כאָטש עפענען אַלע טויערן פון דער וועלט מיט סודות, רוחות און מלאכים!

און זיי לערנען שוין קבלה אַ צייט!

צונד זיצן זיי ביים לאַנגן טיש, איינע אַליין. ביי יעדן איז צונד נאָך מיטאָג, ביי זיי איז נאָך פאַר פרישטיק. זיי זיינען דאָך געוויינט דערצו. — דער ראש־ישיבה פאַרגלייסט די אויגן און רעדט; דער תּלמיד זיצט אונטערגעשפּאַרט אויף ביידע הענט מיטן קאָפּ און הערט —

— אין דעם זיינען דאָ — זאָגט דער ראש־ישיבה — אַ סך בחינות: איינער קען אַ שטיקל, איינער אַ האַלבן, איינער אַ גאַנצן ניגון. — דער רבי, ז"ל, האָט געקענט אַ גאַנצן ניגון, אַפילו מיט אַ צושפּיל! — איך (האָט ער צוגעגעבן טרויעריק) האָב קוים די זכיה צו אַ פּיצעלע, אָט אַזוי גרויס...

ער האָט אָפּגעמאָסטן אַ פּיצל פון דאַרן פינגער און האָט ווייטער געצויגן:

— עס איז פאַראַנען אַ ניגון, וואָס מוז האָבן ווערטער... דאָס איז גאָר אַ נידעריקע בחינה... עס איז פאַראַנען אַ העכערע בחינה... אַ ניגון, וואָס זינגט זיך אַליין, גאָר אָן ווערטער — אַ ריינער ניגון! נאָר דער ניגון דאַרף נאָך האָבן אַ קול... און ליפּן, דורך וועלכע דאָס גייט אַרויס! און ליפּן — פאַרשטייסטו — זיינען דאָך גשמיות! און דאָס קול אַפילו, עס איז אַן איידעלער גשמיות, גשמיות איז עס!

לאָז זיין, אַז דאָס קול שטייט אויף דער גרעניץ צווישן רוחניות און גשמיות!

נאָר סיי ווי סיי, דער ניגון, וואָס הערט זיך מיט אַ קול, וואָס הענגט אָפּ פון די ליפּן, איז נאָך נישט ריין, נאָך נישט אינגאַנצן ריין... נאָך נישט קיין אמתע רוחניות!...

דער אמתער ניגון אָבער זינגט זיך גאָר אָן אַ קול... עס זינגט זיך אינעווייניק, אין האַרץ, אין די געדערים!

אָט דאָס איז דער סוד פון דוד המלכס ווערטער: „כל עצמותי תאמרנה"... אינם מאַרך פון די ביינער דאַרף זינגען, דאָרט דאַרף זיין דער ניגון — דער העכסטער שבח פאַר גאָט ברוך הוא! דאָס איז נישט דער ניגון פון אַ בשר ודם, דאָס איז קיין אויסגעטראַכטער ניגון! דאָס איז שוין אַ חלק פון ניגון, מיט וועלכן גאָט האָט די וועלט באַשאַפן, פון דער נשמה, וואָס ער האָט אַריינגעגאָסן אין איר.

און אַזוי זינגט די פּמליא של מעלה! אַזוי האָט געזונגען דער „ייד", זכרונו לברכה!

דעם לימוד האָט איבערגעהאַקט אַ צעשויבערטער יונג מיט אַ שטריק אַרום די לענדן — אַ טרעגער. ער איז אַריינגעקומען אין בית-המדרש, אַנידערגעשטעלט אַ שיסל גריץ מיט אַ שטיקל ברויט אויפן טיש לעבן ראש-ישיבה, און מיט אַ גראָב קול געזאָגט: „ר׳ טעבל שיקט דעם ראש-ישיבה עסן!" און האָט זיך איבערגעדרייט, און, אַרויסגייענדיק, צוגעגעבן: „שפּעטער וועל איך קומען נאָך דער שיסל!"

אַרויס, דורך דעם גראָבן טרעגער-קול, פון דער געטלאַכער האַרמאָניע, האָט זיך דער ראש-ישיבה שווער אויפגעהויבן און איז, נאָכשלעפנדיק די גרויסע שטיוול, צוגעגאַנגען צום כיור זיך וואַשן.

גייענדיק, האָט ער ווייטער גערעדט, נאָר מיט ווייניקער התלהבות, און דער תלמיד האָט אים פון זיין אָרט נאָכגעיאָגט מיט די אויפגעשפּיצטע אויערן און ברענענדיקע פאַרחלומטע אויגן.

— נאָר — זאָגט ווייטער ר׳ יעקל מיט אַ טרויעריקער שטימע — איך האָב אַפילו די זכיה נישט משיג צו זיין, אין וואָס פאַר אַ בחינה דאָס איז! אין וועלכן שער דאָס קומט! זעסטו, — גיט ער שוין צו מיט אַ שמייכל, — די סיגופים מיט די צרופים, וואָס מען דאַרף דערצו, די ווייס איך, און איך וועל זיי דיר נאָך אפשר היינט איבערגעבן!

דעם תלמיד קריכן שיר די אויגן אויס; ער האַלט אָפן דאָס מויל צו כאַפּן יעדעס וואָרט; נאָר דער רבי האַקט אָפּ, ער וואַשט זיך, ווישט זיך די הענט, זאָגט „שאו ידיכם". גייט צוריק צום טיש און מאַכט, מיט ציטעריקע ליפּן, די „המוציא"...

מיט ציטעריקע דאַרע הענט הייבט ער אונטער די שיסל. די פּאַרע פאַרדעקט אים מיט אַ וואַרימען דונסט דאָס בייניקע פּנים; דערנאָך שטעלט ער זי צוריק, נעמט דעם לעפל אין דער רעכטער האַנט, און וואַרימט די לינקע האַנט

אין ראַנד פון שיסל. דערביי צעקוועטשט ער מיט דער צונג אָן די גאָלע דזיאָנסלעס די רעשט „מוציא" מיט זאַלץ.

אָנגעוואָרימט דאָס פּנים מיט די הענט, קנייטשט ער שטאַרק איין דעם שטערן, ציט צוזאַמען די בלאָנע-בלאָע דאַרע ליפּן, און הייבט אָן בלאָזן!

ביי דער גאַנצער צייט האָט פון אים דער תּלמיד קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט. און, בשעת דעם רבינס ציטערדיק מויל איז אָקעגן געלאָפן דעם ערשטן לעפל גריץ, האָט אים עפּעס אָנגעכאַפּט ביים האַרץ; ער האָט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענט און האָט זיך איינגאַנצן איינגעצויגן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אַריינגעקומען נאָך אַ יונג מיט נאָך אַ שיסל גריץ מיט ברויט:

„ר' יוסף שיקט דעם תּלמיד אָנבייסן!"

נאָר דער תּלמיד האָט נישט אַוועקגענומען די הענט פון פּנים.

דער ראש-ישיבה האָט אַוועקגעלייגט דעם לעפל און איז צוגעגאַנגען צום תּלמיד. אַ ווײַלע האָט ער מיט שטאָלצער ליבע אויפ'ן געקוקט, דערנאָך האָט ער אַיינגעהילט די האַנט אין דער פּאָלע און אָנגערירט אים דעם אַקסל.

— מען האָט דיר געבראַכט עסן, — וועקט ער אים מיט אַ פריינדלאַך קול. טרויעריק און לאַנגזאַם האָט דער תּלמיד אַוועקגענומען די הענט פון פּנים. און דאָס פּנים איז נאָך בלאַסער געוועזן, און די אונטערגעשלאָגענע אויגן האָבן נאָך ווילדער געברענט.

— איך ווייס, רבי! ענטפערט ער — נאָר איך וועל נישט עסן הייַנט!

— דער פערטער תּענית? — האָט דער ראש-ישיבה געפרעגט פאַרוואונדערט, —

— און אָן מיר? גיט ער צו מיט אַ פּרעטענסיע.

— עס איז אַן אַנדערער תּענית — ענטפערט דער תּלמיד, — עס איז אַ תּענית-תּשובה!

— וואָס רעדסטו — און אַ תּענית-תּשובה?

— יאָ, רבי! אַ תּענית-תּשובה... אַ רגע פריער, ווען איר האָט אָנגעהויבן עסן, האָב איך געהאַט אַ הרהור... עובר צו זיין אויף לא-תחמוד!

---

אין דערזעלבער נאַכט, גאַנץ שפּעט, האָט דער תּלמיד געוועקט דעם רבין. זיי זיינען ביידע געשלאָפן, זיך קעגנאיבער, אויף בענק אין קלויז.

— רבי — רבי! האָט ער גערופן מיט אַ שוואַך קול —

— וואָס איז? האָט זיך דער ראש-ישיבה אויפגעכאַפּט דערשראָקן.

— איך בין צונד געוועזן אין דער הויכער מדרגה...

— ווי אַזוי? פרעגט דער ראש-ישיבה נאָך אַ ביסל פאַרשלאָפן.

— עס האָט אין מיר געזונגען!

דער ראש־ישיבה האָט זיך אויפגעזעצט:

— ווי אַזוי, ווי אַזוי?

— איך ווייס אַליין נישט, רבי, — האָט דער תלמיד מיט נאָך אַ שוואַכערן קול געענטפערט, איך האָב נישט געקענט שלאָפן, האָב איך מיך פאַרטיפט אין אַייער שמועס... איך האָב געוואָלט דווקא קענען דעם ניגון... און איך האָב פאַר גרויס צער, וואָס איך קען נישט דעם ניגון, אָנגעהויבן וויינען... עס האָט אין מיר אַלץ געוויינט; אַלע אברים האָבן געוויינט פאַרן רבונו של עולם!

דערביי האָב איך געמאַכט די צרופים, וואָס איר האָט מיר איבערגעגעבן... אַ וואונדערלאַכע זאַך: נישט מיטן מויל, נאָר עפּעס אינעווייניק... פון זיך אַליין! ראַפּטום איז מיר ליכטיק געוואָרן... איך האָב געהאַלטן צו די אויגן, און עס איז מיר געווען ליכטיק, זייער ליכטיק, זייער שטאַרק ליכטיק!...

— אָט! בייגט זיך צו דער ראש־ישיבה.

— דערנאָך איז מיר געוואָרן פון דעם ליכט אַזוי גוט, אַזוי לייכט... עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך וועג גאָרנישט, אַז מיין גוף האָט די וואָג פאַרלאָרן, אַז איך קען פליען...

— אָט! אָט!

— דערנאָך בין איך געוואָרן לוסטיק, לעבעדיק, לאַכנדיק... דאָס פּנים האָט זיך מיר נישט גערירט, די ליפּן אויך נישט, און איך האָב דאָך געלאַכט... און אַזוי גוט, אַזוי גוט, אַזוי האַרציק, אַזוי נחתדיק געלאַכט!

— אָט! אָט! אָט! — מתוך שמחה!

— דערנאָך האָט עפּעס אין מיר געברומט, ווי אַן אָנהייב פון אַ ניגון געברומט —

דער ראש־ישיבה איז אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין באַנק און איז מיט־אַמאָל געווען ביים תלמיד: —

— נו — נו —

— דערנאָך האָב איך געהערט, ווי עס האָט אין מיר אָנגעהויבן זינגען!

— וואָס האָסטו געפילט? וואָס? זאָג!

— איך האָב געפילט, אַז אַלע חושים זיינען מיר פאַרשטאָפּט און פאַרמאַכט, און עפּעס אינעווייניק זינגט... און אַזוי ווי מען דאַרף — גאָר אָן ווערטער, אָט אַזוי...

— ווי אַזוי? ווי אַזוי?!

— ניין, איך קען נישט... פריער האָב איך געוואוסט... דערנאָך איז פוגם זינגען געוואָרן... געוואָרן...

— וואָס איז געוואָרן — וואָס?...

— אַ מין שפּילן... גלייך, להבדיל, איך וואָלט אינעווייניק אין מיר אַ פידל געהאַט, אָדער גלייך יונה כלי־זמר זאָל אין מיר זיצן און שפּילן

זמירות, ווי ביים רבין צו טיש! נאָר עס האָט געשפּילט נאָך בעסער, נאָך אידעלער, מיט נאָך מער רוחניות! און אַלץ אָן אַ קול, אָן אַ שום קול — סאַמע רוחניות!...

— וואויל איז דיר! וואויל איז דיר! וואויל איז דיר!

— צונד איז אַלץ אַוועק! — מאַכט טרויעריק דער תלמיד, — עס האָבן זיך מיר צוריק געעפנט די חושים, און איך בין אַזוי מיד, אַזוי מיד, אַזוי — מי—ד...! אַז איך...

— רבי — האָט ער ראַפּטום אַ געשריי געטאָן, זיך אָנכאַפּנדיק ביים האַרץ — רבי! זאָגט מיט מיר ווידוי! מען איז געקומען נאָך מיר! עס האָט דאָרט אין פמליא של מעלה אַ זינגערל פאַרפעלט! אַ מלאך מיט ווייסע פליגל!... רבי! רבי! שמע ישראל, שמעע... יש...

---

דאָס גאַנצע שטעטל ווי איין מענטש האָט זיך געוואונטשן אַזאַ טויט, נאָר פאַרן ראש-ישיבה איז נאָך ווייניק.

נאָך אַ פּאָר תעניתים, — קרעכצט ער, — וואָלט ער שוין געשטאָרבן „בנשיקה"!

---

# דער תענית.

אַ ווינטער נאַכט! שרה זיצט ביים „קאַגאַנעק" און שטאָפּט אַן אַלט זאַק. די אַרבעט מיט געפּרווירענע הענט גייט נישט זייער געשווינד; פאַר קעלט זיינען איר אויך ברוין און בלוי געוואָרן די ליפּן, אָפט לייגט זי אַוועק די אַרבעט און צעלויפּט זיך איבער דער שטוב צו דערוואַרימען די געפּרווירענע פיס.

אין אַ בעט אויף אַ גאַלן שטרוי-זאַק שלאָפן פיר קינדער: אין יעדער זייט צו צוויי קעפּ, איבערגעדעקט אין דער מיט עטליכע אַלטע קליידער.

וואָס אַמאָל כאַפּט זיך אויף אַן אַנדער קינד, עס הייבט זיך אויף אַן אַנדער קעפּל און רופט: עסן!

— וואַרט, וואַרט, קינדערלאַך, — טרייסט זיי שרה, אָט, באַלד וועט קומען דער טאַטע, ברענגען וועטשערע; איך וועל אייך אַלע אויפוועקן!

— און וואַרעמעס? — פרעגן די קינדער וויינענדיק — מיר האָבן דאָך נאָך קיין וואַרעמעס נישט געגעסן!

וואַרעמעס אויך!

זי גלויבט דאָך אַליין נישט אין דעם, וואָס זי זאָגט; זי זוכט מיט די אויגן אין אַלע זייטן, טאָמער וועט זיך נאָך עפּעס געפינען צו פאַרזעצן. ישטאָ!

ליידיקע, נאַסע פיר ווענט! אַ צעשפּאָלטענער אויוון! אַלץ איז נאַס און קאַלט!.... אויפן קוימען שטייען אַ פּאָר צעבראָכענע טעפּ, אויפן אויוון — אַן אַלט, אויסגעבויגן, בלעכן חנוכּה־לעמפּל; אין דער הויך אין באַלקן שטעקט אַ נאָגל—אַ זכר פון אַ הענג־לייכטער, צוויי ליידיקע בעטן אָן אַ קישן... גאָר־נישט, גאָרנישט מער!

עס האָט לאַנג געדויערט, איידער די קינדער זיינען רעכט איינגעשלאָפן. שׂרה קוקט אויף זיי מיט האַרצווייטאָק, מיט רחמנות, און טראָגט איבער די פאַרוויינטע אויגן צו דער טיר. זי האָט דערהערט טריט; שווערע טריט אויף די טרעפּ אין דער סוטערינע אַריין; קאַנען קלאַפּן, דאָ אין דער רעכטער, דאָ אין דער לינקער זייט וואַנט. אַ שטראַל פון האָפענונג באַלייכט איר איינ־געשרומפּן פּנים. זי קלאַפּט אַ פּאָר מאָל אַ פוס אָן פוס, הייבט זיך שווער אויף און גייט־צו צו דער טיר. זי עפנט, עס קומט אַריין אַ בלאַסער, איינגעבויגע־נער ייד מיט ליידיקע קאַנען.

— נו? פרעגט שׂרה שטיל.

ער שטעלט אַוועק די קאַנען, לייגט אָפּ די יאָך, זיפצט אָפּ און ענטפערט נאָך שטילער:

— גאָרנישט! גאָרנישט! מ׳האָט אין ערגעץ נישט באַצאָלט... מאָרגן, זאָגט מען... יעדער זאָגט אַלץ — מאָרגן... איבערמאָרגן... ראש־חודש...

— די קינדער האָבן כּמעט אין מויל נישט געהאַט,—מאַכט שׂרה—כאָטש גוט — זיי שלאָפן... בידנע קינדער מיינע! זי קען זיך נישט איינהאַלטן און הייבט אָן שטיל צו וויינען.

— וואָס וויינסטו, נאַר!? פרעגט דער מאַן.

— אַך, מענדל, מענדל... די קינדער זיינען אַזוי הונגעריק!...

מיט געוואַלד וויל זי איינהאַלטן די טרערן.

— און וואָס וועט זיין אונזער סוף? — קלאָגט זי זיך, — מיט יעדן טאָג ווערט ערגער!

— ערגער? ניין, שׂרה! זינדיק נישט גיט די רייד! פאַראַיאָרן איז ערגער געווען, ערגער! אויך אָן ברויט און דערצו נאָך אָן אַ דירה! די קינדער האָבן זיך בייטאָג געוואַלגערט אין גאַס, ביינאַכט—אין די הייף... היינט כאָטש אויף אַ שטרוי־זאַק, כאָטש אונטער אַ דאַך!

שׂרה האָט זיך שטאַרקער צעוויינט.

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז דעמאָלט איז איר טאַקע אינמיטן גאַס אַ קינד אַוועקגענומען. עס האָט זיך פאַרקילט, הייזעריק געוואָרן און געשטאָרבן.

— געשטאָרבן ווי אין וואַלד... (זיי צו לענגערע יאָר!) נישט געווען מיט וואָס צו ראַטעווען... מ׳שטיינס געזאָגט, נישט אַפילו די שול איינגעריסן, נישט דאָס פעלד געמאָסטן, קיין עין־הרע נישט אָפּגעשפּראָכן... אַזוי, אויס־געגאַנגען, ווי אַ ליכט!

און ער טרייסט זי.

— וויין נישט, שרה, וויין נישט... זינדיק נישט פאַר גאָט!

— אַ! ווען וועט ער שוין אויף אונז רחמנות האָבן!

— האָב אויף דיר אַליין רחמנות, לאָז דיר נישט צו אַזוי צום האַרץ! זע, ווי דו זעסט אויס! היינט צען יאָר איז געוועזן אונזער חופּה... קוק אָן דיין פּנים... ווי׳ און ווינד! דו ביסט דאָך געוועזן די שענסטע אין שטאָט!

— און דו?! דו האָסט דאָך געהייסן, געדענקסט, מענדל גבור... היינט ביסטו געבויגן אין דרייען, קראַנק... כאָטש דו האַלטסט פאַר מיר בסוד?!

— אַך, גאָט! גאָט! רייסט זיך איר אַרויס אַ געשריי.

די קינדער כאַפּן זיך אויף און בעטן: עסן, ברויט!

— חלילה! ווער עסט היינט? האָט זיך מענדל פּלוצלונג אָנגערופן.

די קינדער זעצן זיך אויף דערשראָקן.

— היינט איז אַ תּענית,—זאָגט מענדל מיט אַ פינסטער פּנים.

עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט, איידער די קינדער האָבן פאַרשטאַנען, וואָס מען רעדט צו זיי.

— וואָס פאַר אַ תּענית?—פרעגן זיי, וויינענדיק.

מענדל פאַרציילט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, אַז היינט, נאָך ביי׳ שחרית, צו קריאת־התּורה, איז אַראָפּגעפאַלן די ספר־תּורה פון שלחן.

— דעריבער—זאָגט ער—האָט מען אויף מאָרגן אויסגערופן אַ תּענית, אַפילו פאַר זייגעדיקע קינדער!

די קינדער שווייגן און ער פירט ווייטער.

„אַזאַ תּענית ווי יום־כּפּור, ווי תּשעה־באב; פון היינט פאַרנאַכט אָן!״ די פיר קינדער שפּרינגען פלינק אַרויס פון בעט און הייבן אָן באָרוועס, אין די צעריסענע העמדלאַך, צו טאַנצן איבער דער שטוב און צו רופן:

— מיר וועלן פאַסטן! פאַסטן!

מענדל פאַרשטעלט מיט די פּלייצעס דעם קאַגאַנעק, זיי זאָלן נישט זען, ווי די מוטער גיסט מיט טרערן.

— נו, גענוג! באַרואיקט ער די קינדער — גענוג! אין אַ תּענית טאָר מען נישט טאַנצן... אם ירצה השם, — שמחת־תּורה!...

די קינדער זיינען צוריק אין בעט אַריין.

פערגעסן דעם הונגער!

אַ מיידעלע הייבט אָן זינגען „אבינו מלך״, „אויפן הויכן באַרג־... אַ קעלט לויפט מענדלען דורך אַלע גלידער...

— זינגען טאָר מען אויך נישט,—מאַכט ער מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע—די קינדער ווערן שטיל און שלאָפן איין, מיד פון טאַנצן און זינגען. איינער דאָך, דער עלטערער, וואַגט זיך נאָך און פרעגט:

— טאַטע, ווען ווער איך בר־מצוה?

— נאָך ווייט, חיימל, נאָך ווייט... נאָך פיר יאָר, זאָלסט מיר לעבן און געזונט זיין...

— דעמאָלט וועסטו מיר קויפן אַ פּאָר תּפלין ?

— ווי דען ?

— אַ תּפלין־זעקעלע ?

— מן הסתּם !

— און אַ סידורל ?... אַ קליינס מיט אַ גאָלדענעם שניט ?

— מיט גאָטס הילף... בעט גאָט, חיימל !

— דעמאָלט וועל איך פאַסטן אַלע תּעניתים.

שטיל האָט ער צוגעגעבן :

— רבונו של עולם, נאָר גישט אַזוינע, ווי היינט !...

# די גאָלדענע קייט.

## אַ חסידישע פֿאַמיליען־דראַמע, אין 3 אַקטן.

(סוף פֿון 1־טן אַקט).

---

### פּערזאָנען:

שלמה.
פּנחס — זיין זון.
משה — פּנחסעס זון, שלמהס אייניקל.
מרים — משהס ווייב.
יונתן )
לאה ) משהס און מרימס קינדער, שלמהס אוראייניקלאַך.
ישראל — גבאי ראשון.
אַברהם — אַ ישיש.
עולם.
חסידים.

(דעם רבינס צימער; אַלט־פֿרענקיש־פּריציש מעבלירט. טירן רעכטס און לינקס; רעכטס — צוויי שמאָלע, פֿאַרן היימישן געברויך: איין טיר אין בית־המדרש אריין, די צווייטע צו עזרת־נשים. לינקס — אַ געוויינלאַכע טיר אין ווייטערע צימערן אריין. אין הינטערגרונט — אַ טיר און אַ גרויס ווענעציאַניש פֿענסטער צו אַ הויף־גערטל.

מוצאי שבת. שפּעט אינאָוונט. נאָך גאַרנישט אָנגעצונדן אַ ן שטוב. איבער דער דיל שפּילט אַ שוואַכע ליכט־נעץ פֿון לבנה־שיין און שניי־אָפּגלאַנצן. אין דרויסן ווערט אַלץ טריבער און טריבער און ברעכט אויס ענדע אַקט אין אַ שניי־שטורים.

פֿון רעכטס און לינקס, ווען עס עפֿנט זיך אַ טיר, הערט זיך אַן אומעטיק גערויש, אויסגעשרייען א. ד. ג.).

מרימל.

(העל־בלאַ געקליידט, נאַכטוואַנדלערישע טריט, קומט פון הויז־טיר. צום פענסטער גייענדיק, מיט אַ באַנג־שוואַכער שטים)

פאַרוואָס מאַכט מען קיין הבדלה נישט?

(דער עולם שווייגט. ישישים לאָזן אַראָפּ די קעפּ. עלטערע חסידים און מקורבים רוקן זיך אָפּ מיט שרעקיקן דרך־ארץ. חסידים ווילן אַרויסגיין פאַר דער „אשה", איינער לייגט שוין די האַנט אויף דער קליאַמקע, בלייבט דאָך שטיין).

משה.

וואָס מאַכן, די קינדערלאַך, מרימל?...

מרים

(זעצט זיך צום פענסטער צו).

אײַנגעשלאָפן...
שפּילנדיק, אויף דער דיל
אײַנגעשלאָפן...
די הענטלאַך צוזאַמענגעפּלאָכטן...
כ'האָב אונטער די קעפּלאַך
זיי קישעלאַך געלייגט,
שמייכלען זיי אין דרימל
און רייטלען זיך...
שרעקלאַך שמייכלען קינדער...

(פּויזע, פאַרקוקט אין פענסטער אַרײַן)

עס טריבט זיך דער שניי...
ווינטיק... ביימלאַך וויגן זיך,
צווייגעלאַך פאַרשנייטע ציטערן
ווי פון שרעק געטרייסלט...
און טריב און טריבער ווערט דער הימל...
פון מערב־זייט אַ וואָלקן ציט...
אומגעלומפּערט ציט ער זיך, שלעפּט זיך...
און גייט... גייט אויף אונזער הויז...

(אין צימער אַרײַן, עטוואָס העכער ווי פריער)

פאַרוואָס מאַכט מען קיין הבדלה נישט?

(די בית־המדרש־טיר עפנט זיך; אַ שטאַרקער גערויש)

משה

(אויפגעשטאַנען).

אַ פּחד באַפאַלט...
ווי דער עולם רוישט...

**מרים.**

דער עולם...
די אויסגעדאַרטע פּנימער,
די אויגן, די אויסגעהונגערטע —

**שטימען אין צימער.**

דער רבי!
דער רבי זאָל לעבן!
דער רבי!

**שלמה.**

(א זייער הויכער, גראָער, בלאַסער ייד; אויסער דער שוואַרצער שפּיציקער יאַרמולקע אויפן קאָפּ, — פּרעס־ווייס געקליידט; אַן אומגעוויינלאַך הויכער שטערן, אומגעוויינלאַך גרויס געעפנטע אויגן; מיט אַ קינדיש־נאַאיוון שמייכל איבערן איינגעשרומפּענעם, פון צער פאַרגליווערטן פּנים, וועלכן ישראל האָט די טיר געעפנט, קומט אריין, בשעת ישראל, פּנחס און אונטער זיי דער עולם האַלט זיך אָפּ ביי דער טיר; גייענדיק אין מיט צימער אריין, ווען אַלע שטעלן זיך אויף, קוקט זיך אום, — זיך אומוועגנדיק צו דער בית־המדרש־טיר)

אומזיסט אַלע רייד,
אַלע געבעטן אומזיסט.

(פּעסט)

איך מאַך קיין הבדלה נישט!

**ישראל.**

(עטוואָס נאָך דער טיר)

רבי, דער עולם פאַרלאַנגט...

**אַנדערע**

(פון בית־המדרש און אין צימער).

— דער עולם בעט!
— דער עולם פאַלט אויפן פּנים פאַר שרעק...
— האָט רחמנות!
— האָט רחמנות, רבי, אויפן עולם...

**שלמה.**

(וועלכן מרים רוקט אונטער אַ פאַטער־שטול, אָן אָנלען מיט איין האַנט אָנשפּאַרנדיק)

עולם...
דער עולם...

צוויי... דריי... פיר...
פינף מנינים קליינע...
קליינע, קליינע יידעלאַך...
אויסגעמאָגערטע,
אַיינגעשרומפּענע
יידעלאַך...
איינגעהויקערטע קומען,
קלאַפּן ביים צדיק אָן...

(טאָן-ענדערונג: צער)

געפּרוּוירענע נשמהלאַך...
הערצלאַך...
צום נר-תמיד קומען זיי,
שטעלן אויס די הענטלאַך;
אַ פּונק! אַ פּונק!
אַ נדבהלע,
אַ מופתל...
אַ נס, אַ וואונק פון יענער זייט,
און יעדעס וויל פאַר זיך,
פאַר זיך,
פאַר אייגן ווייב און קינד,
פאַר אייגן הויז-געזינד...

(פּויזע)

און דאָ—צווישן טויט און לעבן
וואַקלט זיך אַ וועלט!
אַ וועלט זינקט אין מרה-שחורה אַריין,
אַ וועלט!

(אַ פּויזע)

מרים.

(אין דער שטילקייט; צום פענסטער פאַרקוקט)

עס ציט זיך, ציט דער וואָלקן שוואַרץ...
גלייך אַ שוואַרצער פויגל שפּרייט
זיינע שוואַרצע פליגל אויס...

שלמה

אין שוואַרצן אָנגעטאָן,
אין שוואַרצן אַיינגעהילט,
די נשמה פון דער וועלט —
די שכינה ברומט.

און וויינט, טרויערט,
און ס׳צאַפּלט,
אין אייגענעם בלוט פּאַרטרונקען,
ס׳האַרץ פון דער וועלט!
(זיך אויסגלייכנדיק מיט אויסגעשטרעקטער האַנט)
אויסגעלייזט פון פּיין און שרעק
מוז ווערן — —
די וועלט!
(טאָן־ענדערונג)
איך מאַך קיין הבדלה נישט!

מרים.
צאַרניק ברוינט דער וואָלקן זיך...
אַ צאַרניק־ברוינער הימל קוקט אַראָפּ
און זיי שמייכלען דאָרט, —
קינדער זעען נישט!

שלמה.
(ביטערער)
ברוגזט זיך דער הימל!
פאַרוואָס מאַכט ער, שלמהלע,
קיין הבדלה נישט!
אָנגעפלויגן זיינען זיך
נשמהלאַך,
צוריקגערופענע פּקדונותלאַך...
צי האָבן זיך די טייבלאַך
אין דער נידער נישט באַפלעקט?
צי פעלט נישט וועם אַ פליגעלע?
נישט אויסגעצופּט אַ פעדערל? —
באַקוקן מוז מען זיי!
און צו משפּטן גרייט
שטייט דאָס בית־דין של מעלה...
אין עטרות גאָלדענע,
קרוינען ריין־בריליאַנטענע,
און זיי ווילן זעצן זיך
משפּטן און פּסקענען...
(באַרימהאַרציק)
און די נשמהלאַך — —
פלאַטערן...

ס׳ציטערן די פקדונותלאַך ...
מאימת יום הדין !
מאימת יום הדין !
(טאָן-ענדערונג)

ציטערט נישט,
פלאַטערט נישט !
שלמה מאַכט קיין הבדלה נישט...
מען וועט נישט — משפטן !
(דערשראָקענע פויזע)
(עס דערהערט זיך ווינט).

מרים.

ווינטן בלאָזן,
יאָגן זיך, טרייבן ...
אַרום הויז, אַרום הויז...
ווי זיי פייפן, ווי זיי וואָיען ...

שלמה.

כּעסט זיך, הייסט עס, ס׳גיהנם,
שיקט זיינע שליחים אַרויס!
שוואַרצע פייגל פלאַטערן אַרום אין ווינט,
דער שוואַרצער הונט אויף דער קייט
וואַרפט זיך דאָרט!
שבת קודש איז אַריבער
דער סמבטיון שלאָגט,
און שלמה האָט זיך איינגעשפּאַרט,
הבדלה מאַכן — וויל ער נישט.
קעסלען — אונטערגעהייצט ;
קאָכן זיי,
זידן זיי ...
רויטיקע פלאַמען הייבן זיך, וויקלען זיך,
פעטע, ברענענדיקע כמאַרעס ...
„קומט צוריק, רשעים !
„אויף שרעק און פּיין,
„אויף יסורים רעים,
„אויף ענוים קשים...
„פאַרוואָס קומט איר נישט צוריק ?"
און די אָרימע נשמהלאַך,
די פאַרפלעקטע, די פאַרזינדיקטע, —

אַז שבת קודש לעשט זיך אויס,
ווייסן זיי
און ציטערן ...
און צעפּען זיך
און כאַפּן זיך
מיט די שוואַרצע פליגעלאַך,
מיט אויסגעפּוצטע פעדערלאַך
צו די נעפּאַלאַך,
און קלאַמערן, קלאַמערן זיך
מיט די צאַפּלדיקע הערצעלאַך
צו די וואָלקנדלאַך,
און ציטערן ...
ציטערן!

(טאָן-ענדערונג)

ציטערט נישט!
צאַפּלט נישט ...
פליט אַיין, פראַנק און פריי אַרום —
וואו איר ווילט,
וואו אַ ווינטל טראָגט —
איך מאַך קיין הבדלה נישט!

אַרומיקע.

(אין שרעק)

— און וואָס וועט זיין?
— רבי, וואָס וועט זיין?

שלמה.

שבת זאָל זיין, — שבת!
מיט צוואַנגען האַלט איך שבת אַיין!
נישט געפּסקנט, נישט געשטראָפט!

(פּויזע)

עס הענגט אין דער הייך דאָרט אַ וואָג,
פאַרן כסא הכבוד ...
וויגט זיך, וויגט זי זיך די וואָג...
ס'צינגעלע צאַפּלט, צאַפּלט ...
אַ מצוהלע טוט אַ ייד
און — אַן עבירהלע ...
שטעלן קען זי זיך נישט ...

נישט כּולו חייב,
נישט כּולו זכּאי —
צאַפּלט זי...
און אל רחום וחנון קוקט;
העלפן קען ער נישט...

(פּויזע)

און זיצט ער, משיח,
אין די טויערן פון רוים
און וואַרט.
גיין קען ער נישט...
די וואונדן היילן זיך נישט...
ער בינדט זיי אויף,
ער בינדט זיי צו —
און גיין, לייזן אויס די וועלט
קען ער נישט!
און קיין כּוח צו וואַרטן איז נישטאָ...
אין מרה־שחורה זינקט אַריין די וועלט!

(אויפשטייענדיק, מיט קראַפט)

אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט!

(פון וואוינונג קומען אריין לאה און יונתן, זיך האלטנדיק ביי די הענט; קיינער באמערקט זיי נישט. פארוואונדערט און עטוואָס צעשראָקן בלייבן זיי שטיין אין טיר).

שטילע שטימען אין צימער.

ווי אַזוי, ווי אַזוי?

שלמה.

(נאָך פעסטער)

שבת זאָל זיין!
שבת!
נישט געאַקערט,
נישט געזייט,
נישט געבויט און נישט פאַרריכט...
נישט געהאַנדלט, נישט געוואַנדלט

היימישער חסיד.

חרוב זאָל ווערן די וועלט?

שלמה.

חרוב זאָל ווערן די וועלט!
און מיר —

מיר שבתדיקע,
מיר יום־טובדיקע,
מיר נשמה־יתרהדיקע יידן,
וועלן איבער אירע חורבות גיין...

**מרים.**

וואו אַהין?
רבי, וואו אַהין?

**שלמה.**

צו אים, צו אים!
זינגענדיק און טאַנצנדיק וועלן מיר גיין
צו אים!

(פויזע. עקסטאַז).

זינגט מיט מיר!
טאַנצט מיט מיר!

(עס ווערט זייער שטיל. שלמה הייבט אָן טאַנצן ארום זיך. אין דער שטילקייט הערט זיך דאָס קלינגען פון הענגל־לאָמפּ — ישישים ווילן מאַכן ארום רבין אַ ראָד, ווינקען צו די זקנים — יענע וויגערן זיך. ישישים טאַנצן גישט־געשלאָסן. יונתן און לאה — מיטגעריסן רוקן אָפּ דעם טיש און די שטולן פון הינטער די פענסטער, נעמען אָן די מוטער ביי די הענט און טאַנצן קעגנאיבער די ישישים צוויי האַלבע רעדער־טיילן. משה קוקט אויף אַלעם אַבוועזנדיק — חסידים שלייכן זיך שטיל פון צימער ארויס אין בית־המדרש אריין. — מרים לאָזט אָפּ די קינדערס הענט, כאַפּט־אויף איין עק פון שלמהס גאַרטל, טאַנצט ארום אים פאַרחלומט, עטוואָס גליקלאַך פאַרשעמט, צנועהדיק און פריילאַך, ווי אַ כלה־טאַנץ. די קינדער נעמען זיך קעגנזייטיק אָן ביי די הענט, טאַנצן באַזונדער. דער הענגל־לייכטער קלינגט וואָס אַמאָל שטאַרקער).

**לאה.**

זע, זע — די מאַמע שטראַלט,
גלייך די שכינה רוט אויף איר.

**יונתן.**

אויפן עלטער־זיידן קוק,
ווי אַ מלאך —
אין דער קדושה איינגעהילט — —

**שלמה.**

(מערקט עס נישט, שטעלט זיך זעלבשטענדיק אָפּ)

און אַזוי!
אַזוי גייען מיר,
זינגענדיק און טאַנצנדיק...
מיר, גרויסע, גרויסע יידן,
שבת-יום-טובדיקע יידן,
די נשמות פלאַקערן!
פאַר אונז וואָלקן — שפּאַלטן זיך!
הימלען — פראַלן ד׳טויערן אויף!
אין ענן-הכבוד שווימען מיר אַ ר י י ן.
צום כסא הכבוד צו,
צום כסא הכבוד!
אויפן אבן שיש טהור
שטייען מיר!
און מיר בעטן נישט,
און מיר בעטלען נישט,
גרויסע שטאָלצע יידן זיינען מיר —
זרע אברהם... יצחק, ויעקב!
לענגער וואַרטן נישט געקאָנט!
שיר השירים זינגען מיר,
זינגענדיק, טאַנצנדיק גייען מיר!

**מ ר י ם.**

(לאָזט אָפּ דעם בארטל, לייגט זיך די הענט אונטערן קאָפּ, בויגט אים עטוואָס צורוקער; מיט שטראַלנדיקע אויגן, קלאָר-בעט-קלאָר, מיטן טראָפּ)

ישקני מנשיקות פיהו...
כי טובים — — דודיך — — מיין!

(פויזע. שטילער אומבאַוועגלאַכער עקסטאַז.)

**י ש ר א ל.**

(עפנט ראַש פון יענער זייט די בית-המדרש טיר. אַ פּאַס ליכט פליסט אריין, אָפּשניידנדיק).

גוט-וואָך, יידן!

**ש ל מ ה.**

(פאַלט צוריק אויף דער שטול)

נישט דערלאָזט!

**א ב ר ם.**

ווער האָט מורד במלכות געווען?

**ישראל.**

**פנחס האָט הבדלה געמאַכט,**

(אקצענטירנדיק)

**ר׳ פנחס!**

**שלמה.**

(זיך אויפהייבנדיק)

**מיין זון, מיין שוואַרצער זון...**

(אין בית־המדרש־טיר באַווייזט זיך פנחס, אונטער אים עולם.)

**ישראל.**

(אָפּטרעטנדיק אָן א זייט, שלמה זאָל זען דעם עולם).

**דער עולם האָט געבעטן!**

**דער עולם האָט פאַרלאַנגט,**

**געהייסן האָט דער עולם —**

(פויזע. שלמה גייט זייער לאנגזאם אָפּ צו זיך, פנחס קומט, אין דערזעלבער מאָס אין שטוב אריין.)

**ישישים און עלטערע חסידים.**

(מורמלען)

**רב פנחס, רב פנחס...**

(מרים פירט אָפּ שלמהן אין צימער אריין. ישישים מיט אראָפּ־געלאָזטע קעפּ גייען, פינסטער שווייגנדיק, נאָך. לאה און יונתן גייען, זיך ביי די הענט האלטנדיק, אונטער די ישישים. יונתן קוקט זיך אינם גייען אום, דערזעט פנחסן, רייסט פלוצלונג אויס די האנט פון לאהן, גייט צוריק אין צימער אריין. עלטערע חסידים שטעלן זיך אָן ביידע זייטן טיר און קערן זיך אום מיט די פנימער אין צימער אריין. פנחס גייט צום פּאָמער־שטול, אונטער אים ישראל איז די אנדערע גבאים. דער עולם הייבט זיך אָן צו באַוועגן, מיט האָפענונג און שרעק, אין צימער אריין.)

**ישראל.**

(צו פנחסן, וואָס ווייגערט דעם פּאָמערשטול צו פאַרנעמען)

**זעצט אייך, רבי...**

(אלע ציטערן אויף, פנחס זעצט זיך זייער לאנגזאם).

(פאָרהאנג).

---

# ביים גוסס צו קאָפּנס.

דער שמש פון גן-עדן — אַ ליכטיקער מלאך — אַן אָפּגלאַנץ פון זיין ליבן נאָמענס שטראַלנדיקער געגאָד, קומט איין מאָל פאַרנאַכט פון גן-עדן אַרויס און עפנט, צערודערט און פאַרזאָרגט, אַ פענסטערל פון הימל, בויגט אַרויס דעם שטראַלנדיקן קאָפּ און ווענדט זיך מיט אַ טרויעריקער, ציטער-דיקער שטימע צו דער אונטערגייענדיקער זון און פרעגט:

— ווייסטו נישט, זון, וואָס ביי לייבל קאָנסקיוואָלער טוט זיך?

די זון שווייגט; זי ווייסט נישט.

נאָך אומרואיקער ציט דער מלאך זיין שטראַלנדיקן קאָפּ צוריק.

און נישט אומזיסט איז אומרואיק דער מלאך.

שוין מכמה וכמה שנים רוישן צוויי מאָל אין טאָג אַלע זיבן הימלען מיט לייבל קאָנסקיוואָלערס „שמע ישראל"...

ווי אַ זילבערנער שרויט צעשיט זיך זיין „אֶחָ— — —ד" צופוסנס ביים כסא הכבוד... און עס קאָלערט זיך דער „אחד" און זומט, און ברומט, און זידט, ווי אַ מחנה זומער-פייגלאַך, וואָס גלוסט און בענקט צו דער פלאַם, ווערט צוגעצויגן צו איר און בריט זיך און ברענט אין איר, מיטן גרעסטן תענוג פון „יסורים של אהבה"...

דאָס לעצטע מאָל האָט ער אים צו שחרית געהערט.

צו מנחה האָט ער שוין געפעלט!

אין געבעט און לויב-געזאַנג פון אַלע וועלטן איז דעריבער אַ פּגימה געוועז...

אין אָרקעסטער איז פּלוצלונג שטיל געוואָרן אַ כלי; אַ סטרונע ביי אַן ערשטער פידל האָט געפּלאַצט און איז פאַרשטומט געוואָרן.

צי האָט לייבל קאָנסקיוואָלער פאַרגעסן צו דאַוונען מנחה?

וועט ער זאָגן צוויי שמונה-עשרהס ביי מעריב?

נידעריקער לאָזט זיך דערווייל אַראָפּ די זון. די שטיל באַהאַלטענע שאָטנס קריגן רשות, אַרויסצוקומען פון זייערע באַהעלטענישן, — און זיי קריכן אַרויס פון די שפּאַלטן אין די פעלזן ביי ימים, פון גריבער און היילן אין וויסטע מדבריות, פון אונטער ביימער און צווישן צווייגן און בלעטער אין די טיפסטע וועלדער... און זיי פאַרשפּרייטן זיך איבערן ישוב און פלעכטן זיך אַרום און אַרום...

און אָט איז אַראָפּ די זון אינגאַנצן. לבנה און שטערן בלאַנקען שטיל-שווייגנדיק אויף און נעמען איבער די ממשלה איבער דער וועלט אויף איבער

נאַכט... און זיי שפּינען און וועבן זייער פּאַרכּישופטע שפּינוועבס — אַ זילבער-דיגע נעץ איבער דער פאַרמאַטערטער ערד ...

און גלייך מיט דער זון איז איבערן הימל פאַרזונקען געוואָרן די חיה מיט דער אויפשריפט „אמת" אויפן שטערן, און צוזאַמען מיט דער לבנה איז אַרויסגעשוואומען פון דער צווייטער זייט די חיה מיט דער זילבערנער טרעסט אויפן שטערן און מיט דער אויפשריפט „אמונה" ...

און באַלד עפענען זיך שטיל-שווייגנדיק די טויערן פון הימל, און לאָזן אריין גאַנצע מחנות נשמות פון איינגעשלאָפענע מענטשן, וואָס קומען נאַכט אויף נאַכט אַרויף און פאַרשרייבן אין די הייליקע ביכער, ווי אַזוי עס האָט זיך אָפּגעלעבט דער טאָג ...

און עס סקריפּן די פעדערן, און עס רוישן מיליאָנען — מילאַסן פליגל, טייל ווייסע ווי שניי, ס'רוב גרויע און פאַרפלעקטע, מאַנכע אויך רויט פאַר-בלוטיקטע ...

און אַלע זיבן הימלען ווערן פול מיט אַ געמישט גערויש פון געבעט, חרטה, בענקעניש, ליבשאַפט, האָפענונג און שרעק ... און פלוצלונג בלייבט אַלץ ווי פאַרשטאַרט.

אַרום כסא הכבוד וויקלט זיך שטיל אַ זילבערנער נעפּל. וויקלט זיך און וויקלט זיך און ווערט טונקעלער און טונקעלער ...

און פון אונטערן נעפּל הערט זיך אַ ברומען ווי פון אַ טויב:

„וויי איז מיר, וואָס איך האָב חרוב געמאַכט מיין הויז ...

„וואָס איך האָב פאַרברענט מיין פּאַלאַץ ...

„וואָס איך האָב פאַרטריבן מיין זון, מיין איינציקן זון" ...

און אַ שוידער פון רחמנות גייט דורך אַלע זיבן הימלען ...

און עס ווערט ווייטער שטיל, אַלץ האָט זיין אָטעם פאַרהאַלטן, וואַרטנ-דיק ווי אויף אַ נס, אויף עפּעס אַ וואונדער, אויף אַ בשורה אַ נייע ...

עס איז אָבער גאָרנישט געשען ...

עס דערהערט זיך פון אונטן אַ קול: עס קרייט דער האָן.

פון כסא הכבוד גייט אָפּ דער נעפּל, דער פאַרכּישופטער שוידער פּלאַצט און צערינט ... עס עפענען זיך ווייטער די פענסטער פון הימל, די נשמות פליען צוריק אַרויס ... מלאָכים מיט בריליאַנטענע פלעדערווישן יאָגן אַרויס די פאַרשפּעטיקטע, די פאַרציטערטע, פאַרוויינטע און טיף דערשראָקענע...

עס דויערט נישט לאַנג, און מען הערט ווי מען קלאַפּט אונטן צו חצות ...

באַלד הייבט אָן בלאַס און בלאַסער צו ווערן דער צייכן „אמונה" אויף דער זילבערנער טרעסט. אַ דינער, רויטלאַכער שטראַל וועקט זיך פון מזרח-זייט ...

דער גן-עדן-שמש וועקט זיך ווי פון אַ טיפן חלום, גייט צו און עפנט

נאָכאַמאָל אַ פענסטערל אין הימל, בויגט אַרויס דעם קאָפּ און רופט, פרעגנדיק:

— לבנה און שטערן, איידער איר פאַרשווינדט, צי קענט איר מיר נישט זאָגן, וואָס עס האָט מיט לייבל קאָנסקיוואָלער פּאַסירט?

און דעמאָלט האָט זיך גאָלדן-צעפלאַקערט אַ קליין שטערנדל פון ווייטן, איז צוגעשוואומען צום פענסטערל און האָט געענטפערט:

— איך ווייס, ליכטיקער מלאך!

איך בין דורך קאָנסקיוואָלע געשוואומען און האָב אין זיין פענסטערל אַריינגעקוקט... ער שטאַרבט, לייבל קאָנסקיוואָלער... אַן אַלטער מאַן... זיין ווייסע באָרד איבער דער קאָלדרע בלאַנקט ווי ריין זילבער... נאָר דאָס פּנים איז איינגעשרומפּן און געל... איך האָב געזען, ווי מען האָט אים אַ פעדער אונטער די נאָזלעכער געלייגט; איך האָב אָבער נישט געזען, זי זאָל זיך רירן.

און דער מלאך, דער שמש פון גן-עדן, האָט ביי קיינעם קיין רשות ניט גענומען, על דעת עצמו איז ער אַראָפּגעשאָסן אויף דער ערד נאָך לייבל קאָנסקיוואָלערס נשמה.

עס וועט אַן אומגעריכטע פרייד זיין אין גן-עדן.

אַזוי האָט ער געטראַכט

---

פלינק פליען מלאָכים, — נאָר — די שוואַרצע ווי די ווייסע...

און אַז דער ליכטיקער מלאך איז אַראָפּגעקומען, האָט ער שוין גע-טראָפן אַ פינסטערן מלאך ביים גוסס צוקאָפּנס...

צי איז דער פינסטערער פריער אַרויס, צי האָט ער צו אונז אַ קירצערן וועג? ווער ווייסט?

— וואָס טוסטו דאָ? וואונדערט זיך דער ליכטיקער מלאך, דער-שראָקן. עס איז דאָך לייבל קאָנסקיוואָלער!

— איז וואָס? לאַכט דער שוואַרצער. און צוויי שורות ווייסע ציין בליצן אים אַרויס פון אויסגעקרימטן מויל...

— דאָס איז מיין נשמה! איך בין שמש פון גן-עדן.

— זייער אָנגענעם! מאַכט דער שוואַרצער אַ העויה; איך בין נאָר אַ לאַפּיטוט פון גיהנם, נאָר לאָמיר זען!

און ער גיט אַ שאַר מיט אַ פוס אונטערן קראַנקנס בעט, און עס רוקט זיך אַרויס אַ פאַרבונדענער זאַק.

— וואָס ליגט דאָ אין זאַק?

— טלית ותפילין, וויל דער גוטער מלאך טרעפן.

— אונטערן בעט באַהאַלטן? עברות באַהאַלט מען!

און ער בויגט זיך אַראָפּ צום זאַק און בינדט אים אויף, און עפנט אים, און דערלאַנגט אים אַ שטויס מיטן פוס — אַ גאָלדענער גלאַנץ וואַרפט זיך

איבער דער שטוב, אַ גאָלדענער קלאַנג לויפט אים נאָך — גאָלדענע רענדלאַך שיטן זיך אויס...

— גנבה-געלט, גזלה-געלט! רופט אויס דער שווארצער מלאך. אויסגע-נאַרט ביי נישט קלוגע, געזרויבט ביי אַלמנות, געגזלט ביי יתומים, פון צדקה-פושקעס אַרויסגענומען... מיט בלוטיקע טרערן זיינען זיי געוואַשן און האַר-ציקע בלוט-פלעקן קלעפן אָן זיי... און זע, ווי ער וועקט זיך, אַז מען רירט זיין גאָלד!

מיט פאַרשלאָסענע אויגן וואַרפט זיך דער גוסס...

פאַרציטערט בלייבט דער ווייסער מלאך און פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיט דער ערשטער פּאָר פליגל... דורך אַ שפּאַלט פון לאָדן רייסט זיך אַריין אַ שטראַל פון דער מאָרגנדיקער זון, ער פאַלט איבערן גוססעס ברעמען — זיי ציטערן.

צום לעצטן מאָל עפנט ער האַלב די אויגן אויף:

— ווער איז דאָ? פרעגן די פאַרשעמטע, פאַרגעלטע ליפּן מיט אַ שאָרך פון אַ פאַרפוילטן בלאַט...

— איך! ענטפערט דער שלעכטער מלאך: איך, וואָס איך בין נאָך דיין נשמה געקומען... קום!

— וואו אַהין?

— אין גיהינם אַריין!

פאַר שרעק פאַלן דעם גוסס צוריק די אויגן צו.

— בעט, בעט גאָט! רופט דער גוטער מלאך: טו תשובה... עס איז נאָך צייט... זיי מפקיר דיין גאָלד...

— שמע... הייבט דער גוסס אָן.

— ער וועט ניט מפקיר זיין! זאָגט דער שלעכטער מלאך און לייגט זיין שווערן, שוואַרצן פליגל איבערן גוססעס פּנים, און אונטערן פליגל ווערט דאָס קול צוזאַמען מיטן גוסס דערשטיקט.

דער ווייסער מלאך רוקט זיך צוריק אָפּ פאַרשעמט.

---

אין אַ פינסטערער, פאַרגאָסענער האַלבער נאַכט, צווישן געריוש, געשריי און געפּילדער אין גיהינם, שניידט זיך דורך אַ שאַרף-שניידנדיקער באַפעל:

— נחמנקע פון זבאַראַש גייט אויס... ער פלעגט זיך שניידן די נעגל נישט איבערגעהיפּט, אַוועקוואַרפן... נישט איין מאָל פאַרגעסן מנחה צו דאַווענען, — ווער גייט נאָך זיין נשמה?

— איך! — רופט זיך אָן אַ מלאך-חבלה!

— גרייט דערווייל צו אַ קאָכנדיקן קעסל סמאָלע.

ער שפּרינגט אונטער און פליט אַרויס פון גיהינם...

געשווינד פליען שלעכטע מלאכים, צום גליק אָבער גוטע אויך; די גוטע זיינען אפשר ווייטער פון אונז, נאָר דאָס גרעסטע רחמנות טראָגט זיי...

און אַז דער מלאך־חבלה איז צום קראַנקנס בעט געקומען, האָט ער שוין צוקאָפּנס אַ ווייסן גוטן מלאך געטראָפן. ער איז געזעסן און האָט געטרייסט:

— שרעק זיך נישט, אָרימער מענטש, פאַרן טויט... עס איז נאָר אַ בריק, אַ קורצע גרעניץ צווישן פינסטערקייט און ליכט... פון זאָרג און אומרו אַן איבערגאַנג צו רו און און גליק...

נאָר דער קראַנקער, דוכט זיך, הערט נישט. ער איז פאַרטראָגן, און די פלאַמענדיקע אויגן בלאָנדזשען אַרום אויף די ווענט...

און דער שוואַרצער מלאך בלייבט שטיין ביי דער טיר און קוקט פאַרוואונדערט...

— האָסט נישט קיין טעות, חבר? פרעגט ער דעם ליכטיקן מלאך.

— ניין! ענטפערט דער גוטער: איך בין געשיקט געוואָרן נאָך דער נשמה, נאָך דער ריינער באַרימהערציקער נשמה; דו קענסט איבער איר קיין שליטה נישט האָבן!

— ער האָט נישט על־פּי דין די נעגל געשניטן!...

— איך ווייס, האָקט אים איבער דער גוטער מלאך; נאָר דערפאַר קיין איינציקע רגע פאַר זיך נישט געלעבט... נאָר פאַר שוואַכע און קראַנקע, פאַר אַלמנות און יתומים. פאַר פאַרפינסטערטע, פאַרוואָגלטע, פאַרמאַטערטע...

— ביי אונז אין בוך איז פאַרשריבן, וויפיל מאָל ער האָט מנחה פאַרפעלט...

— נאָר קיינמאָל נישט פאַרפעלט, ווען מען האָט געדאַרפט עמיצן העלפן. קיינמאָל נישט פאַרגעסן צו טרייסטן, צו האַרציקן און צו קרעפטיקן דאָרט, וואו די פליגל זיינען אַראָפּגעפאַלן מיד, וואו די גאַל האָט געזאָלט די ריינסטע נשמה פאַרגיסן, וואו די לעצטע האָפענונג האָט זיך געדאַכט, איז פאַרשוואונדן... ער האָט זיך קיין הויז נישט געבויט... דאָס דאַך איבערן קאָפּ נישט פאַרריכט. זיין בעט זיך נישט ווייך געבעט, קיין ליבשאַפט ביי קיין פרוי נישט געזוכט, אויף קיין נחת פון קינדער נישט געהאָפט... נאָר אַלץ פאַר אַנדערע... ווייל אַלע אַנדערע האָט ער געהאַלטן בעסער פאַר זיך...

שוואַרצע וואָלקן ציען זיך אין דרויסן איבערן הימל... אויף אַ רגע שניידט זיי דורך אַ בליץ, נאָר ער ווערט פאַרלאָשן און נאָך פעסטער ציען זיך, נאָך ענגער שליסן זיך צוזאַמען די דיקע, פינסטערע וואָלקנס.

דער בליץ האָט צום לעצטן מאָל דעם גוסס געוועקט.

— ווער איז דאָ ביי מיר? ווער זיצט מיר צוקאָפּנס? פרעגן די פאַרברענטע ליפּן.

— איך, איך, אַ ליכטיקער מלאך, פון זיין ליבן נאָמענס ליכטיקער

פמליא... און פון זיין ליבן נאָמען נאָך דיין נשמה געשיקט!... קום מיט מיר!

— וואו אַהין? פרעגט דער קראַנקער.

— צום הימל אַרויף, אין גן־עדן אַריין!

— הימל... גן־עדן... שטאַמלט נאָך דער גוסס אין היץ: און ווי אַזוי לעבט זיך דאָרט אין הימל, אין גן־עדן דאָרט?

— גוט... פון גאָטס גענאָד באַשטראַלט, אין גלאַנץ פון כסא הכבוד... מיט גאָלדענע קרוינען אויף די קעפּ...

— גלאַנץ... גאָלד... קרוינען... שטאַמלט דער גוסס נאָך: וואָס וועל איך דאָרט טאָן?

— וועסט נישט דאַרפן טאָן... דאָרט איז אייביק רו, אייביק ליכטיקער בחת, אָן אויפהער שטראַלנדיק גליק... קום!

— אָבער וואָס וועל איך דאָרט טאָן? דרייט זיך מיטן לעצטן כוח דער גוסס אויס צום מלאך: איז דאָרט דאָ וועמען צו העלפן, געפאַלענע אויפצוהויבן, קראַנקע צו היילן, הונגעריקע צו זעטיקן, דאָרשטיקע די ליפּן צו נעצן, פאַרלוירענע צו זוכן און געפינען? דאָס איז דאָך מיין גליק געווען!...

— ניין, דאָס נישט! — ענטפערט מיט אַ נישט זיכער קול דער מלאך: דאָס איז דאָרט נישט פאַראַן, דאָרט וועט קיינער נישט דאַרפן דיין הילף...

— און וואָס וועל איך דאָרט טאָן, מלאך? דאָרט, וואו קיינער ברויך מיין נשמה נישט, מיין האַרץ נישט; נישט מיין רחמנותדיקע טרער אין אויג, נישט מיין וואָרט צו טרייסטן פון מויל, און נישט מיין האַנט, אויפגעהויבן צו ווערן פון גרוב?

דער שלעכטער מלאך הערט און שטעקט אַרויס די צונג און באַלעקט זיך... אַ חוזק־שמייכל לייגט זיך אים איבערן מויל פון אויער צו אויער... ער עפנט דאָס מויל און צוויי שורות ווייסע ציין בליצן אויף אין דער פינסטערער שטוב...

און צערודערט זיצט דער ליכטיקער מלאך און ווייס נישט, וואָס צו ענטפערן דעם גוסס...

— וואָס פאַרט, מלאך! וואָס פאַרט?

און דער גוטער מלאך דרייט זיך אויס צום פענסטער און קוקט אַרויס צום הימל און וואַרט פון דאָרט אַן עצה און אַ ראַט... נאָר פאַרשלאָסן איז דער הימל; אָן אַ וואָרט, אָן אַ שטראַל, אָן אַ פונק... און עס יאָגן אָן אַלץ נייע און נייע, אַלץ שווערערע און שווערערע וואָלקנס — אַ שאָטן פאַלט איבערן ליכטיקן מלאכס פּנים, דער הימל זעט אויס האַרט און בייז, אָן רחמנות זעט ער אויס, ער האָט אים נאָך קיינמאָל אַזוי נישט געזען... ער בלייבט פאַרציטערט.

מיט דער ווילע באַנוצט זיך דער שלעכטער מלאך און געגעוענט זיך צום בעט פון דער צווייטער זייט.

— קום בעסער מיט מיר, רוימט ער אַיין דעם גוסס.

— וואו אַהין ?

— דאָרט, וואו דיין האַרץ געלוסט... צו די אומגליקלאַכע, הונגעריקע, לעפּצנדיק־דאָרשטיקע... צו די פאַרחלשטע און פאַרמאַטערטע, צו די פאַר־לוירענע, פאַרשאָלטענע, צו די פון גאָט פאַרגעסענע... העלפן וועסטו נישט קענען, אָבער, צוזאַמען ליידן, מיטפילן...

— איך גיי! איך גיי! רופט דער קראַנקער אויס מיט קראַפט — — —

און דער ווייסער מלאך איז אַוועק מיט ליידיקע הענט.

# צו די לערער.

דעם לערער, וואָס גייט דורך אין שול די ווערק פון י. ל. פּרץ, קומט אויס אויף יעדן שריט זיך אָנשטויסן אויף דער מניעה, וואָס פּרצעס ווערק זיינען צעוואָרפן כמעט איבער צענדליקער בענד און זאַמלביכער, וועלכע זיינען טיילווייז גאָר אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן פון ביכער-מאַרק. צוליב דעם האָט דאָס שטודירן דעם גרעסטן און פילפאַרביקסטן צווישן די יידישע קלאַסיקער געמוזט טראָגן אַ צופעליקן און כאַאָטישן כאַראַקטער.

די וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט דאָס בוך, וואָס ווערט דאָ פאָרגעלייגט דעם לעזער, האָבן זיך געשטעלט אַ צוועק צו באַזייטיקן אָט די שוועריקייט, שאַפן אַ בוך, וואָס זאָל אַנטהאַלטן דעם תּמצית, דעם אויסוואַל פון פּרצעס ווערק. אַזאַ בוך דאַרף, אויף וויפיל ס'איז מעגלאַך, געבן אַ גאַנצע פאָרשטעלונג וועגן אַלע זייטן פון פּרצעס שאַפונג און דערביי זיין נישט גרויס און באַקוועם אויף צו לערנען אין די שולן. עס איז נישט גרינג צו געבן אַ פולע פאָרשטעלונג וועגן פּרצעס שאַפונג: קיין שום שריפטשטעלער אין אונזער ליטעראַטור איז נישט אַזוי רייך אין פאָרמען און אידעען, ווי פּרץ. ביי אים געפינען מיר אַ רייכע גאַמע פון פאַרשיידנאַרטיקע ליטעראַטור-פאָרמען, אָנהייבנדיק פון „טראַדיציאָנעלן" רעאַליזם, דורך דעם אימפּרעסיאָניסטיש-פּסיכאָלאָגישן עטיוד, ביז צום אַבסטראַקטן סימוואָליזם. ביי אים האָבן מיר אַ טיפע באַנעמונג פון וועלט-פּראָבלעמען, וועלכע ער באַהאַנדלט מיט אַ טיפער פילאָסאָפישער קלאָרקייט און דערביי אַ עכט-קינסטלערישן טעמפּעראַמענט. אָבער ביי דער גאַנצער פילפאַרביקייט געפינען מיר אַ אינערלאַכע איינהייט: איבער אַלעמען שוועבט פּרצעס גרויסער און אייביק-באַוועגלאַכער גייסט, וואָס באַלעבט אַלץ און איז *אײנער* אין אַלע לבושים, וועלכע ער האָט פאַר זיך אויסגעקליבן.

מיר האָבן זיך געסטאַרעט געבן מוסטערן פון יעדער *אַרט* פון פּרצעס שאַפונג. פון אָנהייב האָבן מיר געשטעלט עטלאַכע ווערק, וואָס באַלייכטן די קינדער-יאָרן פּרצעס און גיבן אייניקער מאַסן אַ שליסל צו זיין שאַפונג, דערנאָך — די רעאַליסטיש-פּסיכאָלאָגישע ווערק. די דערציילונגען, ווי „דער משולח", „מענדל בריינעס" קענען דינען דעם לערער נישט נאָר אַלס מוסטער פון קינסטלערישע ווערק, נאָר זיי האָבן אויך אַ באַזונדערן ווערט אַלס

רייכער מאַטעריאַל, וואָס באַלייכט אונז די עפּאָכע פון אונזער נאָענטן עָבר, דאָס עקאָנאָמישע לעבן, קלאַסן-באַציאונגען, די לאַגע פון דער פרוי און אַז. וו.״. דערנאָך גייען פרצעס מעשהלאַך, פסיכאָלאָגישע און סאָציאַלע מאָטיוון; דערנאָך קומען די חסידיש-ראָמאַנטישע ווערק. דער סדר פון צונויפגעשטעלטן מאַטעריאַל איז אַן ערך דער כראָנאָלאָגישער סדר פון די סטאַדיען אין פרצעס שאַפונג. דער, וואָס וועט לעזן דאָס בוך, וועט צוזאַמען מיט פרצן אַליין אַלץ דערווייטערן זיך פון רעאַלן לעבן פון דער צייט, אַלץ טיפער און אייגנאַרטיקער אַריינדרינגען אין די טיפסטע פסיכאָלאָגישע און עטישע פּראָבלעמען, ער וועט אַריבערגיין פון אַזעלכע פרימיטיווע (לפי ערך) דערציילונגען, ווי „דער משולח״ אָדער „אַ כעס פון אַ יידענע״, ער וועט דורכגיין די סאָציאַלע מאָטיוון און ענדיקן מיט אַזעלכע קאָמפּליצירטע ווערק ווי „אַ גלגול פון אַ ניגון״ אָדער „ביים גוסס צוקאָפּנס״. ממילא קומט אויס, אַז דער לערער וועט אויך *פריער* דורכגיין מיט די תלמידים די ווערק, וואָס שטייען *פריער* אין אונזער בוך. די רעאַליסטישע ווערק זיינען צוטריטלאַך פאַר קינדער פון אַ קלענערן עלטער, אין דער צייט, וואָס דעם „משוגענעם בטלן״ אָדער „אַ גלגול פון אַ ניגון״ קען ריכטיק פאַרשטיין נאָר אַ שילער פון די עלטערע קלאַסן, אָבער דערביי גיט דאָס בוך פולקומע פרייהייט דעם לערער סיסטעמאַטיזירן דעם מאַטעריאַל, ווי ער פאַרשטייט. אַזוי איז אין איין ציקל אויך דאָ ווערק, וואָס זיינען נישט גלייך צוגענגלאַך די קינדער: למשל, „אַ קלעזמער-טויט״ איז ווייט שווערער צו באַנעמען ווי „דער משולח״, כאָטש ס'איז אויך רעאַליסטיש געשילדערט, און „צווישן צוויי בערג״ איז אַ סך שווערער ווי „אויב נישט נאָך העכער״; כאָטש ביידע געהערן צו „חסידיש״.

מיר האָבן דורכגעלאָזן אין בוך אַלע ווערק, וואָס דער לערער קען געפינען אָפּגעדרוקטערהייט אין די כרעסטאָמאַטיעס „דאָס יידישע וואָרט״, „דאָס לעבעדיקע וואָרט״ און אין באַזונדערע אויסגאַבן, ווי „דריי מתנות״. ווי ווייט מעגלאַך האָבן מיר זיך געסטאַרעט נישט צו „פאַרריכטן״ דעם גרויסן דיכטער און געבן די זאַכן גאַנצערהייט, נאָר מיר זיינען געווען באַגרעניצט אין אָרט.

אויב דאָס בוך וועט געפינען אַן אומגאַנג אין די שולן און וועט זיין באַנוצט פון לערער און שילער ביים לערנען פרצן, וועלן מיר האַלטן אונזער באַשיידענעם ציל פאַר דערגרייכט.

די צוזאַמענשטעלער.

---

## פאַרטייטשונגען פון העברעאישע און בכלל שווערערע ווערטער און אויסדרוקן.

# פון „מיינע זכרונות".

**ס'טייטש?** — וואָס איז דער טייטש? וואָס הייסט עס?

**שם הויה** — גאָטס נאָמען.

**עינוי** — פיין, ווייטאָק.

**דריסת-הרגל** — איינטריט; רעכט אריינצוקומען.

**תכשיט** — א צירונג; (איראָניש) א צאַצקעדיקער יונג.

**ליבעראַל** — א אָנהענגער פון א פרייערן לעבנסשטייגער, פון א פרייערער אָרדענונג.

**אַנאַרכיסט** — א אָנהענגער פון א געזעלשאַפטלאָכער אָרדענונג, אין וועלכער דער מענטש זאָל זיין פולשטענדיק פריי, ניט אונטערגעוואָרפן קיין שום מאַכט.

**חשוך-בנים** — א מענטש וואָס האָט ניט קיין קינדער.

**חוקר** — א פאָרשער.

**„מורה-נבוכים"** — א ספר, וואָס דער רמב"ם האָט אָנגעשריבן.

**עולמות העליונים** — אויבערשטע וועלטן; אַרומגיין אין די עולמות העליונים — טראַכטן וועגן הויכע ענינים.

**ידיעה ובחירה** — די פראַגע וועגן דעם, צי א מענטש האָט א פרייען ווילן, אָדער אַלע זיינע מעשים זיינען שוין באַשטימט פון אויבן.

**התבודדות** — איינזאַמקייט, אָפּגעזונדערטקייט.

**עילוי** — א אויסערגעוויינלאָך פעאיקער מענטש.

**פורץ-גדר** — א צוימענברעכער; דער, וואָס טרעט איבער די רעליגיעזע געזעצן.

**כל באיה לא ישובון** — די אַלע, וואָס קומען אַהין, קערן זיך שוין ניט אום.

**עמוד-ענן** — וואָלקן-זייל.

**עמוד-אש** — פייערדיקער זייל.

**ביודעים ובלא יודעים** — וואָס איז באַוואוסט און וואָס איז ניט באַוואוסט.

---

# קינדער.

**מתמיד** — א פלייסיקער.

**מהיום והלאה** — פון היינט אָן און ווייטער.

**גוזר** — באַפעלט.

**בור** — אָן אומוויסנדער מענטש.

# דער משולח.

**ב״ה** (=בָּרוּךְ הַשֵּׁם) — געבענטשט זאָל זיין דער נאָמען (פון גאָט).

**קאַנטאָניסט** — אַ זעלנער אין די צייטן פון רוסישן צאַר ניקאָלאַי I. דאַן פלעגט מען כאַפּן קליינע קינדער, אָפּגעבן זיי פאַר רעקרוטן און האלטן זיי אין מיליטער 25 יאָר.

**טַל=וּמָטָרל** — אַ קלייניקער (די ווערטער „טל ומטר" — טוי און רעגן — ווערן געדרוקט אין סידור מיט קליינע אותיות).

**בכי=טוב** — גוט, פאַר ליכטיק. (וירא אלהים את האור כי טוב. בראשית, א, ד).

**בקו=הבריאה** — אין אַ געזונטן צושטאַנד.

**ניעפּריטשקעם** —

**מִטָּה** — אַ בעט; אַ קאַסטן, אין וועלכן מע טראָגט דעם טויטן.

**חֶבְרָה=נושאים** — די וואָס טראָגן דעם טויטן.

**קאָנסומציע** —

**בֵּית=דין שֶׁל מַעלה** — דאָס אייבערשטע, הימלשע געריכט.

**עסע** — אַ מין לייכטער.

**מַפסיק זיין** — איבעררייסן.

**ח״ו** — חס ושלום.

**וְהָא רַאָיָה** — און אָט איז דער באַווייז.

---

# מענדל ברײנעס.

**יוֹשֵׁב=אוֹהֶל** — ווערטלעך: וואָס זיצט אין געצעלט; דער וואָס זיצט און לערנט תורה.

**מֵאיר=בַּעַל=הַנֵּס** — דעם נאָמען פון מאיר־בעל־הנס טראָגן די צדקה־פּושקעס, אין וועלכע מען קלייבט געלט פאַר לומדים אין ארץ־ישראל.

**מַפטיר יוֹנה** — דער מפטיר יום־כיפור צו מנחה.

**קאָנסאָרציע** — אַ געשעפטלאַכע פאַראייניקונג פון אַ גרופּע מענטשן; אַ יד־אחת.

**פּתיחָה** — דאָס עפענען (דעם אָרון קודש ביים דאַוונען).

**מִתעַסֵק בּמִצוֹת** — איינער, וואָס טוט מצוות.

**עֵרובין** — געוויסע אופנים, ווי פרומע יידן באַוואָרענען זיך, מע זאָל מעגן טראָגן אום שבת

**אוֹהֶל** — אַ שטיבל אויף אַ קבר.

**חֲצוֹת** (לייענט זיך: כצאָס) — אַ תפילה, וואָס מע זאָגט אום האַלבע נאַכט.

**חֲלוּלים** — פּוסטע, געלעכערטע.

**עוֹלָם ומלוֹאה** — (ווערטלאַך: די וועלט און אַלץ, וואָס פילט זי אָן), זייער שטאַרק.

**מנוּחָה** — רו.

**גִלגול=מחילות** — די אונטערערדישע וואַנדערונג פון די טויטע קיין ארץ־ישראל אין דער צייט פון תחית־המתים.

**בחצי־חנם** — האלב אומזיסט, זייער וואלוול.

**ממון קרח** — א גרויסער קאפיטאל.

**עולה לתורה זיין** — ווערן אויפגערופן צו דער תורה.

**מנדר זיין** — ציזאגן, נעמען אויף זיך א התחייבות.

**ח״י פעמים ח״י** — 18 מאל 18. אכצ רעכנט זיך ביי יידן פאר א מולדיקע צאל, ווייל „ח״י“ הייסט „לעבעדיקער“.

**עולם הזה** — די וועלט (ניט יענע וועלט), די פארגעניגנס פון דער וועלט.

**מחיה** — א געשעפט, פון וועלכן מע דערנערט זיך.

**מהיכי־תיתי** — פארוואס טאקע ניט?

**תורה מתיש כוח** — די תורה שוואכט אפ די כוחות.

**תחנון** — א טייל פון וואכעדיקן דאווענען, וואס ווערט איבערגעהיפט, ווען אין קלויז געפינט זיך א חתן, א בעל־ברית און אין ענלעכע פאלן.

---

## א קלעזמער־טויט.

**מומחה** — א געניטער, א ספעציאליסט.

**דריי פייען** — (אזוי ווי „צוויי פייען“) פארפאלן.

**זכרונו לברכה** — זיין אנדענק זאל געבענטשט זיין.

**יציאת־נשמה** — דאס ארויסגיין פון דער נשמה; דער לעצטער הויך.

---

## באנציע שוייג.

**„אין־פלוס“ ליציטירן** — אויסדינגען איינער דעם אנדערן; געבן מער, ווי דער אנדערער באט.

**נפטר געווארן** — געשטארבן.

**נתבקש בישיבה של מעלה** — געבעטן געווארן צו דער הימלשער זיצונג; געשטארבן.

**כסא הכבוד** — גאטס שטול

**קטיגור** — באשולדיקער.

**כף הקלע** — דאס שליידערן א זינדיקע נשמה דורך בייזע גייסטער פון איין עק וועלט צום אנדערן.

**מליץ יושר** — א גוטער בעטער; א פארטיידיקער.

**רעטאריק** — א שיינער געהויבענער ארט ריידן.

**אינסינואציע** — לשון־הרע.

**דיקסי** — איך האב אפגערעדט (לאטייניש).

**עולם השקר** — די וועלט פון פאלשקייט, די וועלט.

**עולם האמת** — די וועלט פון אמת, יענע וועלט.

**מסופק** — אין ספק.

**אב־בית־דין** — דער פארזיצער פון בית־דין, פון געריכט.

---

## IV

# דאָס שטריימל.

**אַחֲרֵי בלוֹתִי** — ווען איך בין שוין געוואָרן אלט, אָפּגעלעבט (זע בראשית יח, יב).

**מָרַת מִרְיָם תְּחִיֶה** — פרוי מרים זאָל לעבן.

**חוֹמֶר** — שטאָף, מאַטעריע, מענטשעסער קערפּער. אַנלייגן דעם חומר — אָנפּילן דעם מאָגן.

**סעוּדַת־מִצְוָה** — אַ מאָלצייט, וועלכן מע אָרדנט איין ביי רעליגיעזע שמחות: אַ ברית, אַ חתונה, איינגעבן אַ ספר־תורה אין בית־מדרש א. ד. ג.

**קְלִפֶּי** — דאָס קעסטל, וואו מע וואַרפט אַריין די שטים־צעטלען ביי וואַלן; די וואַלן פון אָנפירער מיט קהלשע ענינים.

**רַחֲמָנָא לִצְלַן** — דער באַרימהערציקער זאָל אונז באַהיטן.

**מַאי נַפְקָא מִינֶה?** — וואָס איז דער אונטערשייד?

**עֲבוֹדָה זָרָה** — געצנדינעריי, אָן אָפּגאָט.

**מַעֲשֵׂי יָדַי** — אַ ווערק פון מיינע הענט; מיינער אַ אויפטו.

**ב"ה** (=בָּרוּך הוּא) — געבענטשט זאָל ער זיין.

---

# דער מַלאך.

**וויַיגערן זיך** — וואַקלען זיך, ספקן.

**הערבערג** — גאַסטהויז, רו־אָרט

---

# דער אייביקער פרידן אין ערגיץ־לאַנד.

**מיסטרויאיש** — מיט אומצוטרוי.

---

# דער משוגענער בַּטלן.

**בַּטלָן** — ליידיקגייער, קלויזניק

**קרועה־בלוֹיֶה** — אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן.

**מַשִׂיג זיין** — באַגרייפן, פאַרשטיין.

**כִּיוֹר** — האַנטפאַס.

**הֵיכִי־דָמֵי?** — ווי קען דאָס געמאָלט זיין!

**תּוֹך־כְּדֵי־דִבּוּר** — אין רעכטן מיטן ריידן.

**פְּלאִי־פְּלָאִימדיקער** — וואונדערבאַרער.

**דרוש** — אויסטייטשונג פון אַ ביבלישן אָדער תלמודישן טעקסט ניט לויט דער ווערט־לאַכער באַדייטונג.

**עד סוף כל הדורות** — ביז'ן סוף פון דער וועלט.

**נדרים** — מערצאָל פון „נדר". נדר — אַ צוזאָג; אַ פאַרפליכטונג. (זיך געבן אַ נדר—געמען אויף זיך אַ התחייבות). דעם נאָמען „נדרים" טראָגט איינער פון די ספרים, וואָס בילדן דעם תלמוד; יעדער פון דידאָזיקע ספרים הייסט מסכתא.

**פרק** — אַ טייל פון אַ מסכתא; אַ קאַפּיטל.

**קונה, קונם, קונס** — נעמען פון געוויסע נדרים, וואָס ווערן דערמאָנט אין מסכתא „נדרים".

**לשון שבדו חכמים** — אַ שפּראַך וואָס חכמים האָבן אויסגעטראַכט.

**חו"ש חס ושלום** — גאָט באַהיט.

**מאבד עצמו לדעת זיין** — נעמען זיך דאָס לעבן, אָנטאָן זיך אַ מיתה.

---

# מאָניש

**ס"ם (סטרא מסאבותא** — די אומריינע זייט, דער בייזער גייסט.

**סמאל** — דער שר פון די בייזע גייסטער, פון גיהנום. דאָ ווערט ס"ם באַנוצט אַנשטאָט סמאל.

**רמב"ם** — די ווערק פון רבנו משה בן מימון, אַ גרויסן יידישן געלערנטן, וואָס האָט געלעבט.

**בתים** — די שיידלאַך פון די תפילין, וואו עס ליגן איינגעשלאָסן געוויסע טעקסטן פון דער תורה.

**עטרה** — קרוין; קאָלנער פון גאָלדערנע אָדער זילבערנע פעדים צולייגט אלס אַ צירונג צום טלית.

**חצות** — האַלבנאַכט; אַ תפילה, וואָס מע זאָגט אום האַלבע נאַכט (אָפּריכטן חצות).

**פטיש** — האַמער

**סיני** — באַרג סיני — טיטלען פון גרויסע רבנים.

**מאור הגדול** — גרויסער לייכטער

**אתחלתא דגאולה** — דער צנהייב פון אויסלייזונג; משיחס צייטן.

**תיבה** — קאַסטן.

**לילית** — די קיניגין פון די שדים.

**שמות** — אָפּגעריסענע בלעטלעך פון הייליקע ספרים.

**הוד מלכות** — קיניגלעכע מאַיעסטעט.

**ימח שמו** — זאָל אָפּגעמעקט ווערן זיין נאָמען.

**במקום** — אַנשטאָט.

**חוטם** — שנאָבל.

**מחיה** — אַ געשעפּט, פון וועלכן מע ציט חיונה.

**פאַרשוס** — האַנטגעלט.

**מטעים יעדע סברא** — טייטשט אויס קלאָר יעדן געדאַנק.

**מפולת** — אַן איינגעפאַלענער בנין; אַ חורבה.

**תמצית** — דאָס וויכטיקסטע, קווינטעסענץ.

**ש"י עולמות** — 310 וועלטן.

**כתר** — קרוין; אַ קרוין, וואָס מע טוט אָן אויף אַ ספר־תורה.

---

# אויב נישט נאָך העכער.

**מוסר־ספָרים** — רעליגיעזע ספרים, וואָס לערנען, ווי אַזוי דער מענטש דאַרף זיך אויפפירן.

**שַ״ס** (**שִשָה סדָרים**־זעקס אָפּטיילונגען) — אַזוי רופט זיך דער תּלמוד אָדער די גמרא, וואָס באַשטייט פון 6 אָפּטיילונגען.

**פּוסקים** — די נאָכתּלמודישע געזעצן־זאַמלונגען, וואו עס ווערט באַאַרבעט און פאַרטייטשט דער תּלמוד.

**בפֵירוש** — פּינקטלעך.

**טֶפח** (**מערצאָל טפָחים**) — אַ פויסט; אַ מאָס, וואָס איז אַ פויסט די ברייט.

**נִבהָל ונִשתּוֹמֵם** — דערשראָקן און פאַרוואונדערט.

**כּלֵי בַיִת** — שטוביקע זאַכן; הויזראַט.

**פִזמון** — אַזוי הייסן געוויסע טיילן פון סליחות.

---

# צווישן צוויי בערג.

**מוּבהָק** — אויסגעצייכנטער.

**נִתגַלֶה ווערן** — אַנטפּלעקט ווערן.

**מֵהַאי טַעֲמָא** — צוליב דעם טעם.

**שַאלות נָשים** — ווייבערשע שאלות.

**דינֵי מָמוֹנוֹת** — דינים וועגן געלט־זאַכן.

**באותוֹ הֶרֶגע** — אין דער זעלביקער רגע.

**מִתנַגֵד** (=**אַ קעגנער**) — ניט קיין חסיד.

**נוֹקֵם ונוֹטֵר כַּנָחָש** — נעמט נקמה ווי אַ שלאַנג.

**זוֹהַר** )
**פַּרדֵס** ) נעמען פון געוויסע קבלה־ספרים.

**יָצָא מִדַעתּוֹ** — פאַרלאָרן זיין גייסטיקן גלייכגעוויכט.

**גַן־עֵדן הַתַחתּוֹן** — דער אונטערשטער גן־עדן; אחוץ דעם גן־עדן אויף יענער וועלט, איז לויט דער לעגענדע, פאַראַן אויך אַ גן־עדן ערגעץ אויף דער ערד.

**אֵין לְשַער ואֵין לְסַפֵּר** — גאַרנישט צו בענעמען און אויסצודערציילן.

**פּוֹתֵר חָלוֹם זיין** — באַשיידן אַ חלום.

**דבָרים בגוֹ** — עפּעס שטעקט אין דעם.

**עֵד מִפִּי עֵד** — ווי ס׳דערציילן די, וואָס זיינען געווען דערביי.

**חוֹלקים** — קעגנער.

**מִתרַחֵק זיין זיך** — דערווייטערן זיך.

**לֵיצָנוּת, הַלָצָה** — שפּאַס.

**נִיזוֹק ווערן** — געשעדיקט ווערן.

**לֹא עֲלֵיכֶם** — ניט פאר אייך געדאכט.

**מַקְשָׁה לֵילֵד** — גייט שווער צו־קינד.

**עוֹנֶש** — שטראף.

**בְּיָד־חֲזָקָה** — מיט א שטארקער האנט.

**חֲרָמוֹת** — מערצאל פון ווארט „חרם״ (ארײנלייגן אין חרם).

**תְּקִיפוּת** — פעסטקייט.

**אַנְשֵׁי חַיִל** — העלדן.

**פִּדְיוֹן** (=אויסלייזונג) — דאס געלט, וואס מע גיט א חסידישן רבין, ווען מע קומט צו אים נאך אן עצה אדער נאך א ברכה.

**נַפְשׁוֹ קְשׁוּרָה בְּנַפְשָׁהּ** — זיין זעלע איז צוגעבונדן צו איר זעלע.

**כְּהַאי־לִישָּׁנָא** — מיט אזא לשון.

**פָּחוֹת מִשָּׁוֶה פְּרוּטָה** — ווייניקער, ווי א פרוטה די ווערט (א פרוטה — א מטבע פון זייער א קליינעם ווערט).

**יוֹלֶדֶת** — א קינפעטארין.

**שֶׁלֹּא מִמִּין הַטַּעֲנָה** — דער ענטפער איז פון אן אנדער מין ווי די טענה; ניט צו דער זאך.

**עַמּוּד בַּרְזֶל** — אן אײזערנער זייל.

**מִשִּׁכְמוֹ וָמַעְלָה** — מיט א קאפ העכער פון אלעמען.

**גַּל שֶׁל עֲצָמוֹת** — א בארג ביינער.

**לִוְיָתָן** — א לעגענדארער גרויסער פיש.

**לֵב יוֹדֵעַ מָרַת נַפְשׁוֹ** — דאס הארץ ווייס דעם מענטשנס ליידן.

**דְּבֵקוּת** — עקסטאז; רעליגיעזע אנטציקונג.

**בַּעַל מוֹפֵת** — דער וואס ווייזט וואונדער.

**מַזְהִיר זיין** — ווארנען, אנזאגן.

**דָּן שֶׁלֹּא בְּפָנָיו** — דער וואס משפט עמיצן, ווען יענער איז דערביי ניטא.

**הַתְחָלָה** — אנהייב.

**כִּיתָּה** — א גרופע; א קאמפאניע; א סעקטע.

**יְחִידֵי־סְגוּלָה** — אויסדערוויילטע.

**הִתְלַהֲבוּת** — באגייסטערונג, ענטוזיאזם.

**מְתִיקוּת** — זיסקייט.

---

# אַ גִלגול פון אַ ניגון.

**לגול** — פארוואנדלונג.

**הַשָּׂגָה** — באגריף.

**סִינַי־נִיגוּנִים** — ניגונים, וואס שטאמען, לויט דער טראדיציע, פון בארג סיני, ווען ס׳איז געגעבן געווארן די תורה.

**אֵין בַּיִת** — ניטא קיין הויז.

**מְלַוֶּה מַלְכָּה** — די שבת־צו־נאכטיקע סעודה, מיט וועלכער מע באגלייט די מלכּה־שבת.

**הֶקְדֵּשׁ** — א נאכטלעגער פאר בעטלער אָדער א קראנקנהויז פאר אָרימע.

**אֶפּיקורסות** — פרײדענקעריי; דאָס אָפּלייקענען די אָנגענומענע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען.

**שאול תַּחְתִּיָה** — טיפער אָפּגרונט.

**שַׁבָּת־שִׁירָה** — דער שבת, ווען מע לייענט די שירה, משה'ס לויב־געזאַנג ביים אריבערגיין דעם ים־סוף.

**הֶפְקֵר־וועלט** — אויסגעלאַסענע וועלט.

**אַהֲבַת־הַמָּקוֹם** — ליבשאַפט צו גאָט.

**אַהֲבַת־הַבְּרִיוֹת** — ליבשאַפט צו מענטשן.

**נָחָשׁ** — שלאַנג. ווײנען אויפן נחש — ווײנען אויף דעם, וואָס דער שלאַנג האָט אָנגערעדט חוהן צו דער ערשטער זינד.

**גָּלוּת־הַשְּׁכִינָה** — די פאַרוואָגלטקייט פון דעם געטלעכן גלאַנץ, וועלכער איז, לויט דער לעגענדע, אַוועק אין גלות צוזאַמען מיטן יידישן פאָלק.

**דַּלוּת און שִׁפְלוּת** — אָרעמקייט און געפאַלנקייט.

**רְאֵה עֲמִידָתֵנוּ** — קוק זיך צו צו אונזער צושטאַנד.

**יְפֵה־פִיָּה** — א שיינע פרוי.

**טֶבַע** — די נאַטור.

**מְחַדֵּשׁ זיין** — ערפינדן.

**גַּלְגַּלִים** — פּלאַנעטן.

**בָּרוּר כַּשֶּׁמֶשׁ** — קלאָר ווי די זון (קלאָר ווי דער טאָג).

**שׁוֹכֵן עָפָר** — דער, וועלכער רוט אין שטויב; א פאַרשטאָרבענער.

**וְאֵינֶנּוּ** — און ער איז ניטאָ.

---

# וואָס אַמאָל ווייניקער.

**בין מְחוּיָיב** — האָב א חוב, א מוז.

**בְּשַׁעְתָּן** — אין דער צייט.

**מֵחמת** — צוליב, דורך, איבער.

**בִּיטול תּוֹרָה** — שטערן דעם לערנען, וואָס עס רעכנט זיך פאַר אַן עבירה.

**מוֹדֶה זיין** — זאָגן „יאָ“.

**הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ** — דער נאָמען (גאָטס) זאָל געלויבט זיין. די ביידע ווערטער צוזאַמען האָבן מיט דער צייט באַקומען די באַדייטונג פון גאָטס נאָמען.

**מְשָׁרְתִים** — באַדינער.

**קְפִיצַת הַדֶּרֶךְ** — פאַרקירצונג פון וועג. דאָס פאָלק גלויבט, אַז הייליקע מענטשן, בעל־שמען, למד־וואָווניקעס קענען וואונדער אויפטאָן, אין איין מאָמענט דורכמאַכן א לאַנגן וועג, „פאַרקירצן“ אים.

**בָּטוּחַ** — זיכער.

בַּעֲלֵי הַמְצָאוֹת — ערפינדער.

עִיקָר — ווארצל. דער עיקר — איבערהויפט, דאָס וויכטיקסטע.

מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת — די מלאכים, וואָס שטייען אין גאָטס דינסט.

מֵילָא — זאָל זיין.

בְּנוֹגֵעַ — וואָס רירט אָן.

יִרְשָׁנֶט — נעמט איבער.

הַמְצָאוֹת — ערפינדונגען.

בִּכְלָל — אין אלגעמיין.

דֵעוֹת — מיינונגען, וויסנשאַפטן.

מִדוֹת טוֹבוֹת — גוטע זיטן, גוטע שטריכן פון כאראַקטער.

אֶפְשָׁר — מיגליך.

בְּטֶבַע — לויט דער נאַטור.

בַּעַל מֶזֶג טוֹב — אַ מענטש מיט אַ גוטן כאראַקטער.

אַגַב — פאַרבייגייענדיק.

מִדַת הָרַחֲמִים — די מאָס (די זייטע) פון רחמנות.

גוּזמוֹת — מאַסן, אַ סך.

מקוּיָים ווערן — אויסגעפירט ווערן.

מסוּפָק — אין ספק, אין צווייפל.

שְׁאֵלָה — פראַגע.

מוֹשָׁב — באַזעצטער אָרט.

סַם — גיפט.

זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה — זאָל דער אָנדענק פון צדיק זיין געבענטשט.

גָאוֹן עוֹלָם — גרעסטער, געניוס פון דער וועלט.

עַל כִּסֵא הָרַבָּנוּת — אויפן שטול פון רבנות.

עָלָיו הַשָּׁלוֹם — אויף אים (זאָל רוען) דער פרידן.

גביר — רייכער; אייגנטלעך מעכטיקער הערשער, נאָר ווער ס'האָט די מטבע, האָט שוין ממילא די דעה.

שִׁידוּך — פאַרוואַנדשאַפט.

עַל הַתּוֹרָה וְעַל הָעֲבוֹדָה — אויף לערנען און גאָט דינען.

צְדָקוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים — וואוילטואונגען און גוטע מעשים.

גֶעשְׁמַט — געהאַט אַ נאָמען.

לְהַבְדִיל בֵּין הַחַיִים וְהַמֵתִים — אונטערצושיידן צווישן די טויטע און די לעבעדיקע.

הַנִכְבָּד — דער געאַכטער.

אִישׁ מְכוּבָּד — געאַכטער מענטש.

יָדוּעַ לַכֹּל — באַוואוסט אַלעמען.

גְדוֹלֵי הַדוֹר — די גרעסטע מענטשן פונעם דור, פון דער צייט.

סְפָרִים — ביכער.

זִכָּרוֹן — געדענק־קראַפט.

**שכל** — פארשטאנד.

**מעלות** — אייגנשאפטן.

**עניו** — באשיידענער; א מענטש, וואס האלט זיך פאר קליין.

**מרוצה לבריות** — אנגענומען, ליבלעך צו מענטשן.

**תקיפים** — פארמעגלעכע.

**הפסד מרובה** — א שאדן א גרויסער.

**א קדמון** — א פארצייטיקער געלערנטער.

**א מחמיר** — א הארבמאכער; א רב, וואס איז נוטה מער צו פארווערן ווי צו דערלויבן.

**מרא דאתרא** — רב (לערער, האר) פונם ארט.

**קהילה** — געמיינדע.

**כיתות** — גרופעס, סעקטעס.

**חסידים** — פרומע; דער טייל יידן, וואס האלט, אז דער עיקר יידישקייט באשטייט ניט אין לערנען, נאר אין הארציקן גאט־דינען מיט ווארימער תפילה און גוטע מעשים בין אדם לחברו.

**בעלי־מלאכות** — האנטווערקער.

**מורא** — פארכט.

**מקח** — פרייז.

**אביונס משכון** — ארימאנס פאנד.

**חברה קדישא** — הייליקע געזעלשאפט. אזוי הייסט די ארגאניזאציע, וואס איר עובדה איז ברענגען נפטרים צו קבר ישראל.

**נושאים** — טרעגער; דא — טויטנטרעגער.

**גבאים** — אויפגעשטעלטע, פארוואלטערס פון די בתי־מדרשים און שולן.

**חמץ בפסח** — געזייערטע ברויט אום פסח.

**כוחא דהיתרא עדיף** — דער כוח פון מתיר מאכן (דערלויבן) איז בעסער, וויכטיקער.

**כשר** — רעכט.

**אוודאי** — געוויס.

**טרפה** — פארצוקט, נבלהדיק.

**אסור באכילה** — פארווערט צו עסן.

**אסור בהנאה** — פארווערט הנאה צו האבן, צו געניסן.

**כלים** — געשיר.

**סכנת נפשות** — געפאר פארן לעבן.

**משהו** — עפעס. דא מיינט מען: אפילו עפעס חמץ אום פסח, אפילו עפעס טרפה איז א גרויסע זינד.

**כרת** — פארשניידונג, שטארבן אן א צייט.

**עונש** — א שטראף.

**ונכרתה הנפש ההיא מעדת ישראל** — און עס וועט פארשניטן ווערן (שטארבן אן א צייט) יענער נפש פון דער געמיינדע פון ישראל.

**מדורות פון גיהנום** — פלאמען פון גיהנום (אונטערערדישע וועלט).

כלל ישׂראל — געמיינשאַפט פון ישראל, דאָס גאַנצע יידישע פאָלק.

ענין — אַ זאַך, אַן אָנגעלעגנהייט.

נשמה — זעל, אָטעם.

גוף — קערפּער.

אסיפה — פארזאַמלונג.

בית-המדרש — הויז פון תורה-לערנען.

יום כפור קטן — קליין יום כפור. אַזוי הייסט דער תענית פון אַלע ערב ראש חודש, וואָס זעער פרומע יידן ריכטן אָפּ.

גמרות — די ספרים פון תלמוד.

סוגיא — אַ באַשטימטע הלכה אין גמרא מיטן גאַנצן גאַנג פון די דעבאַטן וועגן איר.

רמב״ם — ראשי תבות: רבנו משה ב״ר מיימון, דער גרויסער תּלמודיסט, פילאָסאָף, פילאָלאָג, ריטאָריקער, מאַטעמאַטיקער, מעדיקער, יוריסט, עטיקער און אַלטרואיסט, וואָס איז וועגן עס איז געווען — מחבר פון „יד החזקה״, „מורה נבוכים״ און זעער אַ סך אַנדערע ספרים.

שׂמחה — פרייד.

קולכל — שטימעלע.

עולם — פּובליק.

אַ מעשׂה — אַ געשעעניש, אַ געשיכטע.

פּנים — געזיכט.

שבת — טאָג פון רו.

דרשה — רעדע.

תּוך כּדי דבור — צום וואָרט, מאָמענטאַל.

כּלאַחר יד — ווי אונטערן האַנט, פאַרבייגייענדיק.

נבהל ונשתומם — דערשראָקן און דערשטוינט.

מוסף — די גרויסע הוספה-תפילה פון שבת און יום-טוב.

מוסף ראש השנה — דער מוסף פון ראש השנה.

עמוד — דער זייל. אַזוי הייסט דער אַלטאַרארטיקער שטענדער, וואָס פאַר אים שטייט דער בעל-תפילה און דאַווענט.

ממעמקים קראתיך ה׳ — פון דער טיפעניש האָב איך דיך גערופן, גאָט! — פון דעם פּסוק דרינגט מען אַרויס, אַז דעם עמוד דאַרף מען שטעלן טיפער אַביסל.

תנועות — באַוועגונגען, שאָקלונגען.

ניגונימלעך — מעלאָדיעלעך.

תפילות — געבעטן.

שונא בצע — אַ מענטש, וואָס האָט פיינט געלט.

הלצהלע — שפּאַסעלע.

חס ושלום — שוץ און פרידן, אַזוי זאָגט מען, ווען מ׳האָט מורא פאַר אַן עין הרע, פאַר אַן אומגליק.

געהרגעט — דערשלאָגן.

**נֶע ונד** — פארוואגלט.

**שכירות** — לוין, געהאלט.

**רַחְ"ש** — ראשי תבות: רב — חזן — שמש אדער שוחט. אזוי הייסט דער געוויסער שטייער, וואס איז באשטימט צו נעמען פון יעדער חתונה אויף אויסצוהאלטן דידאזיקע פערזאנען, וואס זיינען יסודות פון יעדער רעליגיעזער יידישער קהילה.

**מְקַבֵּל** — א נעמער.

**פְּסַק-געלט** — געריכט-הוצאות.

**דַיָּנִים** — ריכטער.

**שֵׂכֶל הַיָּשָׁר** — גלייכער פארשטאנד.

**פְּשָׁר** — אויסגלייך.

**שַׁמָּשִׁים** — רעליגיעזע באדינער.

**תֵּירוּץ** — ענטפער.

**שַׁלַח-מָנוֹת** — די מתנות, וואס מען שיקט זיך איינע די אנדערע אום פורים.

**אָדָם רוֹצֶה בְּקַב שֶׁלּוֹ** — דער מענטש וויל זיין אייגן ביסל.

**אַגַּב אוֹרְחָא** — פארבייגייענדיק.

**מִנְהָג** — אויפפירונג, געוויינהייט.

**רוֹב גַּנְבֵי יִשְׂרָאֵל נִינְהוּ** — ס׳רוב גנבים זיינען יידן.

**נִכְשל ווערן** — געשטרויכלט ווערן, פארטשעפן זיך און פאלן.

**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם** — האר פון דער וועלט.

**עֵדוּת** — אנצייגער, אנווייזער.

**מַפקיר זיין** — איבערגעבן אויף הפקר, אויף גאטס בארא̈ט.

**רשות** — ווילן, מאכט.

**הֵן מִטַּלְטְלִין** — סיי באוועגלעכע גיטער.

**זוֹכֶה געווען** — געניאסן.

**מִן הַהֶפְקֵר** — פון פארלאזנס, וואס האט קיין בעל-הבית ניט.

**מַאריך געווען** — לאנג גערעדט, לאנג דערציילט.

**זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה** — זיין געדעכעניש זאל געבענטשט זיין.

**מְקַצֵּר זיין** — פארקירצן.

**עוֹשֶׁר בִּמְזוּמָן** — רייך אין בארן געלט.

**כָּל יָמַי** — אלע מיינע יארן, ווי לאנג איך לעב.

**מְפַרְנֵס געווען** — דערנערט, געשפייזט.

**מִצְוֹת** — געבאט, וואס א ייד היט אפ.

**מְבַיֵּיש זיין** — פארשעמען.

**קיין שום בֶּן אָדָם** — קיין איינציקן מענטשן.

**עֲנִיוּוּת** — באשיידנקייט, קליינקייט.

**הִתְמַנוּת** — אן אמט, א שטעלע.

**מַתָּן בְּסֵתֶר** — געבן באהאלטענערהייט, כדי ניט צו פארשעמען דעם נעמער.

**סֵפֶרָא רַבָּא** — גרויסער שרייבער.

כְּתַב יַד — האַנטשריפט.

שְׂרָרוֹת — האַרן, פּריצים.

אַ מַאֲמָר — אַ זאָגע, אַ רייד.

בַּעַל־תְּשׁוּבָה — אַ זינדיקער מענטש, וואָס איז פרום געוואָרן.

גְּזֵלָה — רויב.

פְּטִירָה — טויט.

הֲלְוָיָה — פאַרלייאונג.

עָנִי הָגוּן — חשובער אָרימאַן.

עוֹמֵד בְּנִסָּיוֹן — בייַשטיין אַ שווערן פּרווו.

יֵצֶר הָרָע — שלעכטער געדאַנק.

גּוֹבֵר זיין — בייקומען.

חֶרְפָּה — שאַנד.

מַזָל — גליק, שיקזאַל.

הַכְּלָל — קורץ; אייגנטלעך דער כּלל, קורצע רעגל.

קָרוֹב — פריינד, פאַרוואַנדטער.

בּוֹשֶׁת פָּנִים — שעמעדיקער.

אַת פְּתַח לוֹ — דו עפן אים, הייב אָן צו אים ריידן.

טוֹעֶה זיין — אַ טעות האָבן, אַ פעלער מאַכן.

מַסְרֵט — גיט איבער.

פאַרקַנְסן — פאַר אַ כּלה נעמען.

גַּלְגַל חוֹזֵר — ראָד (פּלאַנעט) דרייט זיך, דער מזל בייט זיך.

בְּרוֹגֶז — אין צאָרן.

עַל פִּי דין — לויטן געזעץ.

עָזוֹב תַּעֲזוֹב — העלפן זאָלסטו העלפן.

עוֹבֵר לַסוֹחֵר — גייט אין אומזאַץ, אין האַנדל.

אויף פַּחַת — אויף אָפּפאַל.

ק״ן — הונערט פּופציק (קוף — הונדערט, נון — פופציק).

הַתְחָלָה — אָנהייב.

יוֹמָא דְפַגְרָא — פרייער, פייערלעכער טאָג.

רַחֲבוּת — ברייטקייט, קאָמפאָרט.

אַ פּוֹעֵל — אַן אַרבעטער, אַ געזעלן.

חוֹלֶה נוֹפֵל — אַ קראַנקער אויף פאַליקע.

רָצוֹן — ווילן.

גוֹלְמוֹת — ניט־לעבעדיקע פיגורן.

מַחֲשָׁבָה — געדאַנק.

מוֹחַ — מאַרך.

רַבֵּנוּ — אונזער לערער.

חֲשַׁד — פאַרדאַכט.

שֶׁלֹּא לְבַיֵּיש — ניט צו פארשעמען.

נוֹסח — סטיל, שטייגער.

---

# הַכְנָסַת כַּלָּה.

הַכְנָסַת כַּלָּה — פירן א כלה צו דער חופה. אזוי רופט זיך אויך דאָס זאמלען געלט פאר ארימע כלות, וואס רעכנט זיך פאר א באזונדערער מצוה.

סעוּדָה — מאָלצייט.

שַׁבְּתניק — ספעציעלער שבת־לייכטער.

אִיש מִפִּי אִיש — איינער פון אנדערנס מויל, ד. ה. איבערגענומען איינער פון אנדערן.

נְקֵבוֹת — ווייבלעכע פערזאָנען.

עוֹלָם אֱמֶת — אמתע וועלט, יענע וועלט.

תֵּיבָה — קאַסטן.

מַבּוּל — פארפלייצונג.

מִשְׁפָּחָה — פאמיליע.

מִן הַסְּתָם — וואָרשיינלעך.

דִיבּוּק — גלגול.

בְּחוּש — מיטן נאטור־געפיל.

רַחְמָנוּת — בארימהארציקייט.

דַלוּת — אָרימקייט.

שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם — פריד צו אייך.

לֹא — ניין.

לְחַיִּים — צום לעבן.

בענטשן מְזוּמָן — בענטשן זאלבעדריט, לויט דער באשטימונג פון דין.

אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם — אויב „דער נאָמען" (גאָט) וועט וועלן.

בְּנֵי בַּיִת — הויזיקע.

חָזֶרט איבער — זאָגט נאָך אמאָל.

שׁוֹטֶה — נאר.

נישט בְּקַו הַבְּרִיאָה — נישט אין דער ליניע פון געזונט, ד. ה. פשוט ניט געזינט.

עֵסֶק — געשעפט.

בּוֹררים — פונאנדערקלייבער.

יִמַּח שְׁמוֹ — אָפּגעמעקט זאל ווערן זיין נאָמען.

מְחוּתָּנים — עלטערן פון חתן־כלה.

פּוֹשֵׁעַ יִשְׂרָאֵל — פארברעכער קעגן פאָלק ישראל.

פְּסַק — אורטייל, משפט.

בְּהֵן צִדְקִי — ביי מיין גערעכטער האנט! אויף מיין ערן־וואָרט!

הֶעָזָה — פרעכקייט, עזות.

**כמובן** — פארשטייט זיך.
**פּטור** — באפרייט.
**חצי נזק קנס** — א העלפט נזק שטראף.
**חוץ מזה** — אויסער דעם.
**סדר עולם** — אָרדענונג פון דער וועלט.
**תשובה** — ענטפער.
**יהדות** — יידישקייט.
**אַ שלישית** — א דריטל.

---

# מקובלים.

**מקובלים** — מענטשן, וואס פארנעמען זיך מיט קבלה.
**ישיבה** — העכערע שול פאר תלמוד.
**ראש ישיבה** — עלטסטער (לערער) פון דער ישיבה.
**פּאות** — עקן האר.
**חשק** — לוסט.
**קבלה** — מיסטישע, געהיימע וויסנשאפט.
**ממה נפשך** — ווי ווילסטו.
**תעניתים** — פאסט-טעג.
**סיגופים** — זעלבסטפייניקונגען.
**סודות** — געהיימנישן.
**רוחות** — גייסטער.
**בחינות** — קאטעגאריעס, מדרגות.
**ז״ל** — זכרונו לברכה.
**גשמיות** — קערפערליכקייט, מאטעריעלישקייט.
**רוחניות** — גייסטיקייט.
**כל עצמותי תּאמרנה** — אלע ביינער מיינע ריידן.
**שבח** — א לויב.
**ברוך הוא** — געלויבט איז ער.
**בשר ודם** — פלייש און בלוט, ד. ה. א מענטש.
**פמליא של מעלה** — די פאמיליע פון אויבן, ד. ה. די מלאכים אין הימל
**התלהבות** — באגייסטערונג.
**שער** — טויער.
**צרופים** — געוויסע חשבונות אין קבלה.
**שאו ידיכם** — הייבט אויף אייערע הענט. אנהייב פון דער קורצער תפילה ביים וואשן זיך צום עסן.

**„הַמוֹציא"** — אזוי הייסט די ברכה איבער ברויט; אזוי רופט מען אויך דאָס שטיקל ברויט, וואָס מ'עסט נאָך דער ברכה.

**אַ תַּעֲנית תשובה** — אַ תענית, וואָס מע נעמט אויף זיך צוליב תשובה טאָן.

**הרהור** — טראַכטן.

**עוֹבר זיין** — איבערטרעטן, ניט אָפּהיטן, טאָן כּנגד.

**לֹא תַחְמוֹד** — דו זאָלסט ניט געלוסטן.

**מַדְרֵגה** — טרעפּ, שטופע.

**דַווקא** — גראָד.

**אֵברים** — גלידער.

**נַחַת** — פאַרגניגן.

**מִתּוֹך שִׂמחה** — פון פרייד.

**חוּשים** — געפילן.

**לְהַבדיל** — צום אונטערשיידן.

**זמירות** — ספּעציעלע שבתדיקע געזאַנגען.

**ווידוי** — דאָס מודה זיין זיך אויף זינד.

**בִנשיקה** — מיט אַ קוש (פון גאָט).

---

# דער תַּעֲנִית.

**אַ זֵכֶר** — אַ געדעכעניש.

**ראש חודש** — ערשטער טאָג פון חודש.

**עַין הָרע** — בייז אויג.

**בסוד** — געהיים.

**חָלִילָה** — פאַרמיידלעך, פאַרמיטן, ד. ה. עס זאָל אויסגעמיידט ווערן, זאָל נישט געשעען.

**שַחרית** — פרימאָרגנדיקער דאַוונען.

**קריאַת הַתּוֹרה** — דאָס תורה־לייענען.

**שוּלחן** — דער טיש אויף דער בימה אין קלויזן און שולן.

**תשעה באָב** — תענית ניין טעג אין אָב, ווען ס'איז אונטער־געצונדן געוואָרן דער בית המקדש

**שִׂמחַת תּוֹרה** — דער יום־טוב לכּבוד דעם פאַרענדיקן לייענען די תורה סוף יאָר.

**אָבִינוּ מֶלֶך** — אונזער פאָטער קיניג.

**בַּר מִצוָה** — זון פון מצוות. אזוי הייסט אַ ייִנגל, וואָס ווערט אַלט דרייצן יאָר און איז לויטן יידישן דין, שוין מחויב מקיים צו זיין אַלע מצוות.

---

# די גאָלדענע קייט.

**גַבַאי רִאשון** — ערשטער גבאי.

**אַ יָשיש** — אַ בכּבודיקער טיפער זקן.

**עֶזְרַת נָשִׁים** — די אָפּטיילונג פאַר ווייבער אין קלויזן און שולן.

**מוֹצָאֵי שַׁבָּת** — שבת־צונאַכטס.

**הַבְדָּלָה** — די ברכה איבער משקה שבת צונאַכטס צום אָפּשיידן שבת פון וואָך.

**מְקוֹרָבִים** — נאָענטע, אָנהענגער.

**פַּחַד** — שרעק.

**נֵר תָּמִיד** — ליכט, וואָס ברענט שטענדיק אין מקום קדוש.

**אַ מוֹפתל** — אַ וואונדערל.

**מָרָה שחוֹרה** — שוואַרצע גאַל, מעלאַנכאָליע.

**שכינה** — אָפּשיין פון גאָט, וואָס רוט אויף זיינע געליבטע; די באַרימהאַרציקע אומענדלעכע ליבשאַפט פון גאָט. ווערט געברויכט אויך אין זין פון דער עצם גאָטהייט.

**פִּקְדוֹנוֹת** — זאַכן, וואָס זיינען אָפּגעגעבן לפּקדון, אויף צום היטן. דאָ ווערן געמיינט נשמות.

**בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה** — דאָס געריכט פון אויבן.

**עֲטָרוֹת** — קרוינען, קראַנצן.

**פַּסקענען** — ארויסגעבן אַ פּסק.

**מֵאֵימַת יוֹם הַדִין** — פון מורא פאַרן טאָג פון דין.

**שַׁבַּת קוֹדש** — הייליקער שבת.

**סַמְבַּטיוֹן** — לעגענדאַרישער טייך, וואָס וואַרפט אַ גאַנצע וואָך פון זיך שטיינער אינדערהייך און רוט בלויז שבת.

**יסוּרים רָעִים** — בייזע ליידן.

**עִינוּיים קָשִׁים** — שווערע פּיינען.

**כִּסֵא הַכָּבוֹד** — דער ערן־שטול, גאָטס טראָן.

**כּוּלוֹ חַיָיב** — אינגאַנצן שולדיק.

**כּוּלוֹ זַכַּאי** — אינגאַנצן לויטער, ריין, אומשולדיק, גערעכט.

**אֵל רַחוּם וְחַנוּן** — גאָט דערבאַרימדיקער און גנעדיקער.

**מָשִׁיחַ** — דער געזאַלבטער באַפרייער פון דער וועלט.

**נְשָׁמָה יְתֵרָה** — איבעריקע, נייע נשמה.

**קדוּשה** — הייליקייט.

**עֲנַן הַכָּבוֹד** — ערן־וואָלקן, מקובלישער וואָלקן פון די העכערע הימלען.

**אֶבֶן שַׁיִשׁ טָהוֹר** — ריינסטער מירמלשטיין, מקובלישער פלאַסטער פון די העכסטע הימלען.

**זֶרַע אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב** — קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב.

**שִׁיר הַשִׁירִים** — דער געזאַנג פון געזאַנגען, דער העכסטער פון אַלע געזאַנגען.

**יִשָׁקֵנִי מִנְשִׁיקוֹת פִּיהוּ** — ער וועט מיך קושן מיט די קושן פון זיין מויל.

**כִּי טוֹבִים דוֹדֶיךָ מִיָיִן** — דען ס'איז בעסער דיין פריינדשאַפט פון ווייַן.

**מוֹרֵד בְּמַלְכוּת** — ווידערשפּעניקט אין דער מלוכה. דאָ: אין גאָטס מלוכה.

XVIII

# בּיים גוסס צוקאָפּנס.

**מְכַּמָּה וְכַמָּה שָׁנִים** — פון וויפיל און וויפיל יאָר; פון אַ סך יאָר.

**שְׁמַע יִשְׂרָאֵל** — הער ישראל; ערשטע ווערטער פון דער קורצער תּפילה, וואָס אַ ייד זאָגט מיט הארץ בעתן דאַוונען און אין אַ עת צרה.

**אֶחָד** — איינער (גאָט).

**יסורים שֶׁל אַהבה** — ליידן פון ליבשאַפט.

**מִנחה** — פאַרנאַכטיקע תּפילה.

**אַ פּגימה** — אַ ראַץ.

**שמוֹנֶה עשְׂרֵה** (=אַכצן) — די תּפילה מיט די אַכצן ברכות.

**מַעריב** — די אָוונטיקע תּפילה.

**מֶמשָׁלה** — הערשאַפט.

**אֱמונה** — גלויבן.

**אַ בּשורה** — אַן אָנזאָג.

**עַל דַעַת עַצמוֹ** — לויטן אייגענעם ווילן.

**הַעוַיָה** — קרים, גרימאַסע.

**אַ מַלְאַך חַבָּלה** — אַ מלאך מחבל, אַ פאַרדאַרבער.

**שליטה** — מאַכט.

---

# אינהאלט.


| | |
|---|---|
| | זייט |
| פון מיינע זכרונות | 3 |
| קינדער | 10 |
| דער משולח | 17 |
| מענדל ברייגעס | 25 |
| אַ כעס פון אַ יידענע | 30 |
| אַ קלעזמער־טויט | 34 |
| באָנציע שוייג | 37 |
| דאָס שטריימל | 44 |
| דער מלאָך | 50 |
| דער אייביקער פרידן אין ערגיץ־לאַנד | 52 |
| דער משוגענער בטלן | 58 |
| דריי בייטאָרין | 68 |
| דאָס געבעט | 69 |
| ביי דער פרעמדער חופה־קלייד | 71 |
| מאָניש | 75 |
| אויב גישט נאָך העכער | 94 |
| צווישן צוויי בערג | 97 |
| אַ גלגול פון אַ ניגון | 104 |
| וואָס אַ מאָל ווייניקער | 112 |
| הכנסת־כלה | 121 |
| מקובלים | 126 |
| דער תענית | 131 |
| די גאָלדענע קייט | 135 |
| ביים גוסס צו־קאָפּנס | 146 |

# ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין

אַנ—סקי ש.—שריפטן, באַנד I

אַש שלום. — מערי (ראָמאַן)

— ר׳ שלמה נגיד

— דראַמען, באַנד I יפתחס טאָכטער, שבתי צבי, אמנון און תמר

— דראַמען, באַנד II די יורשים, משיחס צייטן

— יפתחס טאָכטער

— די יורשים

— משיחס צייטן

— שבתי צבי, אמנון און תמר (צוזאַמען)

— אַ שטעטל

— דראַמען באַנד III גאָט פון נקמה, מיטן שטראָם, דער זינדיקער, אום ווינטער

— גאָט פון נקמה

— מיטן שטראָם, דער זינדיקער אום ווינטער

— ערציילונגען IV באַנד

— ערציילונגען V 〃

— דאָס נייע לעבן

## נייע דראַמען פון שלום אַש.

— אַ שנירל פערל

— דער טויטער מענטש

— פאַר אונזער גלויבן

# ו[illegible] פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין

## אַלע ווערק פון י. ל. פּרץ.

I באַנד פאָלקסטימלאַכע געשיכטן

II „ „די צייט" 1=טער בוך

„ „ 2=טער „

III „ דראַמען

IV „ אָדם וחוה (אין 5 טיילן)

V „ חסידיש

VI „ פאַר קליין און גרויס

VII „ בילדער און סקיצן

VIII „ אויפזאַצן און פעליעטאָנען

IX „ אַלט און ניי

X „ פון שטוב און גאַס

ביינאַכט אויפן אלטן מאַרק

די גאָלדענע קייט

פון מיינע זכרונות

א זאמלונג שריפטן וואָס ווערט ארויסגעגעבן נאָך זיין טויט

XI באַנד

מגילות

איכה

קהלת

שיר השירים

רות

אַקדמות

(פּרץ=בוך פון די יידישע וועלט 1915)